# סאָוועטיש
# היימלאַנד

5

1962

# סאָוועטיש היימלאַנד

צווייכאָדעשדיקער
ליטעראַריש-קינסטלערישער זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער-פאַרבאַנד פון פססר

סענטיאַבער 5 אָקטיאַבער

1962

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

# אינהאַלט


זײַט

נ. אַסטראָומאָוו. אפן קאָסמאָדראָם (רעפּאָרטאַזש) . . . . . . . . . 3
טעוויע גען. דער אלעפבייס (דערציילונג) . . . . . . . . 7
ארן ווערגעליס. איך רעד צו דיר, אמעריקע (פּאָעמע) . . . . . . . 24
מישע לעוו. דער ריגער מאַנוסקריפּט און זײַן אַווטאָר . . . . . . . 35
עלמאר ריוואַש. צווישן לעבן און טויט. ערשטער טייל. הינטער די דראָטן פון געטאָ . . . 38
וולאַדימיר דאנקאָ. לידער וועגן פרילינג . . . . . . 63
עליע שעכטמאן. ערעוו (ראָמאַן. סאָף). אילוסטרירט פון מ. גאָרשמאַן . . . . . 67
איטשע באָרוכאָוויטש. איך בין אַזאַ, ווי אַלע. — רעגנבויגן. — א טראָפּן ליכט. — טרײַ־
שאַפט (לידער) . . . . . . . . . . . 77
אוורהם וועלעדניצקי. די שטים פון פרידן. — צום בוים. — דערהער איך קלאַנגען... (לידער) 79
יאנקאַ בריל. אן איפּשריפט אף א געבײַ (דערציילונג) . . . . . . . 80
כאַנע חײַנערמאַן. א דעמב. — גלײַכגילטיקײַט. — וועגן ליבע. — פאַרגעפיל (לידער) . . 92
ראָכל בוימוואַל. מײַסעלעך פאַר דערוואַקסענע . . . . . . . . . 94


## טריבונע פון לעבן


שירע גאָרשמאַן. קומט, ווען די טולפּאַנען בליִען (פאַרצייכענונג) . . . . . . . 103
יאנקעוו שטערנבערג. מײַן אַלטע היים אין פּראָפיל (רײַזע־נאָטיצן) . . . . . . . 110


## ליטעראַטור און קונסט


פּראָפ. מ. שאַץ־אַנין. ליטעראַטור און הומאַניזם . . . . . . . . . . 117
כאַים לויצקער. פּאָעטישער אופשטײַג . . . . . . . . . . . . 118
יִסראָעל סערעבריאַני. וועגן נאָוועלע און נאָוועליסטן . . . . . . . . . 120
כראָניק . . . . . . . . . . . . . . . . . 125


## לאָמיר זינגען נײַע לידער


כאַנוקאַס־האַבאַיִס. ווערטער פון כ.ביידער. מוזיק פון ל. יאַמפּאָלסקי.


---


הויפּט־רעדאַקטאָר א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע: נ. אויסלענדער, א. גאָנטאַר, ה. דאָבין, מ. טייף, ב. מילער,
י. פאַליקמאַן, ס. פּרײַ, ר. רובין.
פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר מ. לעוו.

(רעפּאָרטאַזש)

## ערשטער טאָג

די ראַקעטע שטייט אומבאַוועגלעך, אַ גרייטע צום סטאַרט. אומענדלעך ציט זיך די צײַט. דער באַזילבערטער קאָרפּוס אירער זעט זיך גוט אַרויס אפן פאָן פונעם הימל. מענטשן ציילן די רעגעס ביזן אַרויספלי.

— איין מינוט איז געבליבן...

מע האָט מוירע כאָלילע ניט דורכלאָזן די ערשטע רעגעס, ווען די ראַקעטע וועט נעמען אופלעבן. מע קוקט אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז די אויגן טוען אַזש וויי.

— אופשטײַג! — הערט זיך די ראַדיאָ־קאָמאַנדע.

איבער דער ערד צעשפּרייט זיך אַ רויך. אין זײַנע קנוילן גיט אַ בלאַנק אַ פײַער. די ראַקעטע האָט זיך גערירט פון אָרט! לאַנגזאַם, ווי אונטערפוילנדיק זיך, הייבט זי זיך אוף אַלץ שנעלער. אָט האָט אַף איר עק אַ גלאַנץ געטאָן די זון. אַ מעכטיקער דונער, אַ שטאַרקערער איידער אין דער נאַטור, האָט זיך דורכגעקײַקלט איבער דער גאַנצער אומגעגנט.

שנעלער, שנעלער שטײַגט אין הימל די ראַקעטע. דער פלאַם איז שוין קימאַט אין זעניט. דער פײַער־פונקט פאַרשווינדט אין די ווײַטע הייכן.

— אַלץ גייט נאָרמאַל, אַלץ גייט נאָרמאַל! — איינער דעם אַנדערן גיט איבער אפן קאָסמאָדראָם אָט די ערשטע ווערטער, וואָס דער קאָסמאָנאַווט אַנדריאַן גריגאָריעוויטש ניקאָלײַעוו האָט ראַדירט פון זײַן קאָסמישער שיף.

...איך האָב אַ גאַנצן מעסלעס צוגעקוקט זיך צום לעבן פונעם קאָסמאָדראָם ערעוו דעם סטאַרט. דאָ איז קיין סימען ניטאָ פון האַוועניש. מענטשן גייען רויק איבער די גאַסן, עס זײַנען אָפן די מאַגאַזינען, עס יאָגן אויטאָמאַשינעס, זאָרגלאָז פלאַטערן די פאָרהענגלעך אַף די פענצטער. אויסערלעך איז אַלץ רויק.

אינעם האָטעל, וווּ עס געפינען זיך די קאָסמאָנאַווטן, קומען מענטשן מיט פאָרטפעלן, טשעמאָדאַנדלעך. אין אָוונט, ווען אינעם קליינינקן האָטעל־זאַל האָט מען פאַרענדיקט דעמאָנסטרירן אַ קינאָ־פילם, זײַנען אַלע אַרויס אין גאַס. צווישן אוילעם האָט מען געקאַנט זען אַ גרופּע פריילעכע פאַרברוינטע יאַטן. דאָס זײַנען זיי — די קאָסמאָנאַווטן. דאָ איז אויך ניקאָלײַעוו. ער זעט, עמעס, אויס ערנסטער, אַ ביסל מער פאַרטראַכט, איידער די איבעריקע. נאָר פונקט אַזוי האָט ער אויסגעזען אויך מיט אַ יאָר צוריק, ווען מיר האָבן באַגעגנט גערמאַן טיטאָוון אינעם ראַיאָן, וווּ „וואָסטאָק־2" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. דעמלט איז ניקאָלײַעוו געווען דער דובליאָר.

פונעם סטאַרט־פּלאַץ איז געקומען גאַגאַרין, אַ פריילעכער, ווי שטענדיק. ער האָט אַן אופגאַבע אין שײַכעס מיטן פאַרשטייענדיקן פלי.

— דורכגעקאָנטראָלירט דאָס הונדערט ערשטע מאָל, — דערציילט ער די פרײַנט.

גערמאַן טיטאָוו האָט זיך אומגעקערט אין האָטעל שפּעט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן בײַ די אינזשענירן.

רויִק זײַנען דאָ די מענטשן, רויִק זײַנען זייערע געדאַנקען.

אַף דעם פּלאַץ לעבן האָטעל ווערט אַלץ ווייניקער אוילעם. אין די גאַסן איז שוין שטיל. איינס נאָך דאָס אַנדערע לעשן זיך אויס די פענצטער אין די הײַזער, און נאָר די מילך־שײַן פון די לאַמטערנס שפּיגלט זיך אָפּ, ווי אַ ריי לעוואָנעס, אין דעם ליידיק געוואָרענעם אַספאַלט.

צי זײַנען גענוג בלויז שטאַרקע נערוון, אַז מ'זאָל אין אַזאַ נאַכט קאָנען שלאָפֿן רויִק? ניין, פֿאַר אַ רויִקן שלאָף איז איצט עפּשער נייטיקער דערפֿאַרונג, קענטעניש, מײַסטערשאַפֿט, און צוזאַמען דערמיט אויך די זיכערקײַט: דאָ איז פֿאָרגעקומען גאַגאַרינס סטאַרט, פֿונדאַנען איז אַרויסגעפֿלויגן טיטאָוו...

---

באַגינען, אַ מעסלעס ערעוו דעם סטאַרט. די מישפּאָכע קאָסמאָנאַווטן האָט זיך שוין צוריקגעקערט פֿון דער טרענירונג. ניקאָלײַעוו איז אויך דאָ. ער איז אָנגעטאָן אין אַ לײַכט העמדל און אין ספּאָרטיווע הויזן. עס דוכט זיך, אַז ער זעט אויס פֿאַרזאָרגט, נאָר ניין, ס'איז אַ טאָעס. די געדיכט־צונויפֿגעוואַקסענע ברעמען און די עטוואָס פֿאַרזשמורעטע אויגן מאַכן אַן אײַנדרוק, פּונקט ווי דער באַלעבאָס זייערער וואָלט געהאַט אַ האַרבן אויסזען.

אַלע זײַנען שוין גרייט אַרויסצופֿאָרן אויפֿן פֿלי־פּלאַץ. נאָר אָט לויפֿט עמעצער צו צו אַנדריִאַנען מיט אַ ביכל אין דער האַנט. אויף דער גרינער הילע איז אָנגעשריבן: „לערמאָנטאָוו, לידער“.

— דאָס נעם איך מיט זיך אין וועג אַרײַן, — זאָגט דער קאָסמאָנאַווט־3.

אין אָנהייב פֿונעם שאָסיי, וואָס פֿירט צום פֿלי־פּלאַץ, שטייען ליכטיק געפֿאַרבטע הײַזער. באַ די זײַטן — גרינע טאָפּאָלן. אַ וועג, אַ גלײַכער, ווי אַ ווירע, שנײַדט דורך דאָס אָרט. פֿאַרגאָסן איז דער וועג מיט טשוהון־גרויען אַספֿאַלט, באַזוימט מיט צעמאָלענע שטיינדלעך און אַרומגעשטעפּט מיט גרינס.

אין קילאָמעטער, אַ צווייטער, אַ דריטער. אויפֿן האָריזאָנט באַווײַזט זיך דער סילועט פֿון אַ טורעם. דאָס איז אָן שום ספֿעק די ראַקעטע.

דער אויטאָמאָביל איז געבליבן שטיין אַ קילאָמעטער צען פֿונעם גרוי־שטאָלענעם גיגאַנט, וואָס איז ציטעריק אויסבאַהאַלטן פֿון זײַטיקע אויגן דורך אַ קאָמפּליצירטן געפֿלעכט פֿון פֿערמעס. אָט איז ער, דער וווּנדער פֿון אונדזער צײַט! ווען מיר וואָלטן, פּונקט ווי די אוראַלטע מענטשן, אָפּגעקליבן זיבן מערקווירדיקסטע שאַפֿונגען, וואָלטן מיר די דאָזיקע שאַפֿונג באַצייכנט מיטן נומער איינס.

אויפֿן בעטאָן־פּלאַץ שטייען אין אַ גלײַכן געאָמעטרישן פּירעק די „סטאַרטאָוויקעס“ — יונגע, שלאַנקע יאַטן.

ניקאָלײַעוו דאַנקט זיי פֿאַר דער מי, וועלכע גיט אים די גליקלעכע מעגלעכקײַט צו פֿליִען אונטער די שטערן. ער דאַנקט זיי פֿאַרן מאָנטאַזש פֿון דער ראַקעטע, פֿאַר צוגרייטן די קאָסמישע שיף, פֿאַר אויסרעגולירן אַלע אירע סיסטעמעס.

דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר שטופּט קוים־קוים אונטער דעם עטוואָס שעמעוודיקן קאָסמאָנאַווט און פֿירט אים דורך פֿאַרבײַ דעם אַפּלאָדירנדיקן עולם...

ניקאָלײַעוו גייט אַרײַן אין ליפֿט און הייבט זיך אויף צו דער שיף. אין דער הייך זעט מען אים ניט — עס פֿאַרשטעלט אים דאָס מעטאַלענע געפֿלעכט. נאָך אים הייבן זיך אויף צו דער שיף דער פֿאָרזיצער פֿון דער מעלוכע־קאָמיסיע און דער קאָסמאָנאַווט־דובליאָר.

דאָס אַלץ, וואָס מיר זעען איצט, איז אַ מין רעפּעטיציע פֿאַרן סטאַרט, אַ פּראָצעדור פֿון באַשטעטיקן די גרייטקײַט צום אָפּפֿליִען. די געזעגעניש אויפֿן פֿלי־פֿעלד, דאָס אויפֿהייבן זיך אויפֿן ליפֿט צו דער שיף — זײַנען שוין געוואָרן אַ טראַדיציע אויפֿן קאָסמאָדראָם.

דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר איז, קאָנטיק, מיט אַלץ צופֿרידן. די שטימונג איז באַ אים אַ געהויבענע, ער איז גרייט צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגן פֿון די קאָרעספּאָנדענטן דאָ אויפֿן אָרט, אונטער דער סאַרפּענדיקער זון.

וועגן דעם קאָסמאָנאַווט־3 רופֿט ער זיך אָפּ אַזוי:

— זײַן הויפּט־שטריך איז — רויִקײַט, רויִקײַט, רויִקײַט...

באַם קאָסמאָנאַווט און זײַן דובליאָר איז פֿאַראַן אַ ספּעציִעלער גראַפֿיק. פֿאַר מיטיק קלײַבן זיי זיך אַריבער אין אַ קאָטעדזש, וווּ זיי וועלן זיך געפֿינען אַ מעסלעס צײַט ביז דעם סטאַרט. אויך אין דעם פּראַט האָבן זיך שוין געשאַפֿן טראַדיציעס. גאַגאַרין און טיטאָוו האָבן ערעוו זייער רײַזע אינעם קאָסמאָס געוווינט אינעם זעלבן קאָטעדזש.

אין צימער באַם קאָסמאָנאַווט־3 און זײַן דובליאָר איז אַלץ פּונקט אַזוי, ווי עס איז געווען פֿאַר דעם ערשטן אַרויספֿלי אין קאָסמאָס. איבערן בעט, אויף וועלכן עס איז אין יענער אַפּרעלנאַכט געשלאָפֿן גאַגאַרין, הענגט איצט זײַן פּאָרטרעט, איבערן צווייטן בעט — טיטאָווס.

די ווענט פֿונעם צימער זײַנען אויסגעקלעפּט מיט בלויע טאַפּעטן. אויף אַ קליין טישל ליגט אַ שאָך־ברעט מיט פֿיגורן, דיסקן מיט מאַגניטאָפֿאָן־סטענגעס...

דער שמועס מיט די קאָרעספּאָנדענטן איז אַ קורצער. דער גראַפֿיק דערלויבט ניט. דער קאָסמאָנאַווט וויל פֿונדעסטוועגן אומבאַדינגט ענטפֿערן אויף אונדזערע פֿראַגן.

— איך ארבעט, נאָר זיי ארבעטן דאָך אויך, — נעמט ער זיך אָן פאר די קאָרעספּאָנדענטן.
יאָ, ער איז געזונט, בא אים איז א גוטע שטימונג, ער איז פולשטענדיק גרייט צו פליִען אין קאָסמאָס. ער דאנקט דער פארטיי און דער רעגירונג פאר דעם צוטרוי, וואס מע ווײַזט אים ארויס...
— א גוטע־נאכט, ביז מאָרגן! ביזן סטארט!
און ווידער נאכט, א שטילע און א רויִקע. מע זאָגט, אז דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר איז אינ־מיטן נאכט געגאנגען קאָנטראָלירן, צי שלאָפן זיי. ער האָט זיך אומגעקערט א צופרידענער: זיי שלאָפן געשמאק!

---

ווי נאָר די זון האָט מיט אירע ערשטע שטראלן זיך צוגערירט צו דער ראקעטע, איז טאקע דאָ אין א הויז, וואס שטייט בישכיינעס מיט דער קאָסמישער שיף, זיך צונויפגעקומען אף א זיצונג די מעלוכע־קאָמיסיע.
קורץ, געפרעסט זײַנען די באריכטן פון די אָנפירער פון די אמטן: גרייט, גרייט, גרייט... דער קאָסמאָנאווט — גרייט!
דאָס זעלבע ראפּאָרטירן די קאָנסטרוקטאָרן פון די קנופּ־פונקטן, פון די סיסטעמעס, אגרעגאטן:
— גרייט!
א פײַערלעכע שטילקײַט. די מיטגלידער פון דער מעלוכע־קאָמיסיע שרײַבן אונטער דעם אקט וועגן דער גרייטקײַט...
דער אווטאָבוס מיט די קאָסמאָנאווטן דערנעענטערט זיך צו דער ראקעטע. פונעם אווטאָבוס טראָגט זיך א געזאנג. מע זינגט די פּאָפּולערע ליד „הינטערמאָסקווער אָוונטן". דער ערשטער שפּרינגט ארויס טיטאָוו. ער מיט גאגארינען באגלייטן זייער כאוור אין דעם וועג, וועלכן זיי האָבן שוין דורכגעמאכט.
איבערן פלאץ שפּאנט עטוואס אומגעלומפּערט א קאָסמאָנאווט אין אן אָראנזשעווען קאָמבינע־זאָן און אין א גרויען העלם.
דער פאָרזיצער פון דער מעלוכע־קאָמיסיע, דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר, דער טעאָרעטיקער פון קאָסמאָנאווטיק נעמען ארום ניקאָלײַעוון און צעקושן זיך מיט אים.
פונעם ליפט דערטראָגט זיך דעם קאָסמאָנאווטס קאָל:
— צום גיכן ווידערזען, כאווײרים!..

## צווייטער טאָג

דער ערשטער, צווייטער, דריטער קרײַז פון „וואָסטאָק־3" ארום דער ערד. אפן קאָמאנדע־פונקט הערט איך די שטים, וואס טראָגט זיך פונעם קאָסמאָס. פון די הייכן אונטער די שטערן רעדט אנדריִאַן ניקאָלײַעוו.
דער אוילעם פארזאמלט זיך ארום טעלעוויזיע־עקראַן. מע זעט גוט דעם קאָסמאָנאווט, וואס האָט זיך באקוועם אײַנגעאָרדנט אין זײַן קאבינע.
אפן קאָסמאָדראָם פונקציאָנירט שוין דער גראפיק פון צוגרייטן צום פלי דעם קאָסמאָ־נאווט־4. אין קאָטעדזש, וועלכן עס האָט ערשט נעכטן פארלאָזן אנדריִאַן ניקאָלײַעוו, האָט זיך שוין ארײַנגעקליבן פּאווועל פּאָפּאָוויטש. דאָ זעט מען שוין א נײַס: צוגלײַך מיט גאגארינס און טיטאָווס פּאָרטרעטן הענגט דאָ דער פּאָרטרעט פונעם קאָסמאָנאווט־3. מיט דער צײַט וועט אפן קאָסמאָדראָם זײַן א פּאָרטרעטן־גאלעריי!
פּאווועל איז אפן ערעווו־קאָסמישן רעזשים, נאָר זײַן שפּײַז־ראציאָן — שוין א קאָסמישער.
— פארזוכט! — צעוויקלט ער פאר די זשורנאליסטן א קאָסמאָנאווטישן שפּײַז־פּאקעט...
די געסט האָבן באשלאָסן צו פארזוכן בלויז דעם וויטאמיניזירטן זאפט פון שווארצע יאגעדעס אין א גרויסן טוביק. ס'איז געשמאק!
פּאווועל פּאָפּאָוויטש איז א פעסטער, א פארברויִנטער פון דער זון יונגער מענטש. ניט אין אלץ איז ער ענלעך אף זײַן כאווער, וואס פליט שוין אין די קאָסמישע הייכן. פּאווועל איז א וויצ־לינג, האָט ליב א כאָכמע, רעדט מיט בילדערישע פארגלײַכן...
— מײַן שוואלב, — האָט ער אָנגערופן די קאָסמישע ראקעטע, ווען ער איז געקומען צו פאָרן באדאנקען די מענטשן, וועלכע האָבן געגרייט די לופטשיף צום סטארט. — איך ווייס, — האָט ער געזאָגט צו די „סטארטאָוויקעס", — די שוואלב וועט ניט אונטערפירן. איך גיב דאָס וואָרט פון א קאָמוניסט, און אזא וואָרט איז פעסט, אז איך וועל באַרעכטיקן אײַערע האָפענונגען: „וואָסטאָק־4" און איך וועלן אויספילן די פארגעבענע פּראָגראם. צום ווידערזען, מײַנע פרײַנט!
קאָיאָר האָט זיך ווידער פארזאמלט די מעלוכע־קאָמיסיע. עס הערן זיך די באקאנטע ווערטער פון די אָנפירער:

— גרייט!

פון די קאָנסטרוקטאָרן:

— קיין באַמערקונגען ניטאָ!

מע באַשליסט: דער סטאַרט וועט פאָרקומען הײַנט!

---

ניט ווײַט פון דער ראַקעטע שטייט א מעכטיקער אונטערערדישער בנין פון בעטאָן. מאַסיווע טירן פירן אין די צימערן, וועלכע זײַנען עמעסע קיניגרײַכן פון עלעקטראָניק.

דאָס גרעסטע צימער איז געוויס יענץ, ווו עס ווערט אַרויסגערעדט דאָס געגאַרטע פאַר די קאָסמאָנאַווטן וואָרט: „אופשטײַגן!" דאָ שטייט באַם פעריסקאָפּ דער שעף פון דער סטאַרט־קאָמאַנדע. בלויז דורך דער אָפּטיק קאָן מען נאָענט זען די ראַקעטע אין די לעצטע רעגעס פאַרן סטאַרט. איך גיב א קוק אַרײַן אינעם אָקוליאַר, און לעבן מיר וואַקסט אויס, ווי א לעגענדאַרער ריז, די וווּנדערלעכע „שוואַלב" פונעם פערטן קאָסמאָנאַווט.

אויך דאָס מאָל זײַנען דער קאָסמאָנאַווט און זײַנע באַגלייטער געקומען צום סטאַרט־פּלאַץ מיט א ליד. „די וווּנדערלעכע ווײַט רופט!" — הערט זיך פונעם אָנגעקומענעם אַווטאָבוס.

פּאַוועל פּאָפּאָוויטש ראַפּאָרטירט דעם פאָרזיצער פון דער מעלוכע־קאָמיסיע:

— צום פלי גרייט!

אַף אַלעמענס פּנעמער — א צופרידענער שמייכל. דער פאָרזיצער פון דער מעלוכע־קאָמיסיע גייט אַנטקעגן דעם קאָסמאָנאַווט:

— Здоровеньки булы! (אַן אוקראַיִנישע באַגריסונג) — שמייכלט דער פאָרזיצער, פּאַטשנדיק איבער דער פּלייצע דעם קאָסמאָנאַווט דעם אוקראַיִנער.

— До побачення! (צום ווידערזען) — ענטפערט פּאַוועל פּאָפּאָוויטש אין טאָן דעם פאָרזיצער.

מע צעקושט זיך. דעם קאָסמאָנאַווטס געזעגענונגס־ווערטער הערט מען שוין פון ליפט.

— די „שוואַלב" וועט מיך באַלד אַוועקטראָגן אין קאָסמאָס... איך גלייב און איך ווייס, אַז אַלץ וועט דורכגיין בעשאָלעם. צום ווידערזען, מײַנע פרײַנט!

א ביסל שפּעטער הער איך דעם קאָסמאָנאַווט־4 שוין דורך ראַדיאָ. ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין זײַן שיף און רעדט איצט מיט דער ערד. די „ערד" איז — יורי גאַגאַרין. אים האָט מען באַאויפטראָגט צו האַלטן די פאַרבינדונג מיטן קאָסמאָנאַווט־4.

די ראַדיאָ פירט א כעזשבן פון דער צײַט. די פערמעס זײַנען אָפּגעטראָטן פונעם קאָרפּוס פון דער ראַקעטע, וואָס דאַרף טראָגן די שיף. די ראַקעטע גלאַנצט ווי זילבער אַף דער זון. ס'איז באַוווּסט, אַז זי פאַרנעמט מיט רעכט דאָס ערשטע אָרט אין דער וועלט אַפן געביט פון דער ראַקעטן־טעכניק. זי האָט אָבער ניט ווייניקער רעכט אויך אַפן העכסטן פּריז אין פראַט פון טעכנישער עסטעטיק.

צײַט ביזן סטאַרט איז נאָך פאַראַן, נאָר די כאַווײרים, וואָס זײַנען געקומען באַגלייטן דעם קאָסמאָנאַווט, קוקן ווי פאַרקישעפטע אַף דער ראַקעטע, וועלכע איז אָנגעצילט מיט איר קאָרפּוס אין הימל.

— דײַן „שוואַלב" איז אַן עמעסע שיינהײַט, — זאָגט דורך ראַדיאָ גאַגאַרין צו פּאַוולען.

— א שוואַלב דאַרף טאַקע זײַן א שיינע! — הערט זיך פּאָפּאָוויטשעס ענטפער.

— נאָר דאָס איז א באַזונדערס שיינע שוואַלב! — לאַכט גאַגאַרין.

ביזן פלי איז געבליבן איין מינוט...

און ווידער ווי נעכטן: א רויך, די ראַקעטע בלײַבט אַף אַן אויגנבליק הענגען איבערן סטאַרט־פּלאַץ, א בלענדנדיקער פלאַם, א מעכטיקער דונער פון די מאָטאָרן...

העכער, העכער! די שיף אײַלט אַהין, ווו עס פליט שוין א מעסלעס צײַט „וואָסטאָק־3". כלעבן, עס איז שוין צײַט צו טראַכטן וועגן א קאָסמישן גראַפיק!

פּאַוועל פּאָפּאָוויטש ראַדירט:

— אַלץ גייט אויסגעצייכנט!

איצט זײַנען זיי שוין צווייען אינעם קאָסמאָס. צוויי סאָוועטישע מענטשן, צוויי קאָמוניסטן!

פּלוצעם קײַקלט זיך דורך איבערן קאָסמאָדראָם א נײַער שטורעם פון באַגײַסטערונג: עס איז אָנגעקומען א ראַדיאָ, אַז „וואָסטאָק־3" און „וואָסטאָק־4" האָבן אײַנגעשטעלט צווישן זיך א פאַרבינדונג. אַנדריִאַן האָט גערעדט מיט פּאַוולען! פּאָפּאָוויטש האָט געענטפערט ניקאָלײַעוון!

א היסטאָרישע געשעעניש — צוויי מענטשן פירן א געשפּרעך אינעם קאָסמאָס! דרייסטע געדאַנקען וועגן דער צוקונפט ווערן געבוירן אין קאָפּ...

ג. אָסטראָומאָוו.

קאָסמאָדראָם, 12 אַווגוסט 1962.

טעוויע גען

# דער אלעפבייס

יעדער אָנהייב איז שווער

(א פאָלקסווערטל)

## 1

— די דריטע טיר פון רעכטס, אפן צווייטן שטאָק, — האָט געזאָגט דער וועכטער, דערלאַנגענדיק דעם יונגן אינזשעניער מיכל וואָראָבייטשיק א דורכלאָז־שײַן אין דער דרוקערײַ.

מיכל האָט ניט באוויזן צו מאכן עטלעכע טריט אין הויף, ווי דורך די אײַזערנע טויערן איז אַרײַנגעפאָרן א לאסטמאשין, אָנגעלאָדן מיט גרויסע רולאָנען פאפיר. ער האָט זיך צוגעטוליעט צו דער וואנט פון עפּעס א געבײַ און דורכגעלאָזט די מאשין.

פארשיידענע מינים באזוכער קומען אין דער דרוקערײַ. קליִענטן באמיִען זיך שוין באם אַרײַנגיין פארגעדענקען די טיר אף ארויסצוגיין. א „קאָמאנדיראָוואָטשנער" מערקט אָפּ אפגיך אין דער קאנצעליאריע די צײַגעניש און זאָגט „א גוטן־טאָג". בײַם דעם מיטיק־איבערײַס לייענט א לעקטאָר דורך די לעקציע און לויפט זי לייענען אין אן אנדער אָרט. גאָר אן אנדער סאָרט מענטש איז דער, וואָס קומט זיך אײַנאָרדענען אף ארבעט. אזא פארשוין דערקענט מען פאר א מײַל. ער גייט פּאוואָליע, די בלאָנדזשענדיקע אויגן כאפן דורשטיק אוף יעדע קלייניקײַט. אלץ אינטערעסירט, אלץ איז וויכטיק, אלץ וויל ער וויסן.

פארן אַרײַנגיין אין קאדרען־אָפּטייל האָט מיכל אופמערקזאם איבערגעלייענט די מעלדונגען אפן טאָוול לעבן דער קאָנטאָר, אַרײַנגעקוקט אינעם סקווערל, וואָס אנטקעגן דער דרוקערײַ. דאָרט האָט מען אונטער די קרוינען פון א פאָר לינדנביימער געשפּילט אין ביליארד. עס האָט זיך געהערט, ווי די ביליארד־קוילן קלאפּן איינער אינעם צווייטן.

די קאָנטאָר געפינט זיך אין ניט קיין גרויסער צווײשטאָקיקער געבײַדע. אפן ערשטן שטאָק איז די גאָרקיך. אופהייבנדיק זיך אף די טרעפּ, האָט מיכל אײַנגעטעמט אין זיך די רייכעס פון פארשיידענע געקעכטסן. דעריקער האָט געשלאָגן אין נאָז מיט געפּרעגלטע פיש. „אפצוריקוועגס דאַרף מען אַרײַנכאפּן א מיטיק", האָט ער א טראכט געטאָן.

דאָרטן, וווּ די טרעפּלעך פארקערעווען, האָט אים אריבערגעיאָגט א הויכער מאנצבל, וואָס האָט געהאלטן צוגעטוליעט צו דער ברוסט א פּעקל פריש־געדרוקטע בלעטלעך. אין דער אייבערשטער קעשענע פון זײַן ספּעצאָווקע האָט זיך געבאָמבלט א שטאָלענע ווירע.

מיכל האָט גענומען גיין איבערן לאנגן טונקעלן קאָרידאָר פון טיר צו טיר. „זאווקאָם", „קאדרען־אָפּטייל" זײַנען אף איין טיר געווען צוגעקלאפּט צוויי שילדלעך. דאָ האָט וואָראָבייטשיק זיך אָפּגעשטעלט, א פיר געטאָן מיט דער האנט איבער דער קוטשמע האָר, צוגעגלעט די לעפּלעך פון די קעשענעס אפן רעקל און איז אַרײַן אין א געראַומען צימער, ווו די ווענט זײַנען געווען באהאנגען מיט פלאקאטן און פּאָרטרעטן. איין ווינקל אינעם צימער איז געווען אָפּגעצאמט און פון אויבן פארגלאָזט מיט גרינבלעכע שײַבעלעך. דאָס האָט דערמאָנט אן אקוואריום. אין דעם דאָזיקן ווינקל זײַנען געשטאנען צוויי ניט קיין גרויסע טישלעך. בא איינעם איז געזעסן א באַיאָרטע פרוי, דאָס אנדערע טישל האָט פארנומען א יונג מיידל. ווען מיכל איז אַרײַן, האָט דאָס מיידל אפגיך אוועקגענומען די אויגן פונעם זשורנאל „אָגאָניאָק" און זיך פארטיפט אין עפּעס א פאפירל.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן? — האָט די פרוי זיך אַ דריי געטאָן צו אים צוזאַמען מיטן קײַלעכיקן הויכן בענקל, אַף וועלכן זי איז געזעסן. דאָס בענקל איז, ווי‏ײַזט אויס, גענומען געוואָרן בײַ די לינאָטיפּיסטן — עס האָט אַ שרויף און דרייט זיך אַרום דער אַקס.

מיכל האָט באַוויזן דעם דיפּלאָם, אַוועקגעלייגט אַפן טיש צוויי פּאָטאָקאַרטלעך. פון די קאַרטלעך האָט אַראָפּגעקוקט אַ שיינער באָכער, עס האָט נאָר געדוכט, אַז באַם פּאָטאָגראַפירן זיך האָט ער אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס און צו ברייט צעעפנט די אויגן.

אין אַ מינוט אַרום האָט די טיר פונעם צימערל ווידער זיך געעפנט און אַפן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן. אַ פּאָר רעגעס האָט איר בליק פאַרלוירן אַרומגעבלאָנדזשעט, ווי וועלנדיק טרעפן, ווער איז דאָ אין צימער דער „נאַטשאַלניק". צום סאָף זיך פאַרהאַלטן אַף דער באַיאָרטער פרוי. שעמעוודיק, ווי נאָך גאָר אַ קינד, האָט דאָס מיידל בײַ איר געפרעגט, צי דאַרף מען ניט קיין שילערנס.

— מע דאַרף, — האָט די פרוי געענטפערט.

אַ ווײַלע שפּעטער איז שוין דאָס מיידל געזעסן באַם טישל לעבן יונגמאַן און אויך געשריבן אַ מעלדונג וועגן אָנעמען זי אַף אַרבעט. מיכל האָט גנייוויש אַ פּאָר מאָל געכאַפּט אַף איר אַ קוק — אַף דער רעכטער באַק, גלײַך אונטער דעם אויג, איז בײַ איר געווען אַ פלאַמיק פינטל. מיטן שאַרפן וואַרעמען עלנבויגן אונטערן ווײַסן דורכזיכטיקן קאָפּטל האָט זי, שרײַבנדיק, יעדע רעגע אים אַ שטויס געגעבן אין האַנט.

עס מאַכט זיך אַמאָל, אין אַ מוזיי כאַפּן מיר אַן אויבן־אויפיקן קוק אַף אַ בילד, וואָס הענגט באַשיידן פאַרוקט אין אַ טונקעלן ווינקל, ערגעץ בײַ די טרעפּ אָדער הינטער אַ טיר. מיר גייען גלײַכגילטיק פאַרבײַ, קוים וואַרפנדיק אַף דעם אַ בליק. מיר אײַלן צו די שעדעווערן, וואָס הענגען אויבנאָן, אַף די שפּיגל־ווענט אין די גרויסע זאַלן. אַפּצוריקוועגס טוען מיר צופעליק ווידעראַמאָל אַ קוק אַף יענעם בילד בײַ די טרעפּ און שטעלן זיך אָפּ לעבן דעם. מיט עפּעס האָט עס אונדז פאַראינטערעסירט, מיר אײַלן שוין ניט אַוועקצוגיין. מיר געפינען אַלץ מער דעטאַלן, וואָס נעמען בײַ דער נעשאָמע. אַ שטילע פרייד פון אַן אומגעריכטער אַנטדעקונג כאַפּט אונדז אַרום.

עטוואָס ענלעכס איז איצט פאָרגעקומען מיטן יונגן אינזשעניער. דער ערשטער אײַנדרוק וועגן זײַן צופעליקער שוטעפטע באַם טיש איז געווען: אַ מיידעלע, קימאַט אַ קינד, נאָרוואָס פון דער שולבאַנק, מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן און מיט עפּעס אַ פינטל, ווי אַ קנעפּעלע, וואָס אָט פאַרשווינדט עס פון דער פאַרברויגטער באַק און אָט טוט עס זיך ווידער אַ באַווײַז. אָבער מאָדנע: איין מאָל אַף איר אַ קוק געטאָן, האָט ער געוואָלט אַ קוק טאָן נאָכאַמאָל... איר פּאָנעם האָט זיך אַלע ווײַלע פאַרענדערט. ווען זי האָט פאַרקלערטערהייט אויפגעהויבן די הענטלפען אַרופצו און בייסמײַסע געקוקט אַף די גרינע שײַבעלעך פונעם „אַקוואַריום", האָט זי אויסגעזען עלטער פון אירע יאָרן, ווי אַ מענטש, וואָס האָט שוין פאַרזוכט ניט בלויז דעם זיסן טאַם פון לעבן, נאָר צומאָל אויך דעם ביטערן. פאַרקערט, בייס זי האָט זיך אײַנגעבויגן צום טישל און אָנגעהויבן לויפן מיט דער פּען איבערן פּאַפּיר, טרייסלענדיק, ווי אַ שעפּעלע, מיט די געקרויזטע האָר אַפן נאַקן, האָט זי געהאַט דעם אָנבליק פון אַ מיידעלע, וואָס שפּילט אין „קלאַסן".

מיכל האָט פאַרענדיקט שרײַבן און אַ טראַכט געטאָן: וואָס נאָך גיט מען צו צו דער מעלדונג? זיצנדיק בײַ איין טיש, טונקענדיק די פּעדערס פון איין טינטער, האָבן ער און דאָס מיידל קוים צו באַמערקן דערפילט צווישן זיך עפּעס געמיינזאַמס און אָט די קליינינקע געמיינזאַמקײַט האָט זיך אים געוואָלט פאַרלענגערן. ער איז אַ באַלן געווען אויפצוהייבן זיך פון טיש צוזאַמען מיטן מיידל. אָבער יענע האָט, ווי‏ײַזט אויס, זיך גאָר ניט געײַלט, געקלערט איבער יעדן וואָרט, ווי זי וואָלט אָפּגעגעבן אַן עקזאַמען. צום סאָף האָט זי אַוועקגעלייגט אַ קליאַקסע און גענומען איבערשרײַבן אָפּסנײַ. דאָס פינטעלע אונטערן אויג האָט צונטער אויפגעפלאַמט. מיכל האָט זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל. די אינספּעקטאָרשע פון קאַדרען־אָפּטייל האָט אים אַ דריק געטאָן די האַנט און צוגעווונטשן דערפאָלג אין דער אַרבעט.

2

מיט אַ מינוט פינף־צען פאַר דער אַרבעט ווערט דאָס שטילע דרוקערײַ־געסל אויפגעלעבט. בײַדע טראָטואַרן און דער ברוק זײַנען פול מיט זעצער, דרוקער, אײַנבינדער — דאָסראָוו פרויען און מיידלעך.

דער פאַרשלאָפענער וועכטער שטייט באַם אַרײַנגאַנג און ענטפערט פוילבלעך אַף די פרימאָרגן־באַגריסונגען. עס ווילט זיך אים גיכער גיין אַהיים כאַפּן אַ דרעמל.

מאַניע איז הײַנט דאָס ערשטע מאָל געקומען אַף דער אַרבעט. נעכטן אין אָוונט, פאַרן לייגן זיך שלאָפן, האָט זי לאַנג געייסעקט זיך מיטן וועקזייגער, וואָס האָט די לעצטע צײַט גענומען

פראווען פוילע שטיק, — אָנגעהויבן גיין נאָר דאַן, ווען ער ליגט אַף א זײַט, דערצו דאַרף מען לעכאַטכילע א גוטן טרייסל טאָן די געדערים זײַנע. אַף אזא זייגער טאָר מען זיך ניט פארלאָזן, און מאַניע האָט ניט אויסגעשלאָסן די ראַדיאָ, קעדיי אינדערפרי זאָלן זי אופוועקן די קרעמל־קוראַנטן — דער זיכערסטער זייגער אין דער וועלט.

— נאַרעלע, וואָס זאָרגסטו? — האָט זיך געכידעשט די מאמע. — איך וועל דאָך אופשטיין פריִער פון דיר...

— און אויב דו וועסט פארשלאָפן?

אַף דעם האָט כאַנע ניט געוואָלט אפילע ענטפערן. פאר די 22 יאָר, וואָס זי אַרבעט, האָט זי זיך שוין גוט אויסגעלערנט אופשטיין צו דער צײַט. זי מעג זיך לייגן איינס־צוויי אזייגער באַנאַכט, אַלציינס כאַפּט זי זיך אוף האַלב זעקס.

מאַניע איז טאַקע נאָך געשמאַק געשלאָפן, ווען כאַנע האָט זיך אופגעהויבן פונעם בעט. קליינע קינדער — קליינע זאָרגן, גרויסע קינדער — גרויסע זאָרגן. אָט איז שוין די טאָכטער אירע א גרויסע, אַן אַרבעטערן...

כאַנע האָט אָנגערירט מיט דער האַנט מאַניעס האָר, דערנאָך א צי געטאָן זי פארן אויער. מאַניע האָט רויִק איבערגעדרייט זיך אַף דער אַנדערער זײַט, אָבער גלײַך, ווי ס׳וואָלט זי א ביס געטאָן א בין, אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און מיט די נאַקעטע ראָזעווע אַקסל און שאַרפלעכע קני געבליבן שטיין אַנטקעגן דער מאַמען.

— איך האָב פארשפּעטיקט?!

— פארשפּעטיקט האָסטו ניט, טאָכטערקע, נאָר אופשטיין איז שוין צײַט.

דורכן פאָרהאַנג אַפן פענצטער האָט די זון דורכגעשלאָגן פאר זיך א ליכטיק סטעזשקעלע. אַפן דאַך פון דער וועראַנדע האָבן גאָלדיק געפינקלט גרײַפּעלעך טוי. דער אַקאַציע־בוים, וואָס פארטונקלט דאָס צווייטע פענצטער פונעם צימער, איז נאָך געשטאַנען נאַכטיש־פארכאָלעמט, ניט רירנדיק מיט קיין בלעטעלע.

צוגעפוצט זיך און אָפּגעגעסן פרישטיק, האָט מאַניע פארן אוועקגיין אַראָפּגעריסן דאָס נעכטיקע בלעטל פונעם קאַלענדאַר. עס האָט זיך באַוויזן די ציפער פונעם נײַעם טאָג, וועלכן זי וועט שוין פארגעדענקען אַף שטענדיק: 16 יול.

די מוטער מיט דער טאָכטער זײַנען אַרויס אַף דער גאַס פונעם באַגינענדיק־פוסטן הינטער־מאָסקווער ייִשעוו און געלאָזט זיך גיין צו דער אײַזנבאַן־פּלאַטפאָרם, ווו עס האָט זיך שוין פאר־זאַמלט אַן אוילעם. איניקע זײַנען געווען מיט קינדער. פונקט אזוי פלעגט כאַנע מיט יאָרן צוריק קומען אַהער יעדן מאָנטיק מיט מאַניעלען אַף אָפּצופירן זי אין שטאָט, אין קינדער־גאָרטן. שאַבעס אין אָוונט פלעגט זי אַפן זונטיקדיקן טאָג נעמען זי אַהיים.

ניט געקוקט אַף דער פריִער צײַט, איז די עלעקטריטשקע געווען פול. אין וואַגאָן האָבן די מאַמע מיט דער טאָכטער געפונען נאָר איין פרײַ אָרט.

— זעץ זיך, — האָט כאַנע געזאָגט, — וועסט א גאַנצן טאָג שטיין אַף די פיס.

— און דו? — האָט א שעפּטשע געטאָן די טאָכטער, שעמענדיק זיך פאר די פּאַסאַזשירן. — שטענדיק, מאַמע, טראַכסטו עפּעס אויס... און רייד א ביסל שטילער.

אָבער כאַנע האָט דאַפקע געוואָלט, א האַלבער וואַגאָן זאָל וויסן, אַז איר טאָכטער פאָרט אַף אַרבעט, האָט זי הויך אַף א קאָל אײַנגעטײַנעט מיט איר:

— ביסט ניט געווינט און ס׳וועט דיר זײַן שווער. איך זאָג דיר, זעץ זיך.

דער סיכסעך האָט אופגעוועקט דעם מאַנצבל און די פרוי, וואָס אַף זייער באַנק איז געווען דאָס פרײַע אָרט. זיי האָבן זיך א רוק געגעבן, און ס׳איז געוואָרן פּלאַץ סײַ פאר דער מאַמען, סײַ פאר דער טאָכטער. צוגעטוליעט זיך מיט א באַק צו דער מאַמעס פּלייצע, האָט מאַניע גענומען קוקן דורכן וואַגאָן־פענצטער אַפן שאָסיי, וואָס ציט זיך לענגויס דעם אײַזנבאַן־אָנשיט. א מילדע ווארעמקײַט האָט איר געצערטלט דאָס פּאָנעם. ס׳איז גוט געווען צו פאָרן... נאָר ביסלעכווײַז האָבן די געדאַנקען, מיט וועלכע זי האָט געלעבט דעם גאַנצן זומער, ווידעראַמאָל פול געמאַכט דעם קאָפּ, און ס׳איז געוואָרן א ביסל אומרויִק אַפן האַרצן. צי האָט זי טאַקע ריכטיק געטאָן, וואָס זי האָט ניט אָנגעגעבן אין אינסטיטוט די פּאַפּירן? צי איז עס ניט געווען קיין פעלער?

מאַניע טוליעט זיך שטאַרקער צו דער מוטער. מיטאַמאָל קומט איר אַפן זינען, אַז קיינמאָל איז זי ניט געזעסן און ניט געשטאַנען לעבן איר טאַטן. וואָס וואָלט ער איר איצט געזאָגט, דער טאַטע? וואָס וואָלט ער געייצעט?

זי נעסטעט זיך טיפער אײַן מיט דער באַק אַף דער מוטערס אַקסל. זי מאַכט צו די אויגן, אָבער כאָלעמען איז שוין ניטאָ ווען. עס לויפן אַנטקעגן די טורעמס פון קאַזאַנער וואָקזאַל. אין וואַגאָן־פענצטער באַווײַזט זיך די פּיראַמידע פונעם האָטעל „לענינגראַדסקאַיאַ“, א ליכטיק־ווײַסע און גרינגע, ווי זי וואָלט באַשטאַנען פון קליינטשקע קעסטעלעך שוועבעלעך.

געקומען צו פאָרן אין שטאָט, האָט כאַנע זיך באַטראַכט, אַז זי האָט צײַט צו באַגלייטן די טאָכטער ביז דער דרוקערײַ.

— הייבסט, מאַמע, שוין ווידער אָן... דו דאַרפסט נאָך ווײַט פאָרן, ווערסט פאַרשפּעטיקן, — מאַניע האָט אָפּגעפירט די מאַמע צום אַרײַנגאַנג אין מעטראָ, און דאָ מיטאַמאָל זי פעסט אַרומגעכאַפּט און אַ קוש געטאָן אין באַק און אין די ליפּן. כאַנע האָט ניט באַוויזן קומען צו־זיך, ווי איר טאָכטער האָט זיך שוין צוזאַמענגעמישט מיטן אוילעם און איז פאַרשוווּנדן פון די אויגן.

— היט זיך באַם אַריבערגיין די גאַס! — האָט כאַנע איר נאָכגעשריגן.

אין אַ פערטל שאָ אַרום האָט מאַניע אויפגעהאַנגען איר טאַבעל־נומער אויפן גרויסן טאָוול באַם אַרײַנגאַנג אין דער דרוקערײַ און צוזאַמען מיט נאָך אַרבעטער זיך געלאָזט גיין איבערן לאַנגן, שמאָלן און טיפן הויף. דורכגעגאַנגען דאָס גרין־געפאַרבטע בריקל מיט די אײַזערנע פאַרענטשן, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ אין דרוק־צעך.

אַ שאַרף, זיסלעך־וואַרעם גערוך פון פאַרב און מאַשין־אייל האָט גלײַך באַ דער טיר אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז. צו די אויערן האָט דערגרייכט אַ גערויש, ווי פון אַ ווײַטן וואַסערפאַל. וואָס ווײַטער אין צעך, אַלץ שטאַרקער איז געוווען די הודערײַ און קלאַפּערײַ. לענגאויס דער פאָדערשטער וואַנט, באַ די הויכע פענצטער, אויסגעשטעלט אין איין לאַנגער ריי, האָבן געקלאַפּט די דרוקמאַשינעס, מער פון אַלע האָט געבושעוועט די ראָטאַציע. באַ דער אַנטקעגנדיקער וואַנט זײַנען געשטאַנען קלענערע מאַשינעס, וואָס זייערע דינע שטימען איז קוים געוווען צו הערן.

— אַ גוטער־מאָרגן דיר, — האָט פרײַנטלעך באַגעגנט מאַניען דער עלטערער מײַסטער טימאָפּיי אַלעקסייעוויטש.

ווי געוויינלעך אינדערפרי, ווען די נעכטיקע דײַגעס זײַנען שוין אָפּ האַלב פאַרגעסן און די הײַנטיקע האָבן נאָך ניט באַוויזן וועגן זיך צו דערמאָנען, איז טימאָפּיי אַלעקסייעוויטש געווען אין אַ גוטער שטימונג.

יעדן איינציקן, ווער ס'איז געקומען אַנטקעגן, האָט ער פריילעך באַגריסט, זאָגנדיק דערבײַ אַ כאָכמע, אַ ווערטל. גאָר ניט לויט די יאָרן, האָט ער יינגלש־פלינק געבויגן דעם רוקן, דערזעענדיק אויפן דיל אַ שמאַטקעלע, אַ שרײַפּעלע. אַלץ האָט ער אויפגעהויבן און אַרײַנגעלייגט אין די ברייטע קעשענעס פונעם כאַלאַט. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ מאַשין, וווּ עס האָט געאַרבעט אַ פרוי פון אַ יאָר דרײַסיק מיט אַ שטרענג, פאַרכמורעט פּנים.

— אָט איז, יעוודאָקיאַ פּאַוולאָוונאַ, אײַער שילערן... — און אָנבייגנדיק זיך צו מאַניען, וועלנדיק קלוימערשט אײַנרוימען איר אַ סאָד, האָט ער אַ זאָג געטאָן הויך, מיטן בעפּיירעשן מיין, אַז מע זאָל הערן:

— דאָס פּנים איז באַ דוסיען אַ שטרענגס, דערפאַר איז דאָס האַרץ אַ גאָלדנס...

אויף דוסיעס פאַרביסענע ליפּן האָט זיך באַוויזן עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכל. ווי נאָר טימאָפּיי אַלעקסייעוויטש איז אַוועק פון דער מאַשין, האָט זי געגעבן מאַניען אַן אַרבעט — ציילן די בויגנס פּאַפּיר. מיט גרויסער אָנגעשטרענגטקייט האָט מאַניע אָנגעהויבן ציילן לאַנגזאַם בויגן נאָך בויגן...

— ניט אַזוי, — האָט דוסיע איבערגענומען באַ איר דעם פּאַק פּאַפּיר און מיט גראָבע רויטע פינגער אָנגעהויבן פלינק ציילן צו פינף בויגנס מיטאַמאָל. עס האָט געדוכט, אַז זי וואַרפט איבער פון האַנט צו האַנט אַ ריזיקן פּאָכער. מאַניע האָט אויך גענומען ציילן צו פינף בויגנס, באַלד פאַרפלאָנטערט זיך אינעם כעזשבן און געמוזט אָנהייבן פונדאָסנײַ. צו די צאָרעס איז נאָך בייסמײַסע צוגעגאַנגען דער באָכער, מיט וועלכן זי איז געזעסן באַ איין טישל אין קאַדרען־אָפּטייל.

— איר זײַט אויך אין דעם צעך? — האָט ער זיך דערפרייט. — זייער גוט.

מאַניע האָט אים פאַרווונדערט אָנגעקוקט, ניט קאָנענדיק פאַרשטיין, וואָס איז דאָ אַזוי די גוטסקײַט?..

3

די מאַשינעס האָבן גלײַכגילטיק באַגעגנט דעם נײַעם מײַסטער. ווי אַלע טאָג, האָבן זיי געזונגען זייער פאַשעטע מעלאָדיע, וואָס באַשטייט פון אַ צוויי־דרײַ טאַקטן. אָבער די אַרבעטער באַ די מאַשינעס האָבן מיט אינטערעס זיך צוגעקוקט צום יונגן אינזשעניער. די דרוקערן פון דער ראָטאַציע — מאַרוסיע לעוואָקאָוואַ איז אַ באַלן געוווען צו וויסן, צי קען ער לייזן אַלגעבראַיִשע אויפגאַבעס. ווען ער וויל איר אין דעם העלפן, וואָלט זי באַם גרייטן די לימודים אײַנגעשפּאָרט אַ ביסל צײַט. ניטאָ נאָך אַזאַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל איבעריק אַזוי זיך נייטיקן אין צײַט, ווי זי. זיבן שאָ (אַרײַנגערעכנט דעם מיטיק־איבעררײַס) אין צעך, אָנדערהאַלבן שאָ נעמט צו דאָס פאָרן אהין און צוריק מיט דער עלעקטריטשקע, דרײַ מאָל אין וואָך באַזוכט זי אין די אָוונטן דעם פּאָליגראַפישן טעכניקום...

מאניעס לערערן, דוסיע אָרלאָווא, האָט זיך אָנגעפרעגט (כאָלילע, אָן שום מיין), צי איז דער נײַער מײַסטער א פארהייראטער. דער זעצער וואסיע קוראָטשקין האָט זיך פארגעבן א פראגע, צי דער באָכער האלט פונעם ביטערן טראָפּן. „אפּאָנעם, אז ניט“, — האָט ער מיט געוויסער באַדויערונג באשלאָסן, קוקנדיק אף וואָראָבייטשיקס בלאסלעכער נאָז. דער זיבעצניאָריקער שילער מיטיע לוקין האָט געפּרוּווט טרעפן, צי דער נײַער אינזשעניר שפּילט אין פוטבאָל. עס פעלט גראָד אין דער קאָמאנדע א גוטער שפּילער.

— אנטשולדיקט, כאָווער מײַסטער, כ'ווייס ניט, ווי מע רופט אײַך באם נאָמען, — האָט מיט איר מאנצאבלשן קאָל זיך געווענדט צו וואָראָבייטשיקן דוסיע אָרלאָווא. — איך דארף נעמען א „פאָרם“ אף דער מאשין און האָב ניט מיט וועמען. מיט דער נײַינקער, — האָט זי אָנגעוויזן אף מאניען, — האָב איך מוירע...

— איך וועל אײַך העלפן, — האָט מיכל זיך אָפּגערופן.

שײַנענדיק פון פארגעניגן, איז דוסיע צוזאמען מיט אים אוועק אהין, ווו עס שטייען די צוגעגרייטע „פאָרמעס“. דאָ האָבן זיי ביידע פלינק ארופגענומען אף א וועגעלע דעם זאץ פון אן „אלעפבייס“ און אוועקגעפירט אים צו דער דרוק־מאשין. באם אריבערוקן דעם זאץ פונעם וועגעלע אף דער מאשין האָט מיכל פון צופיל פלײַסיקײַט געגעבן א שטארקערן שטופּ מיט די הענט, און דער גאנצער לינקער ברעג האָט זיך צעשאָטן. אויסיִעס, שפּאציעס, שפּאָנעס זײַנען זיך צעפלויגן איבערן צעמענטענעם דיל.

פון אלע עקן צעך איז מען זיך צוזאמענגעלאָפן. שמײַדיק האָט זיך אָנגעטראָגן דער עלטערער מײַסטער טימאָפיי אלעקסייעוויטש. אפּצולאָכעס איז דאפקע אין דער מינוט אראָפּגעקומען אין צעך דער הויפּט־אינזשעניר וואלעריא אלעקסאנדראָוונא מאקסימאָווא. אין דער פּאָזע פון א זײַטיקן צושויער איז געשטאנען וואסיע קוראָטשקין, וואָס האָט א זעלטענע פייִקײַט צו זײַן דאָרטן, ווו מע דארף אים ניט.

א פארברענטער פון כארפּע, האָט מיכל מיט דוסיען גענומען צונויפקלײַבן דעם צעוואָרפענעם מאטעריאל, געהאָלפן האָט זיי טימאָפיי אלעקסייעוויטש. גאָר אומגעריכט האָט אָנגעבויגן זיך צום דיל אויך וואלעריא אלעקסאנדראָוונא. זײַט בא זײַט מיט וואָראָבייטשיקן האָט זי געשארט מיט די הענט איבערן דיל, צונויפנעמענדיק די שריפט.

— אף יונגע ספּעציאַליסטן האָט זי ראכמאָנעס, — האָט טימאָפיי אלעקסייעוויטש א ווונק געטאָן, ווען וואלעריא אלעקסאנדראָוונא איז אוועק וואשן די הענט, — אנדערש וואָלט זי זיך די פינגער ניט אײַנגעשמירט...

„איך בין ניט מעקאנע דעם מיידל, וואָס וועט נעמען אזא שלימאזל“, — האָט בייסמײַסע געטראכט דוסיע אָרלאָווא. ביכלאל האלט דוסיע, אז מיידלעך וועדן פארזעסן ניט דערפאר, ווײַל זיי פעלט אויס שיינקײַט אָדער קלוגשאפט, נאָר פּאָשעט דערפאר, ווײַל דער גרעסטער טייל מאנצבלען זײַנען טויגעניכטסן און ס'איז ניטאָ פאר וועמען כאסענע צו האָבן.

היטנדיק זיך צו מאכן אן איבעריקע באוועגונג, האָט מיכל געהאָלפן דוסיען נעמען אף דער מאשין א נײַע פאָרם — דעם צווייטן בויגן פון „אלעפבייס“. דוסיע האָט געמאכט אן אָפּצוג, אוועקגעלייגט אים אפן טיש און גענומען אופקלעפּן פּאסיקלעך פּאפּיר אף יענע ערטער, ווו די אויסיִעס און געמעלן זײַנען ניט דײַטלעך. דאָס איז אן ארבעט, וואָס פּאָדערט א סאך צײַט און היפּשע געניטקײַט. דוסיע האָט געמאכט א צווייטן אָפּצוג, נאָר ער האָט נאָך אויך ניט געטויגט. אפן בילד זײַנען איצט בא דער לערערן, וואָס שטייט באם טאָוול, גוט און דײַטלעך ארויס די אויערן, איז אָבער די נאָז זיך צעשווומען איבערן גאנצן פּאָנעם; דאָס יִינגעלע, וואָס האלט אָפן דאָס מײַלכל און זאָגט „א“, האָט געקראָגן א שיין מילד פּענעמל, איז דערפאר דאָס מויל געוואָרן בא אים פּוסט, אָן איין ציינדל.

טראָפּנס שווייס זײַנען ארויסגעטראָטן בא דוסיען אפן פּאָנעם. איר נײַע שילערן, מאניע, האָט געשמירט מיט פּאפּ סטענגעלעך פּאפּיר און געהאָלפן איר קלעפּן. דער מײַסטער וואָראָבייטשיק האָט צוזאמען מיט איר זיך געמאטערט. געשוואָלענע פיר שאָ און צום סאָף געמוזט זיך מודיע זײַן, אז ער קאָן איר מיט גאָרנישט ניט צוניצקומען. מע האָט געמוזט ארויסרופן דעם שעף פונעם זעצער־צעך מאָיסיי אראָנאָוויטש זאסלאווסקי. מיכל האָט אים גלײַך דערקענט — דאָס האָט ער אים אריבערגעיאָגט אף די טרעפּ פון דער קאָנטאָר. זאסלאווסקי האָט זיך קוינע־שעם געווען אין דער דרוקערײַ מיט זײַן לײַדנשאפטלעכן פארטיידיקן די זעצער. ער פארטראָגט ניט דעם מינדסטן פּאָרוואורף בענעגייע זיי, דעם קלענסטן כשאד, אז זײַן צעך האָט ארויסגעלאָזט א שלעכט שטיקל ארבעט. יעדע באשולדיקונג קעגן די זעצער נעמט ער אוף ווי א פּערזענלעכע באליידיקונג.

— נו, וואָס איז שוין ווידער געשען? — איז ער האַסטיק צוגעגאַנגען צו דוסיעס מאַשין און אָנגעהויבן באַקוקן דעם „אַלעפבייס“. ער האָט אים אויסגעטאַפּט מיט די פינגער, דאָ געגעבן אַ גלעט, דאָרטן — אַ רוק, און דערבײַ, ווי אַ קישעפּמאַכער, געשעפּטשעט פאַר זיך:

— צוויי פּונקטן, איין פּונקט... צוויי שפּאַנעס, איין שפּאַנע...

— אַלץ איז ריכטיק, ווי די וועלט! — האָט ער מאָלע־געדולע אויסגערופן, און אַ שײַנענדיקער אַרײַן אין צימערל צו טימאָפּיי אַלעקסייעוויטשן מיטן מיין צו כאַפּן אַ פריילעכן שמועס. נאָר יענער איז ניט געווען אויפגעלייגט דערצו.

די וואַכטע האָט זיך פאַרענדיקט און דרוקן דעם „אַלעפבייס“ האָט מען ניט אָנגעהויבן. דער נײַער מײַסטער האָט ניט אונטערגעשריבן דעם ריינעם בויגן.

„אַ ריינער בויגן“! פאַר אַ זײַטיקן מענטשן זאָגן די דאָזיקע ווערטער גאָרניט, אָבער פאַר אַ דרוקער זײַנען זיי פול מיט באַטײַט.

אויסגעוואַשן גוט די הענט, נעמט דער אַרבעטער דעם ריינעם בויגן און טראָגט אים פאָרזיכטיק, אַ פײַכטלעכן, אַ שמעקנדיקן מיט פרישער פאַרב, צום מײַסטער אַף אונטערצושרײַבן צום דרוק. דער דאָזיקער בויגן דינט אַלס עטאַלאָן. אין אים טאָר ניט זײַן דער מינדסטער כיסאָרן. „אַזוי זאָל גיין דער גאַנצער טיראַזש!“ — זאָגט דער מײַסטער. דער ריינער בויגן איז דאָס ערשטע שוועלבעלע, נאָך אים קומען צו פליִען טויזנטער, צענדליקער טויזנטער, און אַלע דאַרפן זיי זײַן אידעאַל ענלעך אַפן ערשטן.

מיכל איז אַרויס פון צעך אין אַ שווערער שטימונג. ער איז אַ קנאַפּער ספּעציִאַליסט, גאָרנישט קען ער ניט. אַבי דער פּראָפעסאָר, וואָס האָט געלייענט אין אינסטיטוט לעקציעס וועגן טעכנאָלאָגיע, פלעגט אים קעסיידער שטעלן גוטע און אויסגעצייכנטע באַלן.

אַרויסגייענדיק פון הויף, האָט ער דערזען מאַניען. זי איז געשטאַנען און געלייענט אַ פרישע מעלדונג אַפן טאָוול. ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געאַרבעט צוזאַמען, נאָר איצט האָט ער ווידעראַמאָל אַ קוק געטאָן אַף איר, פּונקט ווי ער וואָלט זי באַגעגנט נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג. זיי זײַנען אַרויס אַף דער גאַס.

— פאַרמאַטערט? — האָט ער מיט מיטגעפיל געפרעגט בא איר.

— ניט מער פונעם מײַסטער, — האָט זי אויפגעהויבן די אויגן, וואָס זײַנען, ווײַזט אויס, גוטע מעווינים אַף אַלץ און אַף אַלעמען.

אַף דער ברייטער מאַגיסטראַל, וואָס ציט זיך פון קורסקער וואָקזאַל און שנײַדט דורך די גאַנצע שטאָט, זײַנען איבערן צעוואַרעמטן ווייכן אַספאַלט געשוווּמען פאַרשיידנקאָליריקע „פּאָבעדעס“, „מאָסקוויטשן“, קאָמפּאָרטאַבעלע „וואָלגעס“ און „טשײַקעס“, אויטאָ־פורגאָנען מיט אָנגעמאָלטע אַף די ווענטלעך לאַבנס ברויט און פעטע וואורשטלעך. גרויסע לאַסטאויטאָס האָבן שווער געפּרעסט דעם אַספאַלט און אָנגעזעטיקט די לופט מיט הייסע רייכלעך. אַף אַ מאַשין, אָנגעלאָדן מיט מאַטראַצן און קישנס, איז געלעגן אַ פרוי, די הענט אירע אַפן נאַקן, דאָס פּאָנעם געווענדט צום בלויען הימל. מעיושעוודיק, מיט אַ געמאָסטענעם טראָט, טרייסלענדיק מיט די אויערן, האָבן דורכגעמאַרשירט אַ פּאָר פערד, אײַנגעשפּאַנטע אין אַ וואָגן מיט קעסטלעך בירפלעשער. ענדלעך האָט זיך אָנגעשטאָט דעם רויטן פײַער, וואָס באַטײַט „שטייט“, באַוויזן דאָס גרינע פריילעכע „גייט“, און דער פילגעדולדיקער אוילעם האָט אַ פלייץ געטאָן.

לעבן דער רויטמירמלנער מעטראָ־סטאַנציע „קראַסניִע וואָראָטאַ“ האָט מאַניע זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעשטרעקט מיכלען אַ האַנט צום געזעגענען זיך.

— ביז וועלכער סטאַנציע פאָרט איר? — האָט ער געפרעגט בלויז צוליב דעם, קעדיי צו שטיין נאָך אַ ביסל מיט איר.

— איך פאָר אינערגעץ ניט, — האָט זי זיך צעלאַכט, — איך דאַרף דאָ שטיין און וואַרטן.

מיכל האָט זיך דערפילט אַזוי, ווי ער וואָלט ווידעראַמאָל צעשאָטן אַן „אַלעפבייס“. אָפּגייענדיק פון איר, האָט ער צעשטרייט געגומען קוקן אין די צײַטונגען, וועלכע זײַנען געהאַנגען אַף אַ וואַנט ניט ווײַט פון מעטראָ, הינטער די קיִאָסקן, דערבײַ פאַרגעבן זיך די פראַגע, פאַרוואָס גייט ער ניט אַהיים.

אין דער היים וואַרט שוין אַף אים געוויס זײַן עלטערע שוועסטער. עס וואַרט אַף אים אויך די זיבניאָריקע פּלעמעניצע, וואָס האָט זייער ליב, ווען ער שפּילט מיט איר.

פון הינטער די קיִאָסקן האָט מען גוט געזען אַלץ אַרום. מיכל האָט אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק צו דער מעטראָ־סטאַנציע. עס האָט בא אים אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ, ווען ער האָט פּלוצעם באַמערקט, אַז מאַניע האָט זיך ראַשיק אַ לאָז געטאָן עמעצן אַנטקעגן.

— מאַמע! — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום דערהערט איר קאָל.

אַ נידעריק ווײַבל מיט אַ טיכל אַפן קאָפּ און מיט אַ געשוואָלענעם קאָשעק אין האַנט האָט מיט דער פרײַער האַנט אַרומגעכאַפּט מאַניען.

— ווי האָט זיך דיר געאַרבעט? — האָט זיך דערטראָגן צו מיכלען די זינגעוודיקע שטים פון דער פרוי. — האָסט אַלץ אופגעגעסן, וואָס איך האָב דיר מיטגעגעבן?
מיכל האָט זיך געלאָזט גיין. ס'איז שוין טאַקע צײַט געווען צו פאָרן אַהיים.

4

מיט יעדן טאָג האָט וואָראָבייטשיק אַלץ מער זיך איבערצײַגט, אַז דאָס, וואָס אין אינסטיטוט איז געווען לײַכט און פאַרשטענדלעך, איז דאָ, אין צעך, קאָמפּליצירט און פאַרפּלאָנטערט.

— טאַבולאַ ראַסאַ![1] — שרײַט אויס דער עקספּאַנסיווער קאָרעקטאָר קאַסיאַן קירילאָוויטש, ווען מיכל ווענדט זיך צו אים מיט אַ שפּאָגל־נײַער קלאָצקאַשע.

מער פון אַלץ האָט מיכל צאַרעס, וואָס קיינמאָל קלעקט אים ניט קיין פּאַפּיר אָף אָפּצודרוקן דעם גאַנצן טיראַזש. ס'קומט אויס צו לויפן און זיך בעטן ראַכמים באַם עלטערן מײַסטער, ער זאָל געבן נאָך.

אין צעך, אין אַ פאַרוקטן ווינקל, האָט טימאָפיי אַלעקסייעוויטש אַ קעמערל, ווו ער האַלט פּאַפּיר און אַנדערע מאַטעריאַלן, אָפּגעשפּאָרטע אָף דער אַרבעט. פאַרן דאָזיקן קעמערל זידלט מען אים אָף וואָס די וועלט שטייט. מע האָט אים שוין אַפילע געגעבן אַ צונעמעניש „פּליושקין". ניט איין מאָל האָט מען אונטערגעשיקט די פּײַערלעשער־אינספּעקציע, זי זאָל אים שטראָפירן. קרעכצנדיק און זיפצנדיק, רייניקט טימאָפיי אַלעקסייעוויטש אויס זײַן שאַצקאַמער, נאָר אין אַ שאָ אַרום שלעפּט ער שוין ווידער אַהין, ווי אַ מורעשקע, אַ פּעקל פּאַפּיר אָדער אַן אַנדער זאַך. דערפאַר אָבער, ווער איז צו אים גלײַך, ווען ער קאָן מיט זײַנע אויצרעס אין דער נייטיקער מינוט עמעצן קומען צו הילף. בייסמײַסע שרײַט ער און גוואַלדעוועט: „ווו זאָל איך אײַך נעמען?" און שלעפּט אַרויס פונעם קעמערל דאָס, וואָס מע דאַרף.

טימאָפיי אַלעקסייעוויטש האָט שוין אַרויסגעהאָלפן דעם יונגן מײַסטער אַ פּאָר מאָל, אָבער וואָס פאַר אַן אומגליקן טרעפן ניט מיטן באַכער!

גרײַזן אין ביכער, ווי באַוווסט, זײַנען ניט קיין זעלטנהײַט. אַן אַרײַנגעקלעפּט בלעטעלע מיט „באַמערקטע דרוקפעלערן" באַפּוצט איינקע מאָל דעם כאַשעוווסטן פּאָליאַנט. דער גוטהאַרציקער לייענער מאַכט דערפון ניט קיין ווען. עמעס, פּענסיאָנערן, וואָס האָבן געגוג פרײַע צײַט, זײַנען אָפּטמאָל ניט פויל אָף דער פּען און שרײַבן אַרײַן אַ בייז בריוול אין פאַרלאַג. אַזוי צי אַנדערש, נאָר די פעלערן בלײַבן אין בוך. אָבער אין לערנביכער, דערהויפּט אין אַזאַ, ווי אַן אַלעפבייס, איז צוליב גאַנץ קלאָרע טײַמים אַ צעטל פון גרײַזן אַן אויסגעשלאָסענע זאַך. זײַט מויכל און דרוקט איבער דעם גאַנצן טיראַזש אַפּסנײַ!

געקומען איינמאָל אינדערפרי אָף דער אַרבעט, האָט וואָראָבייטשיק, ווי געוויינלעך, גענומען פון סטעלאַזש אַ פּאָר בויגנס פונעם אַלעפבייס, אַ קוק צו טאָן, ווי־אַזוי עס האָט געאַרבעט די צווייטע וואַכטע. פּלוצעם האָט ער, ווי אַן אָפּגעבריטער, אַרויסגעלאָזט די בויגנס פון האַנט. אָף איינעם אַ זײַטל איז שוואַרץ אָף ווײַס געווען אָפּגעדרוקט: „דער טאַטע איז אוועק צום טײַך כאַפּן פיש. ער האָט געפאַנגען אַ פולן קאָשעק מערן מיט ציבעלעס".

וואָראָבייטשיק איז צוגעגאַנגען צו זײַן טיש און אַ קוק געגעבן אָפן „רײַנעם בויגן", וואָס ער האָט נעכטן אונטערגעשריבן. דער זעלבער פעלער איז געווען אויך דאָ. ער האָט פּאַשעט ניט דורכקאָנטראָלירט, צי מע האָט אַלץ פאַריכט לויט די אָנווײַזונגען פונעם קאָרעקטאָר.

אין דער היים האָט מיכל, ווי קיינמאָל ניט, זיך ריין אָפּגעגאָלט, מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט נאָך דער אַרבעט גיין מיט מאַניען אין קינאָ. איצט זײַנען, דוכט זיך, די באַקן ווידעראַמאָל באַדעקט געוואָרן מיט ווילדע הערעלעך.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט וועגן דעם פעלער שוין געוווסט דער גאַנצער צעך.

— נו, בראָדערקע, האָסטו הײַנט אָנגעכאַפּט אַ ביסל ציבעלעס מיט מערן, — האָט טימאָפיי אַלעקסייעוויטש אָנגעוויזן אָפן סטעלאַזש מיט די פופצן טויזנט געפּאַטערטע בויגנס.

אינעם אייבערשטן קעסטל פונעם טישל, באַ וועלכן עס זיצט דער אינספּעקטאָר פון אָטעקאַ סאַשע אָפּלעטין, ליגט אַ העפט אין אַ שוואַרצן אײַנבונד. סאַשע איז יונג, הויך, די באַקן — ראָז, פריש, איין אויג קאָסעט אַ ביסל, נאָר דאָס גיט צו דעם יאַט אַפילע כיין. מיט אַלעמען איז ער אין די בעסטע באַציִונגען. די מיידלעך רופן אים פאַרצויגן „סאַשענקע", כאָטש גראָד אָף זיי קומט אים אויס אָפּטער פון אַלץ שרײַבן אַקטן אינעם העפט מיטן שוואַרצן אײַנבונד.

— קום נאָר אַהער, פישפּאַנגער, — האָט סאַשע אַ רוף געטאָן מיכלען, מיט וועלכן ער איז שוין אויך געווען גוט באַפרײַנדעט.

---

[1] — אַ רייִנער טאָוול (לאַטײַן). דאָ געמיינט, אַ מענטש, וואָס ווייסט גאָרניט.

סאשע האָט ארויסגענומען פונעם טישקעסטל דאָס העפט.

— כאַפּ זיך ניט מיטן שרײַבן, — האָט וואָראַבייטשיק אַנגענומען אים פארן עלנבויגן.

— וואָס איז, ביסט דען ניט שולדיק? — האָט אַפּלעטין אַנגעשטעלט אױף אים דאָס לינקע אויג, וואָס קאָסעט א ביסל. סאשע איז שוין גרייט געווען מאכן א שטרענג פּאָנעם, אָבער דאָס איז פאר אים געווען איבער די קויכעס.

— זײַ זיך מוידע, אז דו ביסט שולדיק, — האָט ער גוטמוטיק אים א קלאַפּ געטאָן איבער דער פלייצע.

— איך שפּאר זיך דען? — האָט מיכל ארויסגעמורמלט און געטאָן א לײַכטן שמייכל, ווי ער וואָלט צוזאמען מיט סאשען געקומען צו אן אויספיר, וואָס פארשאַפטביידן פארגעניגן.

אין א פערטל שאָ ארום איז סאשע שוין מיטן העפט אונטערן אָרעם געשטאַנען אין קאבינעט פונעם הויפּט־אינזשעניער.

— ווער איז דאָס דער וואָראַבייטשיק? — האָט וואלעריא אלעקסאנדראָווּנא געפרעגט, לייע־נענדיק דעם אקט. — ס'איז ניט דער זעלבער, וואָס האָט צעשאָטן דעם זאַץ?

— דער זעלבער.

וואלעריא אלעקסאנדראָווּנא האָט אײַנגעטונקט די פּען אינעם טינטער און דערנאָך געהאלטן זי א היפּשע ווײַלע ארופּצו, ניט אראָפּלאָזנדיק אפן פּאַפּיר.

— זאָל דער אקט בלײַבן בא מיר...

„ווײַזט אויס, איך ווער אלט", — טראכט וואלעריא אלעקסאנדראָווּנא יעדעס מאָל, ווען דאָס הארץ דערלאָזט זי ניט עמעצן צו באשטראָפן. אף וואָראַבייטשיקן געפינט זי א זכוּת, ווײַל בא איר אייגענעם זון וויקטאָר, וואָס האָט ערשט ניט לאנג פארענדיקט דעם אינסטיטוט, איז אויך ניט אלץ גלאַט אף דער ארבעט.

וואלעריא אלעקסאנדראָווּנא האָט ארויסגערופן דעם עקאָנאָמיסט זיוזין, וואָס איז א ספּעציאַ־ליסט אף צונויפשטעלן באפעלן. ווען מע רעדט מיטן שטילינקן זיוזינען, האָט זײַן פויגלש פּענעמל אזא אויסדרוק, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן מוידיע זײַן: „איך בין א גוטער, א רויִקער מענטש און איך בעט זײַן אויך צו מיר שטיל און רויִק". יעדן געדאנק פאָרמולירט ער שיין און ווייך, עס זאָל ניט שנײַדן דעם אויער. ווען מע אייצעט זיך מיט אים, הערט ער יענעם אויס מיט טיפער אופ־מערקזאמקײַט, כאָזערט פּינקטלעך און געהאַרכזאם איבער דאָס, וואָס מע זאָגט, און פרעגט דער־נאָך העפלעך, צי וואָלט ניט בעסער געווען פארבײַטן אזא און אזא וואָרט מיט אן אנדערן, א ווייכערן. איצטיקס מאָל האָט מאקסימאָווא מיט אים זיך ניט געייצעט, נאָר געבעטן זעלבשטענדיק, אָן איר הילף „אָנוואָרפן" דעם טעקסט פון א באפעל. זיוזין האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און אָנגעהויבן זיך מיִען. דאָרטן, ווו אן אנדערער וואָלט זיך ניט פארטראכט און געשריבן „פאר־ברעכן", האָט זיוזין ארײַנגעשטעלט א פּיל ווייכערן אויסדרוק — „טאָעס"; ווו עס האָט זיך גע־בעטן דאָס וואָרט „אמהאָרעץ", האָט ער געמאכט „ווייניק באהאוונט", אפילע דאָס וואָרט „בראַק" האָט ער פארביטן אף „ניט גענוגע קוואליטעט". פונדעסטוועגן, נאָך די אלע קונצן איז זיוזינס לעצטער פּאַסעק געווען זייער א הארבער: „דער מײַסטער וואָראַבייטשיק האָט ניט אויסגעהאלטן דעם אויספירווו־טערמין און ווערט אראָפּגענומען פון דער ארבעט". א ביסל א קלער געטאָן, האָט זיוזין דאָס וואָרט „אראָפּגענומען" פארביטן מיט „ווערט באפרײַט פון זײַנע פליכטן".

— איר זײַט אן עמעסער יעזויִט, — האָט וואלעריא אלעקסאנדראָווּנא מיט אופרעגונג אוועק־געשמיצט פון זיך זיוזינס שאַפונג. — א דאנק פאר דער טירכע, כ'וועל שוין אליין אָנשרײַבן.

מיט זײַן שטענדיקן אויסדרוק אפן פּאָנעם: „איך בין א גוטער, א רויִקער מענטש און איך בעט זײַן אויך צו מיר שטיל און רויִק", איז זיוזין אוועק צו דער טיר. ער האָט דאָס מאָל אפילע פאר־געסן צו אָנשטעלן זײַן זייגער לויטן גרויסן אלטן זייגער, וואָס שטייט אין קאבינעט.

וואָראַבייטשיק איז געזעסן בא זײַן טישל און ווידער דורכגעקוקט א ריינעם בויגן. מעגלעך, האָט ער געטראכט, אז דאָס איז דער לעצטער בויגן, וועלכן ער שרײַבט אונטער אין דער דאָזיקער דרוקערײַ. אזוי ווינציק אָפּגעארבעט און שוין באווזן „אזויפיל אופטאָן".

אף איר בענקעלע לעבן דער דרוקמאשין זיצט מאניע. מיכל פילט איר בליק אף זיך. דאפקע הײַנט וועגדט זי ניט אָפּ פון אים די אויגן, זי בעט אים, דוכט זיך, ער זאָל צוגיין צו איר.

אָט האָט זי זיך אופגעהויבן פון איר אָרט און געלאָזט זיך גיין. צי וועט זי זיך אָפּשטעלן בא זײַן טישל? ניין, זיך ניט אָפּגעשטעלט, דורכגעגאנגען פארבײַ, בלויז א קוק געטאָן מיט די גרויסע אויגן, פון וועלכע ס'איז אים געוואָרן א ביסל וואַרעמער אפן הארצן.

## 5

— איך באגריס דיך, פעטיע, מיטן יאָמטעוו פון די דרוקער!

— און איך דיך, סעריאָזשע, מיטן יאָמטעוו פון די סטערעאָטיפּיאָרן!

— אײַך, מאָיסיי אראָנאָוויטש, מיטן יאָמטעוו פון די זעצערס!

אינעם טאָג, ווען מע צאָלט געהאלט, קאָן מען אזעלכע באגריסונגען הערן שוין פון גאנצפרי. די קאסירשע אנאסטאסיא גריגאָריעוונא קאָשקינא קײַקלט זיך, ווי א גאָלדן פעסעלע, פון איין צעך אין צווייטן. אומעטום איז זי דער געווונטשנסטער גאסט. אָט האָט זי ארײַנגעכאפּט אין מויל אָן איריסל (אָן דעם קאָן זי ניט צוטרעטן צו דער ארבעט) און זיך ארײַנגעקײַקלט מיט איר טײַער טשעמאָדאנדל אין קאָרעקטאָרן־צימער.

דער קאָרעקטאָר קלײַבט זיך טייקעף אריבער מיט זײַן גאנצן האָב־און־גוטס אפן שכיינעס־דיקן טישל און גיט אָפּ אין דער קאסירשעס רעשוס זײַן גרויסן שרײַבטיש, איבערלאָזנדיק אף אים דעם טינטער און די הענטלפען. ווי א געשפּענסט שטייט שוין בא דער טיר דער סטראכיר־אגענט — א לאנגע ביינערדיקע פרוי, וואָס סטראכירט פון אלע צאָרעס. באם פענצטער האָט זיך אײַנגעאָרדנט דער קולט־אָרגאניזאטאָר מאשענקע וואָראָנאָווא. זי נעמט געלט בא די, וואָס זײַנען געגאנגען אין טעאטער און האָבן ניט אָפּגעצאָלט פאר די בילעטן.

איינער פרעגט באם צווייטן:

— איך בין דיר גאָרנישט ניט שולדיק?..

אפן טיש וואקסט דאָס בערגל בלויע רעכענונגס־ביכלעך, וועלכע מע גיט איצט אָפּ, קעדיי אין צוויי וואָכן ארום ווידער זיי באקומען פון דער בוכהאלטעריע. קאָשקינעס טשעמאָדאנדל ווערט אלץ ליידיקער.

— נעמט קליינגעלט, — שרײַט זי נאָך. זי געדענקט וועגן דער נאָטיץ אינעם לעצטן נומער פון דער וואנטצײַטונג, וווּ דער מעכאבער, וואָס האָט זיך אויסבאהאלטן אונטערן פּסעוודאָנים „ניט קיין קליינלעכער“, שרײַבט, אז כאווערטע קאָשקינע האָט אָפּטמאָל ניט קיין קליינגעלט און זאָגט צו דערגעבן די קאָפּעקעס דאָס קומענדיקע מאָל.

מאניע האָט באקומען איר שילעריש געהאלט. ארײַנגעלייגט דאָס געלט אינעם שיינעם רויטן בײַטעלע, וואָס זי האָט באצײַטנס געקויפט, איז זי אוועק אין „דוש“. דאָרט האָט זי, נאָכן באָדן זיך, לאנג געקוקט אין א קליין קײַלעכיק שפּיגעלע, אין וועלכן מע קאָן ניט זען דאָס גאנצע פּאָנעם מיטאמאָל.

מאניע איז זיך ניט געווען געפעלן. די ליפּן — קינדערשע, די אויגן — צו גרויסע, דאָס פינטל אף דער באק איז פּאָשעט ווי א כויזעק. ווען זי האָט זיך אָבער געשטעלט אף די שפּיץ־פינגער און א קוק געטאָן אריבער עמעצנס א פּלייצע אינעם גרויסן שפּיגל, האָט דאָס געזיכט, ווי דורך א קישעף, באקומען כיין.

זי איז ארויס פון צעך, ארומקוקנדיק זיך אין די זײַטן, ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט.

די סימאָנים פון א יונגער אופקומענדיקער ליבע זײַנען גוט באקאנט. ווען מיכל האָט ברייט־הארציק אָפּגעגעבן דעם וועכטער א האלב פּעקל פּאפּיראָסן און איז האסטיק ארויס פון דרוקערײַ, איז שוין מאניע געשטאנען אפן ראָג גאס לעבן מאגאזין און געקוקט אין וויטרינע אף די ביקסן, יאגדטאשן, העקעלעך און שטעקעלעך. די מיידלעך פון צעך, וואָס זײַנען געגאנגען פארבײַ, האָבן זי גערופן מיט זיך, נאָר זי האָט זיך געמאכט ניט הערנדיק. דערזען, אז מישע (ווי זי האָט אים שוין אין זיך היימישלעך גערופן) גייט, האָט זי גענומען קוקן אין פענצטער מיט אזא אופמערקזאמקײַט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אויסקויפן דעם גאנצן מאגאזין. וואָראָבייטשיק האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר און גלײַך פארגעסן אין אלע זײַנע זאָרגן. „האָסט געוואָרט אף מיר?“ — פרעגן שטום זײַנע אופגעלויכטענע אויגן. צי איז פאראן אף דער וועלט א שענער לאָשן, ווי דאָס לאָשן פון די אויגן, — א שפּראך אָן איין וואָרט, אָן איין ארויסגעבראכטן קלאנג.

צוזאמען האָבן זיי זיך געלאָזט גיין איבער דער לאנגער קיראָוו־גאס. גלאַט אזוי, אָן א ציל ארײַנגעגאנגען אין פּאָטשטאמט, ווו בא די מאסיווע טירן שטייען פּאָטשטקאסטנס, יעדע די גרייס, ווי א שאפע.

אינעם זאל פאר טעלעפאָן־געשפּרעכן מיט אנדערע שטעט האָט פונעם רעפּראָדוקטאָר געדונערט:

— כארקאָוו, נײַנטע קאבינע!

— סווערדלאָווסק!..

— אשכאבאד!..

„אשכאבאד“, א מענטש אין די מיטעלע יאָרן האָט זיך געלאָזט לויפן צום טעלעפאָן. דאָס

טירל פון דער קאבינע האָט ער פאַרגעסן צו פאַרמאַכן און איבערן גאַנצן זאַל האָט זיך געהערט ווי ער שרײַט:

— עס וועט זײַן גוט! פאַרלאָזט זיך אַף טיטיורקינען!

נאָכן טעלעפאָן־געשפּרעך האָבן פון זײַן פּאָנעם גערונען טײַכן שווייס, ווי ער וואָלט זיך געוואַרעמט אַף דער אַשכאַבאַדער זון.

פון פּאָטשטאַמט זײַנען מיכל מיט מאַניען אַרײַן אין מאַגאַזין „גלאַוטשײַ". די געשמאַקע רייכעס פון אַלערליי סאָרטן טיי און פריש־צעמאָלענע קאַווע ציִען צו די פאַרבײַגייער. מאַניע האָט מיט פאַרגעניגן אויפגעגעסן דאָס געבעקס, וואָס מיכל האָט איר אונטערגעטראָגן לויט אַלע קלאָלים פון אַן עלעגאַנטן יונגנמאַן.

עס האָט זיך אָנגערוקט דער אָוונט. מאַניע האָט זיך געגנומען געזעגענען.

— איך וועל אײַך באַגלייטן, — האָט מיכל שטיל געזאָגט.

— ניין, ניין, מע דאַרף ניט. דעם גאַנצן וועג וועל איך לויפן, כ'פאַרשפּעטיק צו דער עלעקטריטשקע...

מיכל האָט מיט פאַרוווּנדערונג נאָכגעקוקט מאַניען. אַלע ווײַלע בײַט זי זיך. אָט איז זי, דוכט זיך, געוועזן אַזוי צוגעלאָזט, אויסגעגאַנגען מיט אים אַ האַלבע שטאָט, און אָט וויל זי שוין ניט גיין מיט אים אַ פּאָר מינוט. „זי איז נאָך גאָר אַ קינד" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און גענומען זי אָניאָגן.

די באַוועגונג אַף די גאַסן איז שוין געווען אַ סאַך שטילער. דער אַספאַלט האָט זיך אָפּגע־קילט, און די שטאָט האָט ווידער געקראָגן אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס. לעבן די געשלאָסענע מאַגאַזינען זײַנען מונטער אַרומגעגאַנגען די שאָמרים. צוויי רייען מאַטאָווע לעמפּ אַף אײַזערנע סלופּעס לענגויס דער גאַס האָבן געוואָרפן אַ שײַן אַרופצו, צום טונקעלן הימל־פּאַס, וואָס איז געווען פאַרצויגן מיט וואָלקנס.

קלאַפּנדיק מיט די קנאַפל פון די זומערדיקע טופליעס, וואָס האַלטן זיך נאָר אַף איין רימענדל, האָט מאַניע געײַלט צום וואָקזאַל. באַנאַנד מיט איר האָט געשפּאַנט מיכל.

אין דער עלעקטריטשקע האָבן זיי זיך אוועקגעזעצט איינער אַנטקעגן דעם צווייטן. ער האָט שטילערהייט אַרײַנגענומען דעם מיידלס האַנט אין זײַנער. אים האָט זיך איבערגעגעבן די וואַרעמ־קײַט, וואָס איז געווען צעגאָסן איבער איר קליינער דלאָניע. ער האָט אומגעריכט פאַר זיך אַליין זיך אָנגעבויגן און צום ערשטן מאָל אַף זײַן לעבן אַ קוש געטאָן אַ מיידל די האַנט!

— עס גייט שוין אָפּ דער צוג, — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, — איר וועט ניט באַוויזן אַרויסגיין...

מיכל איז געבליבן זיצן. ער איז מיסטאָמע געווען דער איינציקער פּאַסאַזשיר, וואָס האָט געוואָלט, אַז דער באַן זאָל זיך ניט רירן פון אָרט, און אויב שוין יאָ, זאָל ער זיך שלעפּן וואָס לענגער.

## 6

מינוטן און שאָען ציִען זיך לאַנגזאַם, כאָדאָשים און יאָרן לויפן אומבאַמערקט. אומבאַמערקט זײַנען באַ כאַנען — מאַניעס מוטער — דורכגעלאָפן די יונגע יאָרן, און ס'האָט זיך אָנגערוקט די עלטער.

כאַנע האָט באַצײַטנס צונויפגענומען די דאָקומענטן, וואָס מע דאַרף צושטעלן אין „סאָבעס". צוזאַמען מיט דער לעצטער פּאָר קעסיידערדיקער אַרבעט האָט זיך באַקומען אַ פײַנע פּענסיע — קימאַט אַזויפיל, וויפל דער אַרבעטסלוין אירער. דערצו איז די טאָכטער אויך שוין אַ שטיקל פאַרדינערן.

אָבער וואָס מער זי האָט זיך דערנענטערט צו דער פּענסיע, אַלץ מער האָט זי ניט געוואָלט זיך שיידן מיט דער אַרבעט. כאַנע האָט ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, וויאַזוי זי וועט איינע אַליין זיצן אין שטוב. זי האָט מוירע געהאַט צו בלײַבן אַ גאַנצן טאָג מיט די אייגענע מאַכשאָוועס, אויג אַף אויג מיטן פּאָרטרעט פונעם מאַן, — אַ מאָדנער פּאָרטרעט, וואָס דריקט ניט אויס דעם גוירל פונעם מענטשן. אַזאַ פריילעך פּאָנעם, אַזאַ ברייטער שמייכל, ס'דוכט, אָט וועלן זיך פאַנאַנדער־עפענען די ליפּן און ער וועט אָנהייבן לאַכן.

— קלײַבסט זיך, אַנאַ מאַטווייעוונאַ, אַף פּענסיע? — פרעגט מען זי אין צעך.

כ'וועל זיך נאָך אייַצע האַלטן מיטן קישן, — ענטפערט זי אומבאַשטימט.

און דער קישן ליגט באַנאַכט ניט רויִק, כאַלוימעס פלעכטן זיך איבער מיט געדאַנקען און דערמאָנונגען. באַטאָג, באַ דער ליכטיקער שײַן, איז פיל גרינגער.

אַזוי איז געגאַנגען כּוידעש נאָך כּוידעש. און די מעדיצינישע אַנאַליזן און קאַרדיִאָגראַמע האָבן אַלץ אָפּטער דערמאָנט, אַז עס איז שוין טאַקע צײַט אָפּצורוען זיך.

און אָט, צווישן איין וואַכטע און דער צווייטער, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די נייטערנס אַף צו געזעגענען זיך מיט דער אַלטער אַרבעטערן, זאָגן איר אַ פּאָר גוטע ווערטער.

ווי שטאַרק זי האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט, האָט זי דאָך קימאַט גאָרניט געהערט, וואָס מע רעדט וועגן איר. באַ איר זײַנען געווען פאַרנעפּלט די אויגן, זי האָט ניט געזען פאַר זיך די מענטשן אין די בלויע און שוואַרצע כאַלאַטן, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, זי האָט אָבער געפּילט זייער וואַרעמען אָטעם, פון וועלכן די גלעזלעך פון אירע ברילן זײַנען געוואָרן נאָך מער פאַרהויכט.

אַף מאָרגן האָט כאַנע, ווי געוויינלעך, זיך אויפגעכאַפּט האַלב זעקס אַזייגער אינדערפרי, אויפגעוועקט מאַניען, צוגעגרייט פאַר איר פרישטיק, אַרויסבאַגלייט זי אַף דער אַרבעט — און דאַן זיך ווידער צוגעלייגט. ס'איז איר געווען אָנגענעם, וואָס מע דאַרף אינערגעץ ניט אײַלן, מע קאָן ליגן, וויפל דאָס האַרץ גלוסט, און אויסשלאָפן זיך פאַר אַלע ניטדערשלאָפענע פאַרטאָגיקע שאָען. דער שלאָף איז אָבער ניט געקומען. זי האָט זיך אָנגעטאָן און גענומען באַלעבאַטעווען.

פאַר עטלעכע טעג האָט כאַנע אָפּגעפּאַרטיקט צענדליקער נייטיקע שטוב־זאַכן, וועלכע זי פלעגט פריִער אָפּלייגן אַף שפּעטער. נאָר ווי זי האָט ניט געהאָרעוועט, איז באַ איר געווען אַ געפיל, אַז זי פאַרנעמט זיך מיט נאַרישקײַטן.

פיר אַזייגער באַטאָג, ווען די מאָסקווער ראַדיאָ הייבט ווידער אָן ריידן נאָכן מיטיק־איבערײַס, קוקט שוין כאַנע אַרויס אַף דער טאָכטער. זי טוט הויך אַ זאָג, ווי עמעצער וואָלט געווען אין צימער: „מאַניע וואַשט שוין נאָך דער אַרבעט די הענט“. אין געדאַנק שפּירט זי נאָך יעדן טראָט מאַניעס: אָט נעמט זי דעם מאַנטל אין גאַרדעראָב, אָט גייט זי דורך דער בודקע, אָט לויפט זי איבער דער גאַס צו דער עלעקטריטשקע...

אָבער אָט איז שוין נאַכט, און מאַניע איז נאָך אַלץ ניטאָ. כאַנע האָט זיך ניט צוגערירט צום וואַרמעס און צו דער וועטשערע. מיט יעדער מינוט איז אַלץ מער געוואַקסן דער אומרו. עפּשער האָט, כאָלילע, געטראָפן אַן אומגליק באַ דער מאַשין? אַמאָל צען איז זי געגאַנגען צו דער קאַליטקע, דערנאָך גענומען אין דער האַנט אַ שטעקן און געלאָזט זיך גיין איבער די פּוסטע געסלעך צו דער סטאַנציע. הינטער די פּלויטן האָבן געפינקלט ליכטיקע קורצע סטעזשקעלעך, וואָס האָבן צום טראָטואַר ניט דערגרייכט. די הילצערנע הײַזער, אַרומגעשטעלט פון אַלע זײַטן מיט וועראַנדעס, באַלקאָנדלעך, טורעמלעך, האָבן אין דער טיף פון די געדיכט־גרינע הויפן געהאַט דעם אָנבליק פון פאַרצײַטיקע פעסטונגען.

אַף דער ליידיקער פּלאַטפאָרם האָט אַ מיליציאָנער אײַנגעטײַנעט מיט אַ שיקער, ער זאָל בעסער מיט גוטן גיין אַהיים שלאָפן. כאַנע האָט זיך אויסגעזוכט אַן אָרט לעבן דער אײַזנבאַן־בריק און גענומען וואַרטן. אַף די גרויסע עלעקטרישע זייגערס רוקט זיך ניט דער מינוטן־ווײַזער פּאַוואָליע, נאָר ער שפּרינגט איבער אַף אַ גאַנצער מינוט. כאַנע האָט געקוקט אַפן גרויסן ווײַזער און מיט יעדן שפּרונג זײַנעם האָט איר אַלץ מער פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

מאַניע איז אָנגעקומען מיט איינעם פון די לעצטע צוגן. ניט באַוויזן אַראָפּשטײַגן פון די טרעפּלעך פון וואַגאָן, איז זי אַרײַנגעפאַלן אין דער מאַמעס אָרעמס.

— אַזוי שפּעט? ווו ביסטו געווען? — האָט כאַנע פעסט זי געהאַלטן פאַר דער האַנט, ווי מוירע האָבנדיק זי צו פאַרלירן.

— מאַמע, מאַך מיר ניט קיין ביזויען, — האָט מאַניע אַ שעפּטשע געטאָן און אומגעקוקט זיך אַף צוריק. — באַקען זיך, מאַמע, מיט מישע וואָראָבייטשיקן, — האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ הויכער האָפערדיקער שטים, פונקט ווי כאַנע וואָלט טאַקע נאָר אַף אים איצט געריכט זיך און געוואַרט.

מיכל, וואָס איז געשטאַנען אין שאָטן הינטער מאַניען, איז אַרײַן אינעם ליכטיקן קרײַז פון לאַמטערן.

— מאַמע, באַקען זיך, דאָס איז מישע, — האָט מאַניע איבערגעכאַזערט. און וועלנדיק, אַפּאָנעם, באַרויִקן די מוטער, האָט זי צוגעגעבן, — ער פאָרט גלײַך צוריק.

כאַנע האָט באַ דער שײַן פון לאַמטערן אַ קוק געגעבן, ווי ער זעט אויס, אָט דער וואָראָביי־טשיק. ס'האָט זיך איר מיטאַמאָל דערמאָנט, וויִאַזוי מיט יאָרן צוריק האָט אויך אַזאַ הויכער באָכער מיט שיינע שוואַרצע האָר באַגלייט זי באַנאַכט אַף דער עלעקטריטשקע.

— אַזוי גאָר? — האָט זי פאַרלוירן אַ מורמל געטאָן. — וואָס וועט איר טאָן, אויב קיין באַן וועט שוין אַף צוריק ניט זײַן?

ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין באַן איז שוין טאַקע ניטאָ, האָט כאַנע געזאָגט:

— נישקאָשע, מיר וועלן אײַך ווי־ניט־איז באַשטאַטן...

די גוטע בסורע, אז פאר די „ציבעלעס מיט די מערן“ איז ער אָפּגעקומען בלויז מיט אן אויס־רייד, האָט וואָראָבייטשיק אופגענומען אָן היספּײַלעס. ער פאַרשטייט, אז דער הויפּט־אינזשעניער האָט פּאַשעט אף אים ראכמאַנעס, זי שפּילט די ראָליע פון א ברייטהאַרציקער באַשיצערן.

ער האָט גענומען דורכקוקן די פרישע בויגנס פון דער מאַשין און געפונען צווישן זיי א סאך שלעכט אָפּגעדרוקטע — מיט פלעקן, „פליכן“. אן אופגעקאָכטער איז ער צוגעלאָפן צו מאַניען.

— פאַרוואָס קוקט איר ניט? צוליב אײַך וועט מען פאַרבראַקירן א האַלבן טיראַזש!

מאַניע האָט פון אומגעריכטקײַט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן.

זי איז געזעסן אף איר בענקעלע און ביז קאָפּשווינדלעניש נאָכגעשפּירט נאָכן פלאַטער פון די בויגנס. אָבער די איינטאָניקע קלאַפּערײַ פון דער מאַשין האָט מיד געמאַכט און אָנגעיאָגט א דרעמל... אין א פּאָר מינוט ארום האָט מיכל שוין כאַראָטע געהאַט, פאַרוואָס ער איז אָנגעפאַלן דאַפקע אף איר. איבערן צעך האָט ער דערזען ארומגיין וואַלעריאַ אַלעקסאַנדראָוונען מיט טימאָפיי אַלעקסייעוויטשן. לעבן מיכלס טיש האָט זיך דער הויפּט־אינזשעניער אָפּגעשטעלט, געגעבן א לענגערן קוק אפן יונגן מײַסטער, ווי זי וואָלט געוואַרט, ער זאָל איר זאָגן עפּעס גוטס. וואָראָבייטשיק האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגן די שלעכט־אָפּגעדרוקטע בויגנס, געזאָגט האָט ער גאָר עפּעס אנדערש:

— מיר ווײַזט זיך אויס, וואַלעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אז דעם „אַלעפבייס“ דאַרף מען דרוקן גלײַכצײַטיק אף צוויי אָדער אפילע אף דרײַ מאַשינעס, אניט וועלן מיר פאַרציִען ביז סענטיאַבער, ווען דאָס לערנביכל דאַרף שוין זײַן בא די שילער אין רענצל...

— איר האָט ווינציק צאָרעס פון איין מאַשין, דאַרפט איר נאָך גאַנצע דרײַ... — האָט וואַלעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איראָניש אים אָנגעקוקט.

— אַרײַנגעכאַפּט? — האָט טימאָפיי אַלעקסייעוויטש גוטמוטיק א שטויס געטאָן וואָראָבייטשיקן, ווען דער הויפּט־אינזשעניער איז אוועק, — דאָך מיין איך, — האָט ער צוגעגעבן שוין מיט אן ערנסטן טאָן, — אז דײַן פאָרשלאָג איז א ריכטיקער...

טימאָפיי אַלעקסייעוויטש האָט אַרײַנגעפירט מיכלען צו זיך אין קאַבינעטל און ארויסגענומען פון טישקעסטל א פּעקל שמאָלינקע קאַרטאָנדלעך, אף וועלכע עס זײַנען געווען פאַרשריבן די נעמען פון די מאַנוסקריפּטן, וואָס מע דאַרף דרוקן. אף אייניקע קאַרטאָנדלעך איז אינעם לינקן אייבערשטן ווינקל געשטאַנען אן אופשריפט „דרינגענדיק“, אף אנדערע „טייקעף“, נאָר אפן קאַרטל פונעם „אַלעפבייס“ איז ניט געווען קיין שום צייכן. דער „אַלעפבייס“ איז געווען א געוויינלעכער סאַלדאַט, וואָס דאַרף געדולדיק וואַרטן אף זײַן ריי.

— דערקלערט מיר, — האָט מיכל א בעט געטאָן דעם עלטערן מײַסטער, — פאַרוואָס שטייט דער „אַלעפבייס“ אפן לעצטן אָרט?

— גאַנץ פּאַשעט, — האָט טימאָפיי אַלעקסייעוויטש מיט א טויבלעך קאָל געענטפערט, — פאַר אונדזער טיפּאָגראַפיע איז אן „אַלעפבייס“ ניט פון די באַשטעלונגען, וואָס מע דאַרף זיך כאַפּן זיי דרוקן. א סאך מאַראָקע... מע קוקט נאָך אַלץ ארויס, אז דאָס לערנביכל וועט מען אוועקגעבן אין אן אנדער דרוקערײַ — אהין, ווו מע דרוקט געוויינלעך אַזעלכע מעציִעס...

— אָבער ווי האַלט איר, ווי וואָלט איר געהאַנדלט?

— קיינער האָט אונדז ניט געגעבן קיין רעכט צו האַנדלען, ווי מיר ווילן, — האָט טימאָפיי אַלעקסייעוויטש גאַנץ קאַלטלעך אָפּגעענטפערט.

— איר זײַט דאָך אָבער דער עלטערער מײַסטער...

— הער נאָר, ברודערקע, וועסט זיך אַמאָל אָפּטשעפּען פון מיר? — האָט דער אַלטער אַרײַנגעלייגט די קאַרטאָנדלעך צוריק אין טישקעסטל.

וואָראָבייטשיק איז ארויס פון קאַבינעטל און אוועק צו זיך אפן באַצירק. אַלע מאַשינעס האָבן נאָרמאַל געאַרבעט. „וואָס קריך איך אהין, וווּהין מע בעט מיך ניט?“ — האָט ער קימאַט אף א קאָל געזאָגט צו זיך אליין.

— מיכאַיל גריגאָריעוויטש, — איז צו אים צוגעלאָפן די דרוקערן פון דער ראָטאַציע מאַרוסיע לעוואָקאָוואַ מיט א צעעפנטער „אַלגעברע“ אין דער האַנט, — איר זײַט, דוכט זיך, איצט א ביסל פרײַ. העלפט מיר ארויסציִען א וואָרצל.

— בייס דער אַרבעט? — האָט וואָראָבייטשיק אָנגעשטעלט אף איר א פּאָר אויגן.

— איך דאַרף נאָך איבערזעצן א גאַנצן פּאַראַגראַף דײַטש, — האָט זיך געבעטן מאַרוסיע.

— אויב איר גייט ניט טייקעף אף אײַער אָרט... — איז ער ניט אף קאַטאָוועס אין כּעס געוואָרן.

אַזאַ בייזן האָט מאַרוסיע אים נאָך קיינמאָל ניט געזען. ער איז געזעסן עטלעכע מינוט באַם

טישל, דערנאָך זיך אופגעהויבן און, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן, זיך געלאָזט גיין פון מאַשין צו מאַשין. ער האָט גענומען דורכקוקן די סטעלאַזשן פאַרטיקע פּראָדוקציע.

אַף דער מערהײַט מאַשינעס האָבן זיך געדרוקט זאַכן, וועלכע עס וועט זײַן אַ פאַרגעניגן צו האַלטן אין דער האַנט. אַ בוך פונעם אַקאַדעמיקער יאָפע, נעקראַסאָווס לידער... פון דער דריטער מאַשין, פּערטער און פינפטער מאַשינעס זײַנען געפלויגן בלאַנקען פון אַרבעטסלוין, פּוטיאָווקעס, טעאַטראַלע אַפישעס. אַף דער זעקסטער מאַשין האָט זיך געדרוקט אַ „באַריכט וועגן סרייפּעס".

דער באַראַבאַן האָט זיך געדרייט מיט אַ מוירעדיקער שנעלקײַט. פונקט ווי עס וואָלט געברענט די גאַנצע וועלט און מע דאַרף זי לעשן מיט די דאָזיקע באַריכטן. דער באַריכט האָט געפאָדערט בײַ יעדן דירעקטאָר פון זאַוואָד, בײַ יעדן שעף פון אַנשטאַלט, ער זאָל מיטיילן, וואָס האָט בײַ אים געברענט אינעם פאַרגאַנגענעם קוואַרטאַל, און צי איז די סרייפע געווען אַ הונדערטפּראָצענטיקע, דאָס הייסט צי אַלץ האָט אָפּגעברענט. בײַ מיכלען האָט גענומען שווינדלען אין קאָפּ. ער איז אַרײַן אין קאָרעקטאָר־צימער און צוגעזעצט זיך אַף אַ רולאָן פּאַפּיר, וואָס דינט דאָ פאַר אַ בענקל.

— זײַט אַזוי גוט, זאָגט מיר, וואָס אינטערעסירט אײַך? — האָט געפרעגט קאַסיאַן קירילאָוויטש.

— איך זוך אַ באַריכט וועגן פאַרקירצן די באַריכטן, — האָט מיכל געפרוווט זיך אַ כאַפּ טאָן.

— פאַרוואָס זשע האָט איר מיר גלײַך ניט געזאָגט? פאַראַן אַזאַ באַריכט. — קאַסיאַן קירילאָוויטש האָט מיט זײַן אונטערטאַצנדיקן גענגל געמאַכט עטלעכע טריטעלעך פון טיש צו דער עטאַזשערקע, דאָרטן אַ זוך געטאָן און אַרויסגעשלעפּט אַ קאָנטאָרסקע בוך „פאַרקירצטע באַריכטן". אינעם בוך זײַנען געווען אָנגעוויזן די אָפּגעשאַפענע „פאָרמעס" און דאָ גלײַך זײַנען אַף זייער אָרט געשטאַנען די נײַע.

— קווינט־עסענץ! — האָט קאַסיאַן קירילאָוויטש מיט אַ קנאַק פאַרמאַכט דאָס בוך און אים צוריק אוועקגעלייגט אַף דער פּאָליצע.

אָפּגעזעגנט זיך מיטן קאָרעקטאָר, איז מיכל אַוועק אין דער קאָנטאָר פון דער דרוקערײַ. דאָ האָט ער אַ ביסל אומגעבלאָנקעט איבערן לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר, טראַכטנדיק בײַסמײַסע, צו וועמען ס׳איז בעסער אַרײַנצוגיין. ער האָט אַרײַנגעשטעלט אַ פוס אין דער בוכהאַלטעריע און געוואָלט גיין ווײַטער, נאָר דער הויפּט־בוכהאַלטער דוואָיעגלאַזאָוו האָט פון זײַן בעקאָוועדיקן ווינקל אַ קוק געטאָן אַף אים מיט אַזאַ געמיטלעכן אויסדרוק אַפן פּנים, אַז ס׳וואָלט געווען אַן אַוולע ניט צוצוגיין.

אַף דער וועלט איז פאַראַן ניט ווינציק מענטשן, וואָס האָבן ניט געטראָפן מיט אויסקלײַבן אַ פאַך. אַ פאַרשוין, וואָס וואָלט געקאָנט זײַן אַ גוטער שוסטער, שטעפּט אַ גאַנצן לעבן לידעלעך, גראַם־שטראַם... אַ יונגערמאַן, וואָס וואָלט געקאָנט ווערן אַ פײַיִקער קאָנסטרוקטאָר פון מאַשינעס, קאָנסטרויִרט מעסירעס און אָנקלאָגעס, אַ באָכער אַ גיבער — אַ געבוירענער שטאָל־קאָכער טוט אָן אַ ווײַס מיצל אַפן קאָפּ און אַ ווײַסן פאַרטעך און קאָכט שלעכטע מיטיקן.

דער הויפּט־בוכהאַלטער דוואָיעגלאַזאָוו איז מיט לײַב און לעבן אַרײַנגעטאָן אין ראַדיאָ־טעכניק. זײַן קליין דירעלע אין אַ קאָמונאַלן הויז איז פאַרוואַלגערט מיט דעטעקטאָרס, קאָנדענסאַטאָרס, לאָמפּן און לעמפּלעך. ער האָט אויסגעמײַסטרעוועט אַ ראַדיאָ־אופנעמער און אַ טעלעוויזאָר, ניט ערגער פון די, וואָס מע פאַרקויפט אין מאַגאַזין. די שאָען, וואָס דוואָיעגלאַזאָוו פאַרברענגט אין דער בוכהאַלטעריע, האַלט ער פאַר פאַרלוירענע. דאָס שטערט אים פונדעסטוועגן ניט צו שטאָלצירן מיט זײַן פּאָסטן, וועלכן ער האָט באַקומען אַף די עלטערע יאָרן, ערלעך און שווערלעך קלעטערנדיק פון טרעפּל אַף טרעפּל, ביזוואַנען ער האָט דערגרייכט דעם אייבערשטן שטאַפּל פונעם בוכהאַלטערישן לייטער.

— בײַ אײַך איז דאָ קימאַט אַזויפיל אוילעם, וויפל בײַ אונדז אין צעך, — האָט וואָראָבייטשיק אַ זאָג געטאָן צו אים, באַקוקנדיק די צוויי רייען קאַנצעליאַרישע טישלעך. איין ריי האָט זיך געצויגן לענגויס דעם הילצערנעם ווענטל, וואָס גרענעצט זיך מיטן קאָרידאָר, די אַנדערע — לענגויס די פענצטער.

— ווינציק, — האָט דוואָיעגלאַזאָוו אַ בורטשע געטאָן.

— וואָס איז ווינציק? — האָט מיכל ניט פאַרשטאַנען.

— בוכהאַלטערס, כעזשבנפירערס, רעגיסטראַטאָרס, — האָט ער אָפּגעענטפערט און דונערנדיק זיך צעלאַכט. — אָך און וויי צום געלעכטער, — איז פאַרשוווּנדן געוואָרן זײַן פריילעכקײַט. — יעדע אינסטאַנץ, וואָס שטייט אַף אַ נאָגל העכער פון אונדז, פאָדערט באַריכטן אַף צענדליקער זײַטן. אָט זיצט אַנטקעגן מיר וואַליע — האָט ער געזאָגט, אָנווײַזנדיק אַף אַ יונגינק מיידל מיט געקרײַזלטע הערעלעך, וואָס איז געזעסן באַם דריטן טישל לעבן דער וואַנט. — אַפן ערשט־

מײַיקן און האָט זי געשפּילט לויזען אין שילערס טראַגעדיע... באַ מיר אין בוכהאַלטעריע ווערט זי פאַרטריקנט און פאַרדאַרט!

פון דער מינוט אָן, ווי דער הויפּט-בוכהאַלטער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן איר, האָט וואַליע געמומען אָנציִען און אָפּלאָזן די גומקע פונעם שוואַרצן סאַטינענעם אַרבל, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אויפן אַרבל פון קאָפטל. דאָס בלוט איז צוגעפלאָסן צום מילדן פּענעמל און ס'האָט גע־דוכט, אַז די רויט-געפאַרבטע האָר אויפן קאָפּ זײַנען געוואָרן נאָך רויטער. דוואָיעגלאַזאָוו האָט מיט איין אויג געקוקט אויפן מיידל, ווײַזט אויס, איר פאַרלוירנקײַט האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

— איך וואָלט זי גענומען באַ דער האַנט, — האָט ער פאַרגעזעצט מיטן זעלבן הויכן קאָל, — און אַוועקגעשלעפּט פונדאַנען, וווּהין די אויגן טראָגן... נו, כאָטשבי אַרבעטן אין ראַדיאָ־אַטעליע, — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן אומגעריכטן זיפץ.

וואָראָבייטשיק דערציילט דוואָיעגלאַזאָוון וועגן די פּילצאַליקע קאָנטאָרסקע ביכער, וואָס דרוקן זיך אויף די מאַשינעס.

— פאַרברענען, פאַרניכטן! אַ העלפט קאָנטאָרסקע ביכער פאַרניכטן! — האָט דוואָיעגלאַזאָוו אַזוי זיך צעדונערט, אַז די ביינדלעך פונעם כּעזשבן-ברעט האָבן צעקלונגען זיך אויף די דראָטלעך, פּונקט ווי זיי וואָלטן דערשפּירט אַ געפאַר. דער בוקעט בלײַערס אינעם פּלאַסטמאַסאָוון בעכער האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אויף אומצופאַלן.

מיכל האָט קלאָל ניט דערוואַרט אַזאַ שטורמישע רעאַקציע מיצאַד דעם הויפּט-בוכהאַלטער און איז פון פאַרוווּנדערונג אַפילע אַ ביסל אָפּגעטראָטן פון טיש. וואַליע, אַ דערפרייטע, וואָס מע רעדט שוין ניט וועגן איר, האָט צום לעצטן מאָל אַ צופּ געטאָן דעם אַרבל און ניט-דרייסט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דאָס פּנים אירס האָט ביסלעכווײַז ווידער געקראָגן דעם געוויינלעכן בלאַסלעך-ראָזעווען קאָליר.

צוריקוועגס פון דער בוכהאַלטעריע איז וואָראָבייטשיק אַרײַנגעגאַנגען צום הויפּט-אינזשעניער.

— זעצט זיך, כאָווער וואָראָבייטשיק, — האָט וואַלעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אָנגעוויזן אים אויף אַ שטול. אַ פּאָר ווײַלעס האָט מיכל געשוויגן, ניט וויסנדיק פון וואָס אָנצוהייבן.

— איך הער אײַך, — האָט וואַלעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ זיך געווענדט צו אים.

— מיר ווײַזט זיך אויס, אַז אייניקע מאַשינעס דרייען זיך באַ אונדז אָן נוצן, — האָט ער אויסגעשאָסן, בײַקומענדיק מיטאַמאָל יעטווידן שפּור פון פאַרלעגנהײַט.

— איך האָב אײַך ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, — האָט מאַקסימאָווו אָנגעקוקט אים מיט פאַרוווּנדערונג, — וואָס הייסט די מאַשינעס דרייען זיך אָן נוצן?..

— איך האָב נאָרוואָס וועגן דעם גערעדט מיטן בוכהאַלטער דוואָיעגלאַזאָוון, ער איז אויך מיט מיר מאַסקים...

— איך הייב אַלץ ניט אָן צו פאַרשטיין, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, — האָט מאַקסימאָווואַ זיך אונטערגעהויבן פונעם שטול. — טוט אַליין אַ טראַכט, — האָט זי שטיל, געדולדיק אָנגעהויבן דערקלערן, ווי אַ גוטע לערערן דערקלערט עפּעס אַ טעמפּן שילער, — אונדזער זאַך איז — דרוקן, און וואָס צו דרוקן — וועגן דעם זאָרגן אַנדערע...

— זאָגט מיר פונדעסטוועגן, וואָס איז בילכער — „באַריכטן וועגן סרייפּעס", וואָס וועלן ליגן אויפן סקלאַד, צי אַן „אַלעפבייס" פאַר קינדער צום ערשטן סענטיאַבער?

„דער שלימאַזל וועט זיך ניט באַרויִקן, ביז ער וועט ניט קאַליע מאַכן נאָך אַ פּופּצן טויזנט בויגנס"... — האָט וואַלעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַ טראַכט געטאָן. אויף אַ פּאָר רגעס האָט זי צוגעמאַכט די אויגן און דערזען פאַר זיך די בויגנס פונעם „אַלעפבייס", וואָס פליִען פון די מאַשינעס. אויף יעדן זײַטל: אָנשטאָט די געמעלן — טונקעלע פלעקן.

— איר שטעלט זיך אַליין ניט פאָר, וואָס פאַר אַ שווערער איניען ס'איז אָט דער קליינטשקער „אַלעפבייס". יעדעס געמעל דאַרף דאָך שפּילן, יעדעס שטריכעלע דאַרף זײַן קלאָר און דײַטלעך... נו, גוט, נעמט נאָך אַ מאַשין, אַפילע נאָך צוויי מאַשינעס, — האָט זי פּלוצעם באַשלאָסן, — אָבער ראַטעווען מער וועל איך אײַך ניט...

שוין זײַענדיק אויף די טרעפּ, האָט מיכל זיך באַטראַכט, אַז ס'וואָלט ניט געשאַדט אַרײַנזאָגן דעם הויפּט-אינזשעניער וועגן דעם, אַז מע דאַרף ניט ראַטעווען, מע דאַרף העלפן...

ער האָט זיך אומגעקערט אין צעך. אַ ליכטיקע העלע זון האָט געשלאָגן אין די פענצטער, פאַרוואַנדלענדיק שוואַרצע פאַרב אין גאָלדענער. געטאָן האָט עס די זון מיט אַ ברייטער האַנט, האַלעווײַ געזאָגט געוואָרן אויף אַלע גאָלדמאַכערס, וואָס ציטערן איבער אַ הונדערטל גראַם גאָלדענעם פּראַשעק.

קימאַט גלײַך באַ דער טיר איז אַנטקעגן אים אָנגעקומען מאַניע. די וואַכטע האָט זיך געהאַט

פאַרענדיקט און מאַניע האָט זיך שוין באַוויזן איבערצוטאָן. אַפּגיך איז זי דורכגעגאַנגען פאַרבײַ, גלײַך ווי זי וואָלט אים ניט געקענט.

— מאַניע! — האָט ער זי אַ רוף געטאָן.

זי האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און איז אַוועק ווײַטער. מיכל איז געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהײַט.

— מאַניע! — האָט ער ווידעראַמאָל אויסגערופן. זי האָט זיך ניט אומגעקוקט. מעגלעך, אַז איצטיקס מאָל האָט זי טאַקע אָף אָן עמעס ניט געהערט, זי איז שוין געווען ווײַטלעך. אײַנ־האַלטנדיק דעם טראָט, עס זאָל ניט אויסקומען, אַז ער לויפט, האָט ער גענומען זי אָניאָגן. מאַניע האָט שוין גוט געוווסט זײַן טעווע — נאָכצויאָגן זי. דערהערנדיק זײַנע טריט, פלעגט זי געוויינלעך אָף עפּעס־וואָס קלוימערשט זיך פאַרקוקן און אַזויאַרום אויסוואַרטן. איצט האָט זי אינעם ווײַסן זומערדיקן קליידל זיך באַוועגט אַלץ פאָרויס, ווי אַ זעגל, וואָס פאַרקערעוועט ניט פון דעם קורס אָף אַ האָר.

— ווּהין אײַלסטו עס אַזוי? זעסט ניט און הערסט ניט, — האָט ער זי לײַכט אָנגענומען באַם עלנבויגן, ווען זיי זײַנען ביידע גלײַכצײַטיק אַרויס אין גאַס.

— אײַך איז דען ניט אַלציינס, ווּהין איך אײַל? — האָט זי אים אָפּגעמאָסטן מיט אַן אָפּגעפרעמדטן בליק. — איינס האָב איך יאָ געהערט און געזען: ווי איר זײַט פּלוצעם אָנגעפאַלן אָף מיר...

— מע טאָר שוין קיין וואָרט ניט זאָגן, — האָט ער גענומען זיך פאַרענטפערן. — דו זעסט דאָך אַליין, וואָס דאָ טוט זיך...

— אויסלאָזן דאָס שווערע האַרץ צו יענעם... — זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר, ווײַזט אויס, באַשלאָסן, אַז ס׳לוינט ניט.

ערשט איצט האָט מיכל זיך געכאַפּט, אַז ער גייט מיט אַן עלעגאַנט־געקליידט מיידל איבער דער גאַס און אַליין איז ער אין אַ לאַנגן כאַלאַט, אַפן קאָפּ — אַ שפּיצעכיק פּאַפּירן מיצל, די הענט זײַנען אין פאַרב. ער האָט אַזוי פרייליך, יינגלש גענומען לאַכן פון זיך, אַז די בייזע מאַניע האָט זיך אויך צעלאַכט.

אומגעקערט זיך אין דרוקערײַ, האָט ער נאָך לאַנג ניט אויסגעטאָן דעם כאַלאַט, כאָטש ער האָט אים שוין ניט באַדאַרפט. דער דאָזיקער מאַלבעש איז געווען אַ מין אָנדײַט, אַז מאַניע קלײַבט זיך ניט צו שפּילן אַ לאַנגן ברוגזע.

8

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען דעם „אַלעפבייס" גענומען דרוקן גלײַכצײַטיק אָף דרײַ מאַשינעס, און אין דרײַ מאָל מער זײַנען אויסגעוואַקסן די זאָרגן און קאָפּדרייעניש.

אַן „אַלעפבייס" איז איינס פון די עלטסטע און כאָשעווסטע ביכער אָף דער וועלט, נאָר מענטשן צעשיידן זיך מיט אים גלײַך נאָכן ערשטן קלאַס און קוקן שוין מער אין אים ניט אַרײַן. דער אינזשעניער וואָראָבייטשיק האָט איצט שטודירט דעם „אַלעפבייס" בויגן נאָך בויגן, הונדערט מאָל זיך אײַנגעקוקט אין יעדן זײַטל. ער האָט אַלץ קלאָרער דערפילט, אַז צופיל געדויערט די אַרבעט, וואָס עס קומט אויס אָפּצוטאָן, ביזוואַנען יעדער אָס און יעדעס געמעל קומען אַרויס קלאָר און דײַטלעך.

„איך האָב אין קאָפּ אַ גאָלדענע אידיי, וויאַזוי דרוקן דעם „אַלעפבייס" דרײַ מאָל גיכער", — איז ער אַלעמען מוידיע, נאָר אין אַ טאָג אַרום, און אָפּטמאָל אַפילע אין אַ שאָ אַרום, וואַרפט ער זי אָפּ, די אידיי, און כידעשט זיך אַליין, וויאַזוי האָט ער ניט געזען די אומגעלומפּערטקײַט פון דעם. ער איז געוואָרן אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין דער לאַבאָראַטאָריע, וווּ עס אַרבעט די עלטערע פרוי סאָפיאַ דאַווידאָוונאַ באַטווינניק. סאָפיאַ דאַווידאָוונאַ האָט ניט קיין מוירע צו אײַסעקן זיך מיט די גיפטיקסטע שטאָפן, אָבער זי שרעקט זיך פאַר אַ מינדסטן צוגווינט. ווי נאָר וואָראָבייטשיק שטעלט זיך אַרײַן אין דער טיר, שרײַט זי און מאַכט מיט די הענט: „אַפּגיך פאַרמאַכט, ס׳איז אַ צוגווינט!" אויסער דער שטעלע אין דער לאַבאָראַטאָריע האָט באַטווינניק נאָך אַן אומזיסטע שטעלע — זי איז די געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקערן. אין יעדן נומער פון דער וואַנטצײַטונג דרוקט זי אַ באַריכט וועגן דעם ביכער־פאָנד. צום סאָף פונעם אַרטיקל מוסערט זי געוויינלעך די לייענער, וואָס קערן ניט אום די ביכער צו דער צײַט.

צוליב מיכלען איז זי ניט פויל און וואַרפט איבער אַלע פּאָליצעס, נאָר פּאָליגראַפישע ליטע־ראַטור געפינט זי ווינציק. מיכל קערט זיך אום פון דער ביבליאָטעק אין צעך, זעצט זיך בײַ אַ פרײַ טישל און אומגעדולדיק, פונקט ווי ער וואָלט מיט יעדער מינוט געקאָנט אַנטדעקן עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע נײַס, הייבט ער אָן בלעטערן די לערנביכער.

— קלײַבסט זיך דאָ נעכטיקן? — פֿרעגט אים טימאָפֿיי אַלעקסייעוויטש, אראָפּוואָרפֿנדיק פֿון זיך דעם כאַלאַט. ער זעצט זיך צו לעבן אים מיט א טיף־באַהאַלטענעם גוטן שמייכל אין די שוואַרצאַפּלען. דער אַלטער דערפֿאַרענער פּאַכמאַן, וועלכער האָט אין מעשעך פֿון צענדליקער יאָרן, גרײַפּעלע נאָך גרײַפּעלע, פּאַרפֿולקומט די מײַסטערשאַפֿט, קוקט מיט א לײַכטער איראָניע אפֿן ייִנגל, וואָס וויל אין איין האַלבער שאָ מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער פּאַליגראַפֿיע.

„ער וועט נאָך צו די צאָרעס בעטן, מע זאָל אים לאָזן מאַכן עקספּערימענטן" — טוט טי־מאָפֿיי אַלעקסייעוויטש א קלער מיט א געוויסער אומרויִקײַט.

ווירקלעך, גאָר אינגיכן האָט וואָראָבייטשיק אָנגעהויבן שלעפּן אין צעך בויגנס קאַרטאָן און צעלולאָיִד.

אַף מיכלען איז מאַניע אַלץ נאָך אָנגעבלאָזן. זי גייט מיט אים אינערגעץ ניט, זי וויל אים, דוכט זיך, ניט קענען און ניט וויסן. אומזיסט זוכט ער זי נאָך דער אַרבעט אין אַלע ווינקעלעך פֿון צעך, אין־הויף, אינעם סקווער. זי ווערט נעלעם, ווי אין וואַסער אַרײַן. אָבער איינס צום צווייטן האָט ניט. אויב די עקספּערימענטן מאַכט וואָראָבייטשיק אַף איר מאַשין, איז בעיין ברייריע מוז מען אים העלפֿן. מאַניע איז געלאָפֿן אפֿן סקלאַד קריגן מאַטעריאַל, דערבײַ אַרויסגעוויזן פּיי־קײַטן פֿון א געניטן „סנאַבזשענעץ". זי האָט ניט געקאַרגט קיין לויב־געזאַנגען דעם פּאַרוואַלטער פֿונעם סקלאַד. דער פּאַרוואַלטער האָט געשלונגען די זיסע פּילן און געקראָכן אין די פּאַר־וואָרפֿנסטע ערטער, אויסגעזוכט א שטיק גומי אָדער צעלולאָיִד. געבראַכט די מאַטעריאַלן אין צעך, האָט זי אַלץ דערלאַנגט דוסיען, יענע זאָל איבערגעבן „וועמען מע דאַרף".

גייענדיק אַהיים, איז מיכל איבערגעגאַנגען די גאַסן, וווּ עס האָט זיך געמאַכט. די מיליציאָ־נערן האָבן געפּײַפֿט און פֿאַרקערעוועט אים אַף צוריק. די לעצטע פּאָר וואָכן איז ער געוואָרן גאָר צעשטרייט. כאַפּן פֿונעם הענגער א פֿרעמד היטל, בעטן א שוועבעלע, ווען אין דער אייגענער קעשענע ליגן דרײַ פֿולע קעסטלעך, — דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט דערווײַל דערגרייכט. אַלע סימאָנים פֿון א דערפֿינדער, נאָר גופֿע דער דערפֿינדער איז נאָך ניטאָ, — טראַכט ער וועגן זיך מיט א טרויעריקלעכן שמייכל.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען מיכל האָט נאָך זײַנע ניט געלונגענע עקספּערימענטן געלאָזט זיך אַהיים, איז פּלוצעם פֿאַר אים אויסגעוואַקסן מאַניע. אַזוי פֿלעגט זי זיך באַווײַזן אין די גוטע צײַטן פֿון זייער באַקאַנטשאַפֿט. מיכל האָט זי געכאַפּט אונטערן אָרעם. גייענדיק אַזוי פּאַמעלעך, זײַנען זיי אַרײַן אינעם לערמאָנטאָוו־סקווער. ס'איז גראָד געווען די צײַט, ווען די קינדער, וואָס שפּילן דאָ דעם גאַנצן טאָג, זײַנען שוין אַוועק אַהיים, און די יונגע פּאָרלעך האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן. אין סקווער איז געווען לײַדיקלעך און טונקל. מיכל מיט מאַניען האָבן זיך צוגעזעצט אַף א באַנק לעבן לערמאָנטאָווס ווײַסמירמלנער סקולפּטור.

— די מאַמע מײַנע האָט אײַך איבערגעגעבן א גרוס, — האָט מאַניע א זאָג געטאָן און דערבײַ אַראָפּגעלאָזט די אויגן, מיסטאָמע דערפֿאַר, ווײַל דעם גרוס האָט זי געדאַרפֿט איבערגעבן נאָך מיט צען טעג צוריק.

מיכל האָט אופֿגעהויבן א שטעקעלע, וואָס איז געלעגן לעבן דער באַנק, און גענומען פֿירן מיט דעם איבערן גראָז, צוגעפֿלעטשט איין געוויקסל, א צווייטס און ווידער געלאָזט זיך זיי אויסגלײַכן.

— ווען כ'האָב זיך געלערנט אין שול, — האָט ער אָנגעהויבן ריידן ווי צו זיך אַליין, — פֿלעגט מיר אפֿן וועג אויסקומען פֿאַרבײַגיין א דרוקערײַ. די שויבן פֿון ערשטן שטאָק זײַנען דאָרטן געווען באַדעקט מיט מאַטעווער פֿאַרב. איך פֿלעג אַף די שפּיצפֿינגער זיך שטעלן אַנטקעגן א שײַבעלע, וווּ די פֿאַרב איז א ביסל אָפּגעקראָכן, און אָנהייבן קוקן אַף די שווינדלענדיקע רעדער און רעדעלעך, אַף די פֿלאַטערנדיקע פּאַפּירענע לײַוונטן, וואָס באַדעקן זיך, ווי דורך א קישעף, מיט שוואַרצע אויסיִעלעך...

— קומט אויס, אַז איר זײַט אַן אַלטער פּאָליגראַפֿיסט, — האָט מאַניע זיך צעלאַכט.

— דאַן האָב איך געמיינט, אַז פּאָליגראַפֿיע איז מײַן באַרוף... א סך מענטשן טרעפֿן ניט מיטן אויסוואַל פֿון זייער פֿאַך...

— כ'געדענק, — האָט זיך מאַניע אָפּגערופֿן, — אַז ווען כ'בין געגאַנגען אין פֿינפֿטן צי אין זעקסטן קלאַס, האָב איך געוואָלט זײַן א דרעסירערן פֿון כײַעס. אינעם זיבעטן קלאַס האָב איך אַף דער טעמע „וואָס וויל איך זײַן?" אָנגעשריבן: „א קינאָ־אַקטריסע". וואָס נאָר האָב איך ניט גע־וואָלט ווערן, אַפֿילע א קאַפּיטאַן... אָבער אַף מײַן איצטיקן אויסוואַל האָב איך דערווײַל קיין כאַראָטע ניט.

מיכל האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו איר.

— ס'ווערט שפּעט, — האָט זי מיטאָמאָל זיך א הייב געטאָן פֿון דער באַנק.

ער איז אַוועק זי באַגלייטן צום וואָקזאַל.

מיכלס שוועסטער קומט אָפּטמאָל אויס צו דעזשורען באַנאַכט, און דאַן האָט ער אינדערפרי א שווער שטיקל ארבעט: אָפּפירן די פּלעמעניצע אין קינדער־גאָרטן. ער מאַטערט זיך געגוג אָן, ביז ער פארפלעכט איראָטשקען די צעפּלעך, פארבינדט דעם באַנט אף די האָר.

אָבער דאָס איז נאָך א קלייניקייַט קעגן דעם „פירן" גופא. איראָטשקע איז א קינד, וואָס אז עס גייט, וויל עס אף די הענט, נעמט מען עס אף די הענט, וויל עס גיין. אלע ווייַלע שטעלט זי זיך אָפּ און פארגיט א נייַע פראַגע.

פארבייַגייענדיק דעם לערמאָנטאָוו־סקווער מוז זי זיך אוועקזעצן אף א באַנק. געוויינלעך הייבט ער זי גלייַך אוף, נאָר הייַנט האָט ער מיטאמאָל זיך אליין אוועקגעזעצט. דאָס איז געווען גראָד די באַנק, אף וועלכער ער איז נעכטן געזעסן מיט מאַניען.

ניט ווייַט פונעם אריַינגאַנג אין סקווער האָבן פייגעלעך געפּיקט קערנער, וואָס זייַנען געווען ארום צעשאָטן. אָנגעפּיקט זיך, האָט זיך אופגעהויבן איין פייגעלע, גלייַך נאָך דעם א פּאָרל, א דרייַלינג און מיט א רעגע שפּעטער, שוין די גאַנצע טשאַטע. אונטערגעבויגן די פּיסלעך, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אף די דראָטן, וואָס ציִען זיך איבער דער גאַס.

מיכל האָט פארטראַכט געקוקט אף די שפּערלעך און פּלוצעם האָט אים עפּעס א לויכט געטאָן פאר די אויגן, ווי א בליץ. „אָן קאָנטאַקטן!" — האָט ער הויך, אף א קאָל א זאָג געטאָן. איראָטשקע האָט זיך צעלאַכט. זי איז שוין געוווינט צו די קונצן פון איר פעטער.

ער האָט געכאַפּט דאָס מיידעלע אף די הענט און געלאָזט זיך אריבערגיין די גאַס — גראָד דאַן, ווען עס האָט זיך געטראָגן דער אווטאָטראַנספּאָרט. דער מיליציאָנער האָט געמוזט מיט זייַן שטעקעלע פארמאַכן דעם וועג פאר די מאַשינעס און לאָזן דורכגיין דעם פארשוין מיטן קינד.

צוריקוועגס פונעם קינדער־גאָרטן האָט מיכל לעבן סקווער פארלאַנגזאַמט דעם טראָט און ווידעראַמאָל א קוק געטאָן אף די פייגעלעך, ווי וועלנדיק זיך איבערצייַגן, צי האָבן זיי אים פריִער ניט אָפּגענאַרט און זיצן טאַקע אף די דראָטן.

אריַינקומענדיק אין דער דרוקעריַי, האָט ער האַסטיק פארקערעוועט צו דער קאָנטאָר. דאָרט איז נאָך קיינער ניט געווען. דורך די פענצטערלעך פון דער בוכהאַלטעריע, וואָס גייען ארויס אין קאָרידאָר, האָבן זיך ארויסגעזען די צוויי רייען פּוסטע טישלעך מיטן פלאַגמאַן־טיש פונעם הויפּט־בוכהאַלטער אויבנאָן. נאָר אין דער לאַבאָראַטאָריע האָט זיך געלויכטן. דערהערט טריט אין קאָרידאָר, האָט די לאַבאָראַנטקע באָטווינ‍יק עטוואָס אופגעעפנט די טיר און א רוף געטאָן מיכלען.

זי האָט אים דערלאַנגט א פרישן נומער פון זשורנאַל „פּאָליגראַפישע פּראָדוקציע". אָן איבעריקן כיישעק האָט ער אים גענומען בלעטערן, ביז ער איז צוגעקומען צו אן ארטיקל, וווּ עס האָט זיך גערעדט וועגן אייניקע עקספּערימענטן אין א וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט. ער האָט דאָס ארטיקל מאַמעש איַינגעשלונגען. וווּנדערלעך! די עקספּערימענטן זייַנען געמאַכט לויטן זעלבן פּרינציפּ, וועגן וועלכן ער האָט אָקאָרשט געטראַכט אין סקווער.

מיכל איז אריַין אין דרוק־צעך. בא איינער פון די מאַשינעס האָט ער געזען, ווי דוסיע אָרלאָווא האָט געריסן פּאַסיקלעך פּאַפּיר און זיי געקלעפּט אף א נייַער „פאָרם". ווי געוויינלעך, ווען עס קומט אויס צו טאָן די דאָזיקע אָפּעראַציע, איז דוסיע געווען אָנגעכמורעט און אין קאַס.

— אינגיכן וועט איר פּאָטער ווערן פון דעם, — האָט מיכל א ווייַז געטאָן אף די פּאַפּירלעך, — מיר וועלן דרוקן אָן קאָנטאַקטן... די פארב וועט אריבערגעטראָגן ווערן אפן פּאַפּיר דורך א מין מאַגנעט, זי וועט אומעטום זיך לייגן גלייַכמעסיק.

מאַניע האָט געעפנט דאָס טישקעסטל און, רויטלענדיק זיך, דערלאַנגט אים א נייַינקן „אלעפבייס" אין א שיינעם, פארביקן איַינבונד.

— קוים אויסגעבעטן בא די איַינבינדער... א מאַטאָנע איַיער פּלעמעניצע.

קיין איין בוך אין דער וועלט האָט דער באָכער ניט באַקוקט מיט אזא אינטערעס און ניט געהאַלטן אזוי צאַרט אין די הענט, ווי דאָס דאָזיקע דינינקע פּראָסטע ביכל. ער האָט עס געמישט און געבלעטערט, דערנאָך אקוראַט איַינגעוויקלט אין א פּאַפּיר.

— עס ווייַזט זיך ארויס, אז אן „אלעפבייס" איז גאָר ניט אזוי גרינג בייַקומען אפילע פאר א מענטשן מיט צען קלאַסן, — האָט מאַניע פארטראַכט א זאָג געטאָן.

— און אפילע פאר אָן אינזשעניער אויך, — האָט מיכל צוגעגעבן.

ער האָט אָפּגעעטעמט, ווי א מענטש, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט א שטיקל וועג באַרג־ארוף. אין דער דאָזיקער מינוט האָט די וואַרעמע לופט אין צעך זיך אים אויסגעוויזן ריין און פריש, ווי זי קאָן נאָר געמאָלט זייַן אף א באַרג.

ארן ווערגעליס

# איך רעד צו דיר, אמעריקע

ערשטע ליד

## די בערעזע און „עמפּײַר סטעיט בילדינג"[1]

איך בין ארומגעגאנגען הײַנט
אין ליכטיקן פרימאָרגן,
ארומגעגאן איך בין אין אײנע זאָרגן,
זיך אָפּגעשטעלט
בא דער בערעזע
דער צארטער:
— ווי גייט עס אײַך?
וואָס מאכט איר?
צי זײַנען שוין בא אײַך געוואָרן פול די קנאָספּן?
די זון צי האָט איר שוין אָף ווײַסער קאָרע אָנגעמאָסטן?

דערנאָך בין איך געגאנגען דורך א פעלד א גרויסן,
די גאָרע וועלט איז דאָ געשטאנען ווי אין דרויסן,
די אומבאַשיצטקײַט איז געווען, ווי בא א וואָלף אין נאָרע:
איך טו א טראָט,
און ס'ליגן שוין צעריבענע אונטער מײַן פוס — דאָס קאָרן,
די מורעשקעס,
די ווערעמלעך,
די זוימען
און די קווייטן...

דערנאָך בין איך
באַם ראנד פון פעלד
ארײַן אין אן אָקאָפּ א ברייטן,
ער איז פארוואקסן שוין מיט ביטערן בוריאַן,
שוין אָן א ברוסטווער,
נאָר אינעווייניק א געראמער נאָך
און, דאכט זיך, ניט קיין פוסטער...

---

[1] עמפּײַר סטעיט בילדינג — אזוי הייסט דער גרעסטער וואָלקנקראַצער אין ניו־יאָרק.

פונדאנען כ'בין געגאַן שוין
ניט אליין
און ניט דורך פעלדער־וועלדער,
מיט יעדער גרוב
בין איך געוואָרן נעענטער צו מײַנע אלטע פרײַנט
און עלנטער,
און שטרענגער
און געצוימטער
כ'בין געוואָרן —
און בין אוועק
מיט שמאָלן וועג
פון דורכגעלעבטע יאָרן...

און גייענדיק אזוי,
האָב איך געמיטן ברעג נאָך ברעג
און בין געקומען צו דער עלבע
(כאָטש כ'בין געבליבן אף דעם זעלבן פעלד
און אין טראנשיי דער זעלבער).

און דאָ האָב איך געטראָפן דיך! —
עס ציט אהער אונדז ביידן.
ס'האָט דיך אהער געבראכט די שרעק
פאַר נײַע זינד,
פאַר נײַעם וויי,
פאַר נײַע ליידן.

דו ביסט אין שטאָט ניו־יאָרק
הײַנט אומגעגאַן
אין ליכטיקן פרימאָרגן,
ארומגעגאַן דו ביסט אין איינע זאָרגן,
זיך אָפּגעשטעלט
אינמיטן אַנוואלגער פון שטיין־אף־שטיין,
אין שטאָטס געפילדער:
— וואָס מאכסטו — דו,
„עמפּײַר סטעיט בילדינג"?..

און כאָטש עס איז דײַן שטעל — א שטעל,
קימאט אזא, ווי בא אן אָדלער,
און כאָטש דו שטייסט אנטקעגן הימלקראצער
אף דער הייך פון דײַן פאַרהאָרוועטן דאָלער,—
דאָך טרעט „עמפּײַר סטעיט בילדינג" אָן
מיט אזא פרעכקײַט אף דײַן רו,
אז מוזסט אים אָנרופן אף „דו"...

דערנאָך ביסטו אוועק איבער דײַן לאנד,
וואָס איז ניט וויניקער פון מײַנעם
רײַך און שיין אוועדע.
וואָלסט צו דער עלבע ניט דערגאַן,
ווען ס'שטעלט דיך מ'יטאמאָל ניט אָפּ
אַן אופרײַס אין נעוואדא...

דו ביסט געשטאנען קעגן אופרײַס
אומבאשיצט,
כאָטש דו — א זעלנער —

ניט איין מאָל שוין פון אופרײַסן
געוואָרן ביסט געפּרוּווט,
געוואָרן ביסט אויך עלנטער...

און בא דער עלבע האָסט געטראָפן מיך,
עס ציט מיך אויך אהערצו,
ווײַל ס'האָבן זיך שוין איינמאָל דאָ באַגעגנט
אונדזערע געפּרוּווטע הערצער,
ווײַל בא דער עלבע האָבן מיר געשוווּנקט
די מידע פיס
אין איינע שטראָמען,

און דאָרט
אין אונדזערע סאָלדאַטסקע רייד
דעם שאָלעם אָנגערופן שטיל באם נאָמען...

גוט־מאָרגן דיר, איך זאָג.
וואָס דאַרפן מיר זיך קריגן?
די יאַטן אונדזערע,
פאַרברידערטע,
אין איינע קוואָרים ליגן,
די טרוימען אונדזערע
אין איינע הימלען שוועבן,
די סאָנים אונדזערע
אין איינע נאָרעס לעבן...

גוט־מאָרגן דיר...
און לאָמיר אָנהייבן פון דאָרט,
פון גוטן — ניט פון שלעכטן,
כאָטש ס'איז געווען
ניט הײַנט,
נאָר נעכטן...

צווייטע ליד

# א בלעטל פון מײַן טאָג-בוך

25 אפּרעל 1945. נאָך דעם ווי אונדזער באַטאַליאָן האָט זיך אָף דער עלבע, לעם דער שטאָט טאָרגאו, באַגעגנט מיט אַמעריקאַנער אויסשפּירער, איז צווישן מיר און דעם סאָלדאַט איוואַן טימאָפייעוויטש שעסטאָפּאַלאָוו פאָרגעקומען אַזאַ שמועס:

איך: די יענקישע סאָלדאַטן,
זיי זײַנען פראַנטן זאַטע,
דאָך —
ניט קיין שלעכטע יאַטן,
כאַראָשיִיע רעביאַטאַ.

עס שמעקט פון זיי מיט סטעלניק,
עס שלאָגט פון זיי מיט וויצן.
די פלידערן — אָף „בליצן",
און קעשענעס — א צענדליק.

עס האָבן אָט די „פראַנטן"
באַוויזן מוט אין פראַנקרײַך,

ווען ס'האָבן די דעסאַנטן
מיט קויעך זיך פאַראַנקערט
אין די שערבורער[1] דאָקן,
אין זומפּן קאָטאַנטענער[1]...

דער סנײַפּער פון קענטאַקי[2]
און דער סערזשאַנט פון דענווער[2] —
א ברודער אין סאַקאָנעס,
א כאַווער אינעם שטורעם
דעם סנײַפּער פון וואַראָנעזש
און דעם סערזשאַנט פון מוראָם.

נו יאָ, מיר זײַנען ווירקלעך
ניט פון איין וועלט געקומען —
מיר טרינקען ניט קיין וויסקי,
מיר קײַען ניט קיין גומי,
זיי זינגען פּאָקסן פײַנע,
זיי זײַנען פראַנטן זאַטע,
נאָר זיי
און מיר —
מיר זײַנען
פאַרברידערטע סאָלדאַטן.

די ליד באַ זיי — א גרינע,
זי זאָל נאָר ניט פאַרוויאַנען...
וואָס זאָגסטו אָף דער מינע,
וואָס זאָגסטו עפּעס, וואַניע?

איוואַן: דערמאָן מיר נאָכאַמאָל דאָס לידל
פון ווײַטן קאַנט, פון אָקלאַכאָמאַ.
ענענדי־בענדי, רידל־דידל...
עס איז א סאָף צו דער מילכאָמע...

איך וויל, בראַטאָק, אָף דער האַרמאָניק
די ליד אָט די א נײַ טאָן ברוסטיק,
זי זאָל אויך שטראָפן און זאָל מאָנען,
און ניט נאָר ריידן לײַכט און לוסטיק.

די וועלט איז פול מיט בלוט און ווייען,
מע דאַרף זי האַרב און ערלעך היטן.
זי איז קיין שפּיל אָף די בראָדווייען,
קיין אַקציע אָף די וואָלסטריטן.

אמעריקאַנער כלאָפּצעס פאָלגן
אַצינד דעם רוף פון פעלקער פרײַע,
נאָר עמעץ וויל שוין צו דער וואָלגע
זיי שיקן אין א מאַרש א נײַעם.

---

[1] שערבור — א האַפן אין נאָרמאַנדיע אָף צאָפן־פראַנקרײַך; קאָטאַנטען — א פאַרזומפּיקט האַלב־אינדזל אָף צאָפן־פראַנקרײַך. אין אָט די ראַיאָנען האָבן זיך אַרויסגעזעצט אין יון 1944 די אמעריקאַנישע און ענגלישע אַר־מייען, וועלכע האָבן אופגעעפנט דעם „צווייטן פראָנט" קעגן היטלערישן דײַטשלאַנד.

[2] קענטאַקי (קענטוקי) — אַן אמעריקאַנער שטאַט; דענווער — די הויפּטשטאָט פונעם שטאַט קאָלאָראַדאָ.

מיר האָבן זיך מיט זיי געטראָפן,
מיר ווילן זײַן מיט זיי אײנײנעם,
דעם וועג פון פרײַנטשאַפט האַלטן אָפן,
אַף וועג פון קריג
ניט לאָזן קײנעם.

דריטע ליד

# קום צו מיר אַהיים

דער יאָרהונדערט,
קײן אײַנהאָרע,
ציילט שוין הײַנט זײַן זיבעטן יאָרצענדליק,
ס'איז שוין ווייסעד־וויפל נאָך דער רוסלענדישער רעוואָליוציע,
און בא אײַך איז נאָך דאָס אויג
צום טאָג צום נעכטיקן געווענדעט, —
ניט צום הײַנטיקן,
דעם ליכטיקן, דעם נוציקן.

מיר האָבן שוין פון דער לעוואָנעס קוואַל .
א הויפן שײַן
צום טיש צו אונדזערן געבראַכט,
מיר האָבן שוין די ליכט פון מאַרס
און פון ווענערע אויך
אינזינען, —
און דו פּאַראַקשנט
זוכסט מיך אום
אין כווישעך פון דער נאַכט,
און דו,
ווי פריִער,
גייסט מיך זוכן בא דער פינצטערער לוטשינע.

איז קום צו מיר אַהיים,
און כ'וועל אַליין דיך פירן
איבער וועגן פון אַמאָל.
מײַן פאָלק האָט דען זיך אָפּגעהיט
דערציילן עס
און רעדן עס,
ווען ס'איז געזעסן אין דער פינצטערניש, .
געטראָגן שווער זײַן אָל,
אַרומגעגאַן אין לאַפּטיעס
און זיך צוגעדעקט מיט רעדנעס?

יאָ, מאַגעלאַן איז גרויס,
קאָלומב איז אים א פּאָר,
איך ווייס ניט, ווער איז ווייניקער,
ווער מערער איז, —
איך ווייס, אַז לענין
האָט אין זיבעצעטן יאָר
געעפנט פון דער פרײַהײַט
די אַמעריקעס.

פארמאכן זיי צוריק
עס ווילן דײַנע פײַנט,
דו זאָלסט קיין שיפסקארטע ניט נעמען
צו דער פרײַהײַט —
אזוי ווי מ'האָט אמאָל,
ניט הײַנט
געדאכט,
גענומען שיפסקארטעס
אין די מעקוימעס נײַע...

א געשלעג,
א שלאכט,
אײַנגעשפארט
און אף לאנג,
א געשלעג מיר פירן מיט די קויכעס שווארצע
אף די ברייטע ראכוועסן פונעם געדאנק,
אין די ענגע טיפקײַטן פונעם הארצן.

דער יאָרהונדערט,
קיין אײַנהאָרע,
ציילט שוין הײַנט זײַן זיבעטן יאָרצענדליק,
ס'איז שוין ווייסעך־וויפל נאָך דער רוסלענדישער רעוואָליוציע, —
איז שוין צײַט, דו זאָלסט אף וועג אף דײַנעם
ווערן זעענדיק,
איז שוין צײַט, דו זאָלסט דערזען
דעם טאָג דעם הײַנטיקן,
דעם ליכטיקן,
דעם נוציקן.

פערטע ליד

## דו יו לאַיק אמעריקא?—
## צי געפעלט אײַך אמעריקע?

איך ווייס:
עס איז אמעריקע
אן אויסגעשפילטע — איינע,
איך האָב דיך ליב,
אמעריקע,
מײַן מאולדיקע שכיינע.

ווען קומען כ'וועל
זיך זען מיט דיר,
איז וועל איך ניט פארפעלן
די פריילעכע קאָווביאָיען
און די קלערקן אין האָטעלן.

כ'וועל רופן אין מײַן ליד ארײַן
אַן גאל און אַן כאניפע —
אגענטן,
פרעזידענטן,
דעטעקטיוון
און שעריפן.

אָן איבעריקע ווערטער כ'וועל פאַרשטיין די מי די שווערע
פון מעקלערס אַף די בירזשעס
און פון האַליוווּדער שטערן,
פון אַלטע מאַנעקענשעס
און פון גענגסטערס די פאַרשטעלטע,
פון זעלבסטמערדער,
באַנקראָטן
און פון הונגעריקע העלדן.

איך ווייס:
עס איז אַמעריקע
אַן אויסגעשפּילטע — איינע,
איך האָב דיך ליב,
אַמעריקע,
מײַן מאָזלדיקע שכיינע.

ווען קומען כ'וועל
זיך זען מיט דיר,
איז קלאָר, אַז איך וועל, ריישיס,
אַ קוק טאָן צו די קאָמפּאַניס,
וואָס הייסן קאָרפּאָריישנס.

ניין-ניין, כ'וועל ניט פאַרפעלן
בא דיופּאָנען[1] זײַן,
בא פּאָרדן[1],
כ'וועל קומען קיין רינאָ[2] צו זיי —
מע שנײַדט זיך דאָרט אין קאָרטן.
מע זיצט,
נעבעך,
באַם גרינעם טיש
זעקס קײַלעכדיקע וואָכן,
און, ווי עס פירט זיך אין רינאָ, —
מע ווערט צוריק אַ באָכער[3]...

און זאָלן די פאַלקאָוויניקעס
אַף מיר זיך שטאַרק ניט בלאָזן —
איך וועל אין פּענטאַגאָן אויך זײַן,
אויב מ'וועט אַהין מיך לאָזן.

דערמאָנען כ'וועל די הערצע-לײַט,
וואָס ווילדעווען אַצינדער:
אַנטקעגן פּענטאַגאָן עס ליגט
דער אַרלינגטאָנער צווינטער...[4]

איך ווייס:
עס איז אַמעריקע
אַן אויסגעשפּילטע — איינע,

---

[1] דיופּאָן, פּאָרד — אַמעריקאַנער מיליאַרדערן.

[2] רינאָ (רענאָ) — אַ קליין שטעטל אַף דער גרענעץ צווישן די שטאַטן נעוואַדאַ און קאַליפאָרניע. באַוווּסט מיט רײַכע רעסטאָראַנען, מיט נאַכט-קלובן, טײַערע האָטעלן און שפּיל-הײַזער.

[3] אין שטעטל רינאָ איז טעטיק אַ לאָקאַל געזעץ, לויט וועלכן אַ מענטש, וואָס לעבט דאָ אָפּ זעקס וואָכן, קאָן זיך האַלטן פרײַ פון די פליכטן פון אַ פאַרהייראַטן.

[4] די געבײַדע, אין וועלכער עס אַרבעטן די וויכטיקסטע מיליטערישע אַנשטאַלטן פון פּשאַ (דער פּענטאַגאָן), געפינט זיך בישכיינעס מיט דעם מיליטערישן בעסוילעם, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַרלינגטאָנער.

איך האָב דיך ליב,
אמעריקע,
מײַן מאזלדיקע שכיינע.
כ'באהאלט פון מאקארטיסטן ניט
די זינד מײַנע
די שוועסטע:
איך האָב דאָרט,
אין אמעריקע,
מיליאָנען ברידער,
שוועסטער.

בא זיי וועל איך זיך אָפּשטעלן,
בא זיי דאָרט עסן ווארמעס:
בא סאן־פראנציסקער טרעגער,
און בא אלאבאמער פארמערס,

בא בויער פון די בריקן
און פון הימלקראצער־ריזן,
בא קומענדיקע בויער
פון דעם גליק —
פון סאָציאליזם.

איך ווייס:
עס וועט אמעריקע
די וועלף אירע אנטוויינען.
איך האָב דיך ליב,
אמעריקע,
מײַן כאווערטע,
מײַן שכיינע.

כ'וועל נידעריק א בוק טאָן זיך
פאר דײַנע באלמעלאָכעס,
צעקושן מיט די נעגערס זיך —
דעם סאָטן אפצולאָכעס.

כ'וועל גיין צו מײַנע לאנדסלײַט,
צו די יידן די וואָלינער, —
אָט ערשט אין שאַפּ געבראָטן זיך,
אָט ערשט געוועזן „גרינע"...
זיי זינגען ווידער לידער הײַנט
אין איינקלאנג און אין העסקעם
מיט באָוושאָווערן,
עדעלשטאָטן
און מאָריס ווינטשעווסקין.

אמעריקע, אמעריקע!
איך זע דײַן שײַן
און אָפּשײַן.
כ'האָב ליב דײַן פאָלק,
אמעריקע —
די פאָסטערס
און די ראָבסאָנס.
עס פלאטערן די אָדלערס דײַנע
העכער פון די וואָלקנס.

כ'האָב ליב דײַן מוט,
אמעריקע,
די אויַנסטאָנס
און אַלגינס.

מיר זײַנען שכיינים נאָענטע
אַף וועלטס באַלעבטע ראָגן,
ווי נאָענט סאַן־פראַנציסקאָ איז
מיט אָקלענד,
וואָלט איך זאָגן[1].

מיר זעען זיך,
מיר ווערטלען זיך,
דער טרוים בא אונדז — דער זעלבער:
בא דיר,
בא מיר,
בא ביידעמען,
וואָס האָבן בא דער עלבע
געשווירן
ניט דערלאָזן מער,
די וועלט זאָל זײַן אין טרערן —
איז לאָמיר שווערן נאָכאַמאָל,
איז לאָמיר ווידער שווערן!

פינפטע ליד

## דאָס אייניקל זינגט א וויגליד דעם זיידן

זיידע, זיידע, כאַפּ א דרימל,
רו די ביינער אויס.
קינד־און־רינד און ערד־און־הימל
ליגן אַף דײַן שויס...

אונדזער באָבע ווישט די טרערן,
שטראָף ניט פאַר די רייד,
פופציק יאָר, און עפּשער מערער,
ביסט מיט איר צעשיידט.

אוי, א צײַט געווען אזאמין —
ס'וויגליד האָט געוויינט:
„וועסט אמאָל פארשטיין מיסטאמע,
וואָס איך האָב געמיינט.
אין אמעריקע דער טאטע
דײַנער, זונעניו.
שלאָף זשע, קינד מײַנס, שלאָף לעסאטע,
שלאָף זשע, שלאָף, ליו־ליו.
ער וועט שיקן פופציק דאָלער,
זײַן פאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען, לעבן זאָל ער,
אונדז אהינצוצו"...

---

[1] די שטאָט סאַן־פראַנציסקאָ איז אָפּגעטיילט פון דער שטאָט אָקלענד מיט א בריק, 12 קילאָמעטער די לענג.

שוין פאַרלאָפן וויפל יאָרן,
און דער לוין איז קנאַפּ:
ביסט קיין ראָטשילד ניט געוואָרן
אין דעם הייסן שאַפּ.

דאָך אַצינד דו ביסט אַ מיסטער,
און דײַן היים איז דאָרט...
איך פאַרוויג דײַן עלטער איצטער
אַף דעם אַלטן אָרט.

ס'איז ניטאָ דאָ וואָס צו ברײַען,
ס'אַלטע אָרט איז נײַ,
ביסט געקומען פון דער „פרײַהײַט" —
זײַן דאָ אַף דער פרײַ.

זיידע, זיידע, כאַפּ אַ דרימל,
רו די ביינער אויס.
קינד־און־רינד און ערד־און־הימל
ליגן אַף דײַן שויס...

ס'איז אַמעריקע פאַרצויגן
מיט אַ שטאַרקן טשאַד,
אַף אַ קריג קוקט אויס די אויגן
יאַנקי דער מאַגנאַט.

און צי דען אויך באַ די ייִדן
זײַנען לײַט פאַראַן,
וועלכע האָבן פײַנט דעם פרידן
און דאָס ראַטנלאַנד?

ס'כאַפּט אַרום דאָס האַרץ אַן איימע,
דאָס געוויסן מאָנט:
ניט פאַרגעסן קיינמאָל, קיינמאָל
אין די זעקס מיליאָן...

אונדזער באָבע ווישט די טרערן,
שלאָפט ניט דורך די נעכט:
ס'האָט איר זון פון שלאַכט פון שווערער
זיך ניט אומגעקערט.

און דאָס איז דאָך דײַן זון אויכעט,
און מײַן טאַטע אויך!
ביסטו שוין דעם קריג איצט מוחל?
גלייבסט דעם שוואַרצן קוי'ך?

זיידע, זיידע, טאָרסט ניט דרימלען,
די געפאַר איז נאָ'נט.
קינד־און־רינד און ערד־און־הימל
שרײַט צו דיר און מאָנט.

### זעקסטע ליד

# איך זאָג

זאָג איך דעם מענטשן פֿון יענער זײַט יאַם:
זע ווי די ליכטיקע וועלט איז געראַם,
זע ווי זי ליגט — אין דער לענג, אין דער ברייט
אָפּן אַלצײַנס
סײַ פֿאַר פֿרייד, סײַ פֿאַר לייד.
אַלץ איז אין אָנהייב,
באַהאַלטן און רוי,
זאָג מיר דײַן ווילן, און זײַן וועט אַזוי.
ווילסט, אַז די וועלט זאָל אונדז שענקען איר פּראַכט?
אוימער — געזאָגט
און וועויסע — געמאַכט.

זאָג איך מײַן כאַוועך פֿון יענער זײַט יאַם:
שײַן דײַנע צווײַגן און שלאַנק איז דײַן שטאַם.
שימל און מאָך אַרום דיר און אַף דיר —
בײַקומען וועסט זיי מיט זאַפֿט און מיט ליכט.
ביידע מיר שטייען אין זוניקן גאָלד,
ברעכן דײַן וווּקס האָב איך קיינמאָל געוואָלט.
נאָר דעם פֿאַרדאַרבער —
ניט גלייב אים, ניט טרוי,
זאָג מיר דײַן ווילן, און זײַן וועט אַזוי.
ווילסט, עס זאָל זיצן דער שפּאַרבער פֿאַרשפּאַרט?
אוימער — געזאָגט
און וועויסע — געמאַכט.

זאָג איך מײַן כאַוועך פֿון יענער זײַט יאַם:
דאָרט, בא דער עלבע, אין פֿײַער און פֿלאַם,
האָבן מיר ביידע,
אין טויט און אין נויט,
ערלעך געשוואָרן,
און זײַן זאָל אַזוי:
אויס מיט בערויגעז און אויס מיט פֿאַרדאַכט:
אוימער — געזאָגט
און וועויסע — געמאַכט.

# דער ריגער מאנוסקריפט און זייַן אווטאָר

„איינס אזייגער באנאכט. איך קאָן ניט איַינשלאָפן. דאָס אלץ, וואָס איך האָב געוואָלט פארגעסן, אָפּשטויסן פון זיך, שווימט אוף אין זיקאָרן. אויב איך וועל נאָך זייַן אמאָל אָף דער פריַי, וועל איך זיך אין אלץ דערמאָנען, קעדיי עס באשרייַבן...

וואָס טוט מען — איך קאָן ניט געפינען די געהעריקע ווערטער"...

„פיר אזייגער פארטאָג. איך האָב איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע. שרייַבן איז לייַכטער איידער לייענען. נאָר דערציילן אנדערש טאָר מען ניט. דאָס, וואָס דו זעסט דאָ, איז בלויז א טייל פון דעם גרויזאמען עמעס. דאָס, וואָס דו וועסט דאָ לייענען, איז א דאָקומענט, א שטיק · געשיכטע. איך צווייפל ניט, אז ש־לדערונגען פון דער געטאָ וועלן זייַן א סאך, און בעסערע איידער מייַנע. איך שרייַב ניט פון פערזענלעכן שטאנדפונקט, איך שרייַב ניט נאָר אלס ייִד, נאָר אויך אלס מענטש, אלס איידעס. אויב איך וועל אומקומען, דארפסטו זען, אז מענטשן זאָלן לייענען אָט דעם מאטעריאל".

(פון עלמאר ריוואָשעס בריוו צו לודמילא אנדרייעוונא
ריוואָש, געשריבן אין אפרעל 1944, אין א באהעלטעניש).

אין רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד" קומען אָן פארשיידענע מאנוסקריפטן — אין גרויסע און אין קליינע קאָנווערטן, אין באנדעראָלן און פאקעטן. איינע זייַנען פארדרייט אין טרייַבלעך, אנדערע — איַינגעוויקלט אין פערגאמענט־פאפיר, אין קארטאָן־פוטליארן, אפילע אין שמאָלע פאניר־קעסטעלעך.

לידער זייַנען, געוויינלעך, געדרוקט אף א מאשינקע אָדער איבערגעשריבן מיט פערלדיקע אויסיעלעך. אף איבערצולייענען א פראָזע־ווערק פאָדערט זיך אָפט, אכוץ געדולד, אויך א פארגרעסער־גלאָז.

אף יעדן מאנוסקריפט ווערט פארפירט א פאָרמוליאר, ווו מע פארצייכנט די פאמיליע, דעם נאָמען און פאָטערנאָמען, דעם ליטעראַרישן פסעוודאָנים, דאָס געבורטס־יאָר פונעם אווטאָר, זייַן ארבעטס־אָרט, אדרעס און טעלעפאָן־נומער.

אין די רעדאקציע־שאפעס זייַנען צעלייגט לויט א שטרענגער אָרדענונג דערציילונגען, ראָמאנען, עסייען, רעצענזיעס, לידער, פאָעמען, פיעסן. בלויז איין קסאוויאד ליגט דערוויַיל באזונדער אין א טונקל־בלויער פאפקע, וועלכע איז פארבונדן מיט ווייַסע בענדלעך. ווער איז דער אווטאָר? די 186 געדיכט־פארשריבענע זייַטלעך, אף וועלכע עס שטייט דאָס שטעמפל פון דער רעדאקציע און רעגיסטריר־נומער, איז דערוויַיל ניט מער ווי א מאשינקאָפּיע, אָן א כסימע פונעם מעכאבער.

דער ארבעטס־טאָג איז שוין פארענדיקט. באם פארשליסן די שאפעס דערזע איך די בלויע פאפקע, וועלכע מע רופט אין רעדאקציע „דער ריגער מאנוסקריפט". איך גיב זי אָן עפן. דורכגעלייענט דאָס ערשטע זייַטל, קאָן איך שוין פון דעם מאנוסקריפט זיך ניט אָפרייַסן.

...עס שלאָפט די גאס. זעלטן ווען הערן זיך טריט פון פארשפעטיקטע דורכגייער. איך רייַס ניט איבער דאָס לייענען. איך פיל, אז דאָס, וואָס איך לייען, איז ניט קיין אויסגעטראכטע געשיכטע. נאָר קימאט אלע זייַנען מיר דאָך געווען לעבעדיקע איידעס פון די מיל־כאָמע־שוידערן. איז פארוואָס זשע האָבן מיך אזוי א נעם געטאָן פאר דער נעשאָמע אָט די פארגעלטע בלעטלעך? זיי האָבן מיך צערודערט ניט ווייניקער, ווי אנע פראנקס טאָגבוך.

פארוואָס?

איך פיר מיט די אויגן איבער די שורעס, וועלכע איך האָב אונטערגעשטראָכן מיטן בלייַער. איך טראכט: העכער צוואנציק יאָר זייַנען שוין פארבייַ, און דאָך טרעפט, אז מייַן טאָכטער שעפטשעט מיר אפן אויער: „פארוואָס שמייכלסטו ניט, טאטע?"

און דאָ לייען איך: „בא אונדז, בא די אָפּטימיסטן, האָט זיך אנטוויקלט די אייגנשאפט צו זען אין אלץ, וואָס עס קומט פאָר, נאָר דאָס גוטע. איך ווייס ניט, צי ס׳איז קלוג, צי נאריש, יעדנפאלס ווערט דערפון לייַכטער צו לעבן. איך האָב זיך געמאכט פאר א קלאל: ווען איך זאָל ניט זייַן צווישן מענטשן, זאָל איך זייַן שטענדיק מונטער, האָפערדיק. מענטשן האָבן ליב, אז אנדערע האלטן זיי אונטער אין זייערע האָפענונגען".

און וויַיטער:

כאיִם, דער אומגליקלעכסטער אין געטאָ, שלעפט ארויס פון ערגעץ א ווארעם טעפל מיט געקאָכטע קארטאָפל, דערלאַנגט זאלץ און זאָגט צום אריַינגעקומענעם אָרעמאן:

„— עסט פונעם טעפל, וועלן זיי ניט פארקילט ווערן, עסט, וויפל איר ווילט. קארטאָפל האָבן מיר..."

פונוואַנען האָבן זיך עס צו אָט דעם כאַימען גענומען קויכעס צו זאָגן אזא מין ליגן: „קאַרטאָפּל האָבן מיר“?..

נאָר דאָס איז ניט אַלץ. שפּעטער דערוויסן מיר זיך, אַז די לעצטע עטלעכע קאַרטאָפּל האָט דער מענטש אָפּגעגעבן, וועמען מיינט איר? — א דייַטש!

אַז איך פאַרענדיק לייענען די בלויע פּאַפּקע, צווייפל איך שוין ניט, אַז דער אווטאָר פון דעם בוך איז א קינסטלער, וואָס פאַרדינט, מע זאָל אים מעקאַנע זייַן... איך שרייַב אָן אין דעם רעדאַקציע־פאָרמוליאַר: „ריוואַש. ריגע“. איך האָב נאָך אַלץ ניט געקראָגן קיין ענטפער אַף די „אַנקעטע־פראַגן“, נאָר איך ווייס שוין וועגן אָט דעם מענטשן פיל מער, ווי וועגן אייניקע מייַנע נאָענטע פרייַנט...

ס'איז קימאַט אויסגעשלאָסן, מיר זאָלן געפינען דעם אווטאָר צווישן די לעבעדיקע. איינס איז זיכער: עס וועט זיך איינגעבן אָפּזוכן עמעצן פון די, וואָס זייַנען צוזאַמען מיט ריוואַשן דורכגעגאַנגען דעם פייַנלעכן און העראָישן וועג, עמעצן פון זייַנע פרייַנט, וועלכע האָבן געפּרוּווט אים ראַטעווען. די פראַגע איז נאָר, וועמען וועלן מיר געפינען — קאַרליסן, ליוסיען, אַנקראַווסן, אָדער עמעצן אַנדערס?

...טעג זייַנען געגאַנגען, און די בלויע פּאַפּקע איז געוואָרן אַלץ דיקער און דיקער. עס איז צוגעקומען א צווייטער קסאַוויאַד, אין וועלכן די רעדאַקציע־מיטאַרבעטער האָבן פאַרשריבן אַלץ, וואָס מע האָט אונדז מיטגעטיילט וועגן ריוואַשן.

אַנומלטן איז ספּעציעל געקומען קיין מאָסקווע דער ריגער קינסטלער אַלטער ריטאָוו, וועלכער איז צוזאַמען מיט ריוואַשן געווען אין געטאָ. איצט האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז עלמאַר ריוואַש איז געבוירן דעם 29 יוני 1906. אין 1915 קומט ער אָן אין א גימנאַזיע. אָנהייבנדיק פון 1920, באַזוכט ער די ריגער סקולפּטור־סטודיע. אין 1924 ווערט ער א סטודענט פון דער לעטלענדישער קונסט־אַקאַדעמיע און אין א יאָר אַרום טרעט ער אַרייַן אויך אין לעטלענדישן אוניווערסיטעט, אַף דעם אַרכיטעקטור־פאַקולטעט. אין 1927—1929 פאַרפולקומט ריוואַש זייַן בילדונג אין דער פּאַריזשער אַקאַדעמיע „קאָלאַראַסי“. אין 1929 קערט ער זיך אום קיין ריגע און הייבט אָן אַרבעטן אַפן היגן קעראַמישן זאַוואָד (געוועזענער קוזנעצאָווער פאַרצעלייַ־זאַוואָד), וווּ ער ווערט מיט דער צייַט דער שעף פונעם סקולפּטור־צעך.

אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע טרעט עלמאַר ריוואַש פרייַוויליק אַרייַן אין דער אַרבעטער־גוואַרדיע און נעמט אָנטייל אין דער ריגער שוץ. זייַן מישפּאָכע איז באַשטאַנען פון זיבן מענטשן — די פרוי אָלגאַ סאַמוילאָוונאַ (גורעוויטש), אירע עלטערן און ריוואַשעס מאַמע, א פיראָריק ייִנגעלע און א מיידעלע פון אָנדערהאַלבן יאָר. אַלע, אויסער ריוואַשן אַליין, זייַנען אומגעקומען אין דער ריגער געטאָ בייַס דער צווייטער „אַקציע“ (דעקאַבער 1942).

איצט האָבן מיר שוין געוווּסט, ווער עס איז דער אווטאָר פונעם קסאַוויאַד „צווישן לעבן און טויט“ — אָט דעם דערשיטערנדיקן טאָגבוך פון ריגער געטאָ. עס האָט אונדז נאָך געפעלט דער אָריגינאַל, די 300 זייַטלעך, וואָס עלמאַר ריוואַש האָט אָנגעשריבן מיט זייַן אייגענער האַנט. די מאַשין־קאָפּיע, וואָס מע האָט איבערגעגעבן אין רעדאַקציע, האָט נאַטירלעך, ניט געקאָנט דינען אַלס מאַטעריאַל צום דרוקן.

° ° °

ריגע. האַלבער טאָג. אין גאַס איז פייַכט. די זון — אָט באַווייַזט זי זיך, אָט ווערט זי אַנטרונען. נאָר דאָס רעגנדל טריפט און טריפט. מיר פאָרן אַריבער די ברייטע דווינע. פון רעכטס באַווייַזן זיך נייַ־אויסגעבויטע פילשטאָקיקע הייַזער, פון לינקס, אַף א שעטעך פון היפּשע עטלעכע העקטאַר, ציט זיך א סאָד, וואָס איז ערשט ניט לאַנג פאַרפלאַנצט געוואָרן. אַרום די יונגע דינע ביימלעך פאָרען זיך ייִנגלעך און מיידלעך, ווייַזט אויס, שילער פון די עלטערע קלאַסן. ווען דער טראַמווייַ הייבט אָן גיין שטילער, מעלדעט דער קאָנדוקטאָר: קולדי־גאַס.

מיר ווילט זיך וואָס גיכער אַריבערטרעטן די שוועל פון ריוואַשעס הויז, נאָר אויך אָט די גאַס וויל איך פאַרגעדענקען אַזאַ, ווי זי זעט איצט אויס. איך שטיי און קוק. דאָ איז זייער שטיל. ווען די זון באַווייַזט זיך, זינקט דאָ אַלץ אין די שאָטנס פון געדיכטע ביימער.

ריוואַשעס הויז דערקען איך לויטן מויער, וואָס שטייט אַף דער צווייטער זייַט גאַס. דאָרט האָט געוווינט דער יוּוועליר ראָזענטאַל. די פאַשיסטישע באַנדיטן פלעגן זיך אַהין אָפּט אַרייַנכאַפּן. זיי האָבן ניט געלייגט קיין אַכט אַף דער הילצערנער הייַזקע, וווּ עס האָט געוווינט ריוואַש מיט זייַן מישפּאָכע.

איך זוך מיט די אויגן און געפין ניט די סאָסנע־ביימער, וווּ די פאַשיסטן פלעגן אין די נעכט שיסן די אָרטיקע איינוווינער. אַף זייער אָרט שטייען נייַע מויערן.

א נידעריקער גרינער פּלויט, א שמאָלע קאַליטקע מיט א פענצטערל אַף דורכשטופּן די האַנט צום קייטל. ווי נאָר איך עפן די פאָרטקע, דערזע איך א גרויסן גרויען הונט און ווייַסע טויבן. איך ווייס שוין, אַז די ליבע צו כייַעס און צו פייגל האָט עלמאַר געיאַרשנט פון זייַן טאַטן, דעם קרוסטפילסער פּראָוויזאָר יוסעף ריוואַש. דער טאַטע איז פרי געשטאָרבן, און די מאַמע, א לערערן, איז געווען געצוווּנגען, קעדיי צִיִען די קינדער, ווערן אויך א צייןדאָקטערן.

אונטער א הויכן קליאָן זיצט אַף א קליין בענקעלע א פרוי מיט א געקעסטלט שאַלעכל אַף די אַקסל. מיר באַקאַנען זיך: ליודמילאַ אַנדרייעוונאַ.

ריטאָוו גיט צו:

— עלמאַרס פרוי, ליוסיע.

ליודמילאַ אַנדרייעוונאַ זאָגט צו מיר:

— דאָס איז עלמאַרס קליאָן... אָט דעם סאָד האָט ער אַליין פאַרפלאַנצט — עפּל, באַרן, ווייַנשל, פלוימען...

זי פאַרגייַסט דעם קאָפּ צום טויבנשלאַק און זאָגט:

— נאַטאַשע, פאַרוואָס קריכסטו ניט אַראָפּ? — און צו מיר מיט א קוים באַמערקבאַרן שמייכל: — דאָס מיידל קומט שוין אָן אין אוניווערסיטעט און קאָן זיך ניט צעשיידן מיט די טויבן, פּונקט ווי דער טאַטע אירער.

מיר הייבן זיך אויף אַף די טרעפּ. אין אָט דעם צימער פלעגט עלמאַר אַרבעטן. דאָ שטייען די ביוסטן פון רייניסן, שאָלעם־אַליכעמען, וואָס ריוואַש האָט אויסגעקלעפּט. עס זייַנען פאַרהיט די קאָפּיעס פון זייַנע סקולפּטורן „דער רויטאַרמייער — דער באַפרייַער“ און „אין געטאָ“ (די אָריגינאַלן געפינען זיך אין ריגער מעלוכע־מוזיי).

...עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָב איך געלייענט די זייַטלעך, וואָס עלמאַר ריוואַש האָט געשריבן, געפינענדיק זיך אין באַהעלטעניש. ליודמילאַ אַנדרייעוונאַ פלעגט זיי איבערגעבן אירער א כאַווערטע (אויך א רוסישע פרוי), וועלכע פלעגט די פאַרשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר אַרייַנ־

לייגן אין אַ בלעכענער פּושקע און באַגראָבן בײַ זיך אין סאָד.

עלמאַר ריוואַש האָט איבערגעלאָזט, אויסער דעם קסאַוויאַד „צווישן לעבן און טויט", אַ רײ לידער, נאָוועלן, דערציילונגען. איך האָב אויך געבלעטערט און געלייענט זײַן העפט „געדאַנקען", וועלכן ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן נאָך אין די ערשטע טעג, ווען ער איז אַרײַנגעפאַלן אין ריגער געטאָ.

• • •

פון צענדליקער עפּיזאָדן דרינגט אַרויס, אַז עלמאַר ריוואַש איז געווען אַ מענטש אָן אַנטשיידענער, אַ געוואַגטער. און דאָך איז קיין ספק ניט, אַז אויב אים האָט זיך אײַנגעגעבן אַנטלויפן פון דער געטאָ און קימאַט דרײַ יאָר זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס, איז עס בלויז אַדאַנק זײַנע פרײַנט — באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע לעטן און רוסן, ייִדן און פּאָליאַקן. יעדערער פון זיי האָט געוווּסט: פאַר אויסבאַהאַלטן אַן אַנטלאָפענעם פון געטאָ קומט טויט־שטראָף.

פון פאַרשיידענע קוועלן דערוויסן מיר זיך ביז גאָר אינטערעסאַנטע פּראָטים פון ריוואַשעס לעבנס־געשיכטע.

דעם סיגנאַל „הײַנט אַנטלויף" האָט ער באַקומען פון אַ צופעליקן מענטשן, וואָס איז פון געטאָ געגאַנגען אויף דער „אַרישער זײַט" הייצן אַ קעסל אין איינעם אַ הויז. דאָרט אַרבעט אַ רוסישע פרוי, וועלכע גיט אים אָפּט איבער, אַז קיינער זאָל ניט זען, אַ שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפל. זי טאַקע האָט עס אים געהייסן זאָגן: „הײַנט אַנטלויף". און אָט איז ער „אויף דער פרײַ". די געלעטע לאַטע האָט ער פון זיך אַראָפּגעריסן. אין איינעם אַ געסל באַגעגנט ער דעם באַוווּסטן ריגער דאָקטער סערגייעוו.

דער דאָקטער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, ווי אויף אַ געקומענעם פון יענער־וועלט.

— ווער ביסטו? — פרעגט ער ריוואַשן.

— אַ ייִד, אַנטלאָפן פון דער געטאָ.

— דו ביסט קראַנק, מע דאַרף דיך היילן!

עלמאַר רופט אָן דעם אַדרעס פון זײַן געוועזענעם מיטאַרבעטער, דעם לעט אַנקראַווס, בײַ וועמען ער קלײַבט זיך אויסבאַהאַלטן. אין עטלעכע טעג אַרום קומט אַהין דער דאָקטער סערגייעוו מיט זײַן רענצל...

לאַנג בלײַבן בײַ אַנקראַווסן איז פאַר ריוואַשן געווען געפערלעך. אַנקראַווס און זײַן פרוי ווינצענטינע העלפן אים זיך אַריבערקלײַבן אויף דער לאַטשפּלעש־גאַס, 22. דער קעלער האָט זיך געפונען אונטער אַ צווייטשטאָקיק הילצערן הויז. געציילטע סאַנטימעטערס, בלויז די ברייט פון אַ ציגל־וואַנט, טיילן אים אָפּ פון דעם מויער, וווּ עס געפינט זיך די דײַטשישע קרײַז־פּאָליציי.

אין אָט דעם קעלער האָט ריוואַש געלעבט צוויי יאָר מיט זיבן חדשים. יעדע וואָך פלעגט קומען ווינצענטינע מיט אַ לעבל ברויט, אַ שטיקל פּוטער, פּאָווידלע און אַ פּעקל מאַכאָרקע.

ווינצענטינע לעבט הײַנט אין ריגע. נאָר ניט זי האָט מיר דערציילט וועגן איר אָפּטו. איך האָב איבערגעלייענט וועגן דעם אין ריוואַשעס נאָטיץ־ביכל.

איינמאָל אין אָוונט האָט עמעצער גענומען קלאַפּן אין דער טיר פון קעלער. דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז ריוואַש האָט אַ כאַפּ געטאָן די צוגעגרייטע האַק, אָפּגערוקט דעם פּאַרוקער און אָפּגעשפּרונגען אין אַ זײַט. אין קעלער איז אַרײַן די הויז־וועכטערן.

— איך ווייס, — האָט ער איר געזאָגט, — אַז איר זײַט מעכוּיעוו מיטיילן וועגן מיר... אויב איר קלײַבט זיך עס טאָן, וועל איך בעסער גלײַך פאַרלאָזן דעם קעלער.

— אײַל זיך ניט, — האָט די פרוי געענטפערט, — איך דאַרף אַ גוטן קלער טאָן.

וווּהין צו לויפן האָט ריוואַש ניט געהאַט. די נאַכט האָט זיך געצויגן ווי אַ יאָר. אויף מאָרגן איז זי געקומען מיט אַ קוישל, אַרויסגענומען אַ קעסעלע זופּ, אַ היימיש קאָרן־פּלעצעלע. באַם אַוועקגיין האָט זי געזאָגט:

— זײַ רויִק און שטאַרק זיך.

ווער קאָן עס איבערציילן, וויפל קעסעלעך זופּ האָבן ריוואַשן דערנאָך געבראַכט די פרוי עמע פריִעדאַ און איר מאַן פּעטער, וואָס איז איצט אַ וואַלד־אויפזעער. דאָס האָבן זיי אים געבראַכט שפּענדלעך, קעדיי זיך צו דערוואַרעמען; געטראָגן פּאַפּיר, ער זאָל קאָנען שרײַבן; דײַטשישע צײַטונגען, ער זאָל צונויפשטעלן אַ קאַרטע פון די שלאַכטאָפּעראַציעס. זיי האָבן אים געהיט, ווען ער פלעגט זיך אַמאָל דערלויבן באַנאַכט אַרויסגיין פון דער באַהעלטעניש, אַ פּאָר מאָל האָבן זיי אים אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב, ער זאָל זיך אויסבאָדן און בײַטן דאָס וועש.

• • •

...ניט לאַנג צוריק בין איך געווען אין דעם קעלער, וווּ ריוואַש האָט זיך אויסבאַהאַלטן. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ יונגער מולער און געקנאָטן ליים. איך האָב געכאַפּט אַ קוק אין די קאַמערלעך פונעם קעלער, וווּ עס וואַלגערן זיך אַלטע כפייצים. מיט ציטעריקע הענט האָב איך אָנגערירט די גראַטעס אויף די פענצטער. דער מולער האָט, ווײַזט אויס, זיך עפּעס אָנגעשטויסן און אויף לעטיש גענומען ריידן מיט ריטאָוון. אַלטער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— אויב איר קענט ריידן רוסיש, איז בעסער, אַז אויך מײַן כאַווער זאָל פאַרשטיין...

— איך קען, — האָט ער געענטפערט. — איך בין דעמלט געווען אַ קליין ייִנגל, נאָר עפּעס־וואָס געדענק איך. מענטשן פלעגן זאָגן, אַז אין אָט דעם קעלער באַהאַלטן זיך אויס אַנטלאָפענע פון די פאַשיסטישע טפּיסעס. מײַן מאַמע האָט דערציילט, אַז דאָ האַלטן זיך אויף פּאַרטיזאַנער... וויל איך אײַך פרעגן, צי דאָס איז עמעס?

— יאָ, — האָב איך אים געענטפערט, — אָבער באַהאַלטן האָט זיך דאָ בלויז איין מענטש... אַ ייִד פון געטאָ... דאָרט איז ער, פונקט ווי איר, געווען אַ מולער...

— ער לעבט?

— די פאַשיסטן האָט ער איבערגעלעבט... אָבער אַ שווער קראַנקער איז ער יונג געשטאָרבן אין דעקאַבער 1957.

געבליבן איז נאָך עלמאַר ריוואַשן זײַן גוטער שעם און דאָס דערשיטערנדיקע ווערק, וואָס מיר דרוקן דאָ.

מישע לעוו.

עלמאר ריוואַש

# צווישן לעבן און טויט

ערשטער טייל

## הינטער די דראָטן פון געטאָ

22 יון 1941. א ווונדערלעכער זוניקער פרימאָרגן. בא אונדז איז הײַנט א געשעעניש — דימע פאָרט מיטן קינדער־גאָרטן צום יאם. מיר האָבן לאנג זיך געאמפּערט: אָפּלאָזן אים אָדער ניט. דאָך באשטימט — זאָל ער פאָרן, שוין צײַט זיך צוגעווינען זײַן אָן דער מאמען. 7 אזייגער פאָרן די קינדער ארויס מיט א ספּעציעלן אווטאָבוס.

דימעס טשעמאָדאן האָב איך צוגעפּעסטיקט צום באגאזשניק פונעם וועלאָסיפּעד. ער אליין האָט א שטאָלצער זיך אופגעזועצט מיט מיר אפן זאָטל. איך ווייס נאָך ניט, אז ער זיצט מיט מיר אפן וועלאָסיפּעד דאָס לעצטע מאָל, און ס'איז מיר גוט אפן הארצן...

כ'געדענק ניט פּינקטלעך, וויפל אזייגער איך האָב זיך אומגעקערט אהיים. אליע האָט זיך געפּאָרעט בא דער ראדיאָ, און פּלוצעם... דאָס הארץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז געשען דאָס. וואָס האָט אלעמען געשראָקן... — א מילכאָמע! מיך כאַפּט ארום איין געפיל: שנעלער! נעמען א ביקס אין האנט! מע טאָר קיין רעגע ניט שטיין אין א זײַט!

אין שטוב זײַנען אלע געבליבן פארשטיינערט: ניט באדארפט אָפּשיקן דימען צום יאם! אין אזא צײַט דארפן קינדער זײַן מיט די עלטערן. מע מוז פאָרן טייקעף נאָך דימען. ווען גייט אָפּ א צוג? פונעם וואָקזאל ענטפערט מען, אז די צוגן גייען ניט לויטן גראפיק.

איך טו זיך א וואָרף צום מאָטאָציקל. ניטאָ קיין בענזין. עס גיט זיך מיר אײַן קריגן עטלעכע ליטער בא א שאָפער אף דער גאס. איך אײַל צום יאם.

אין דער לופט טראָגן זיך אָן אופהער אעראָפּלאנען. עס באָמבלען זיך אין קאָפּ געדאנקען: וויפל וועט עס דויערן — טעג, וואָכן, כאדאָשים?

כ'בין אָפּגעפאָרן האלב וועג. צום טײַוול! דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט. ניטאָ קיין אייל. פארגעסן באצײַטנס א קוק טאָן אינעם באק.

דער שאָסיי איז ווי אויסגעשטאָרבן. עפּשער וועט עמעצער פארבײַפאָרן און ארויסהעלפן? איך ליג אפן גראָז. א בלויער זומערדיקער הימל. אין נאָענטן וואלד שפּילן פייגעלעך. ווי גוט איז צו לעבן אף דער וועלט! נאָר איבער אָט דעם ווונדערלעכן לעבן האָט זיך שוין פארהייבן א סאָלדאטישער שטיוול מיט טשוועקעס. אף דער גרענעץ גייען שוין שלאכטן. ווו און וויִאזוי, איז ניט באוווּסט. איך ליג און טראכט. די צײַט גייט. סאָפּקאָלסאָף באווײַזט זיך אָן אווטאָמאָביל.

איך שטעל אָפּ די מאשין. דאָרט זיצט מײַנער א גוטער באקאנטער — דער אדוואָקאט סווערדלין. פון אים דערוויס איך זיך, אז די דײַטשן איז געלונגען אריבער די גרענעץ און זיי גייען שנעל פאָרויס. ער גיט מיר אייל און איך לאָז זיך ווײַטער אין וועג ארײַן. אָנשטאָט צוואנציק מינוט בין איך שוין דרײַ שאָ אין וועג.

אין בולדורי געפין איך די דאטשע פונעם קינדער־גאָרטן. די פארוואלטערן זאָגט מיר, אז אליע האָט שוין באוויזן צו זײַן דאָ ביז מיר. דערזען, אז דימע איז אין גוטע הענט און אז ער פילט זיך גוט, האָט אליע באשטימט אים נאָך דערווײַל איבערלאָזן דאָ.

כ'האָב זי נאָך געטראָפן אף דער באן־סטאנציע. ס'איז ערשט אָנגעקומען א צוג. נאָר איך בין באשטאנען, אז מיר זאָלן זיך אומקערן און מיטנעמען דימען מיט זיך. אליע איז אָן כיישעק אײַנגעגאנגען אף דעם. אין קינדער־גאָרטן איז נאָך מיטיק. אלע שלאָפן. דימעטשקע שלאָפט אויך

געשמאַק. פֿאָרזיכטיק, זי זאָל קיינעם ניט אופֿוועקן, האָט אַליע צונויפֿגעלייגט דימעס זאַכן. זי וועקט אים שטיל און אין אירע אויגן שטייען טרערן, איך באַגלייט זי צום וואָקזאַל.

דײַטשישע אַעראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט דעם אַעראָדראָם. אַלעמאָל אַ נײַער לופֿט־אַליאַרעם. מ'האָט געמאָלדן די קריגס־מאָביליזאַציע. נאָר מײַן יאָר רופֿט מען נאָך ניט. איך האָב זיך פֿרײַוויליק פֿאַרשריבן אין דער אַרבעטער־גוואַרדיע אַלס מאָטאָציקליסט. איך האָב אַ פֿרוי, צוויי קינדער, אַ מוטער. איך האָב זיי אַלעמען זייער ליב, נאָר זיי אַלע טרעטן איצט אָפּ אויפֿן צווייטן אָרט. אויפֿן ערשטן אָרט — דער קאַמף קעגן דעם סוינע. איך בין אַן איבערצײַגטער אַנטימיליטאַריסט, איצט ווער איך אַ שלאַכטמאַן, און אָט די ענדערונג איז פֿאַר מיר אַליין אומדערוואַרט.

מע דאַרף אָפּגעבן רעכט דער מאַמען און אַליען — זיי האָבן אַפֿילע ניט געפּרוווט מיך אָפּריידן. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אַזוי דאַרף דאָס זײַן. איך בעט אַליען, זי זאָל מיט די קינדער אַוועקפֿאָרן פֿון ריגע טיפֿער אין לאַנד. זי זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ. זאָל זײַן, וואָס עס וויל זיך, נאָר אירע עלטערן און מײַן מאַמען וועט זי ניט פֿאַרלאָזן. נאַרישע אַליע, מיט וואָס קאָן זי זיי העלפֿן?

---

אונדזער אָטריאַד שטייט ניט ווײַט פֿון שטאָט. מיר קעמפֿן קעגן די דײַטשישע פּאַראַשוטדעסאַנטן. פֿון פֿראָנט קומען אָן שלעכטע ידיעות. די אַרמיי טרעט אָפּ. באַנאַכט זײַנען דורכגעגאַנגען טאַנקען און אַרטילעריע, זייער וועג ליגט פֿון מײַרעוו אויף מיזרעך.

לעצטע טעג יוני. דער אָטריאַד בײַט דאָס אָרט. וווּהין גייען מיר? מע זאָגט, אַז צום רעכטן ברעג פֿון דער דווינע. אויף איין שאָ לאָזט מען אונדז אָפּ אַהיים.

טײַערע מײַנע, זיי שלאָפֿן ניט די נעכט. אַפֿילע די קינדער געפֿינען זיך איצט קיין אָרט ניט. דימעטשקע הערט זיך צו צו די אַליאַרעם־סיגנאַלן, קעדיי באַצײַטנס אָנזאָגן וועגן זיי. עס איז אַרײַנגעקומען מעריס מאַן — ער איז אַ קאָמיוגיסט, ער איז אויך פֿרײַוויליק אַוועק אין דער אַרבעטער־גוואַרדיע. מערי, מײַן שוועסטערקינד, איז בײַ די עלטערן אין דווינסק. שטענדיק אַ רויִקער, אַ פֿלעגמאַטישער, איז איצט איר מאַן געזעסן לעבן מײַן מאַמען און געוויינט, ווי אַ קינד. איך מיט אים זײַנען ביז איצט געווען אָפּגעפֿרעמדט, ניט געפֿילט קיין איבעריקע סימפּאַטיע איינער צום אַנדערן, נאָר הײַנט האָבן מיר זיך צעקושט, ווי ברידער.

די מאַמע און אַליע האָבן בײַם געזעגענען זיך מיט מיר ניט געוויינט. אַליע און די קינדער בלײַבן ניט אַליין — מיט זיי וועט זײַן קאַרליס. ער וועט זיי ניט פֿאַרלאָזן. קאַרליס איז מײַנער אַ שילער פֿון דער פֿאַבריק. אַ פּראָסט באָכערל, אַן עמעסער פֿרײַנט. אין אַזאַ צײַט דאַרף מען באַזונדערס שעצן פֿרײַנטשאַפֿט.

---

אונדזער אָטריאַד טרעט אָפּ צום רעכטן ברעג פֿון דער דווינע. בײַ דער בריק — אַ יאַם מענטשן. ס'שטייען גרויסע היצן. מיר גייען צום צענטראַלן מאַרק.

מיך שיקט מען מיט אַ שליכעס אין צווייטן עק שטאָט. אויף דער מאָסקווער גאַס באַשיסט מען מיך פֿון אַן אויטאָמאַטישער ביקס. איך שליס אײַן די גרעסטע שנעלקײַט פֿונעם מאָטאָציקל און שפּרינג בעשאָלעם דורך. סאָף טאָג הייבן מיר אָן גראָבן אָקאָפּעס. די פּאַטרולן ברענגען אָפּט פֿאַרדעכטיקע פֿאַרשוינען. דעם גרעסטן טייל לאָזט מען אָפּ צוריק. באַנאַכט הערט זיך אין שטאָט אַ שיסערײַ. איבער דער מאָסקווער גאַס גייען אָן אַ שיר טאַנקען, אַלץ אויף מײַרעוו. די היץ איז אָפּגעפֿאַלן. ס'גייט אַ רעגן.

פֿון ליטע זײַנען געקומען צופֿוס עטלעכע ייִדן. אין ליטע זײַנען שוין די דײַטשן... בײַ אונדז זאָגן אַלע, אַז דאָס איז אַ סטראַטעגישער מאַנעווער, מע וויל אַרומרינגלען די דײַטשישע אַרמיי, קעדיי זי נאָכדעם פֿאַרניכטן.

שוין צוויי טעג, אַז מע האָדעוועט אונדז מיט פֿיש־קאָנסערוון. מיר פֿאַרבײַסן זיי מיט זויערע אוגערקעס. קיין ברויט באַקומען מיר ניט.

באַנאַכט מאַכן מיר ניט צו קיין אויג — מיר יאָגן זיך נאָך דיווערסאַנטן. די רעזולטאַטן זײַנען ניט זייער קיין גרויסע. די דיווערסאַנטן שיסן נאָר דאַן, ווען זיי זײַנען זיכער, אַז עס וועט זיי אַראָפּגיין גלאַט.

עס האָבן זיך באַוויזן פֿלייטים פֿונעם ראַיאָן, וואָס ליגט בײַם מיטאַווער שאָסיי, מיסטאָם האָבן שוין די דײַטשן פֿאַרכאַפּט מיטאַווע אויך.

אין שטאָט פֿלאַקערן סרייפֿעס. אויפֿן לינקן ברעג פֿון דער דווינע גייט אַ שלאַכט. מיר האָבן פֿאַרנומען אָקאָפּעס בײַם סאַמע ברעג טײַך... איבער אונדז פֿליִען סנאַריאַדן. פֿון יענער זײַט דווינע שיסן קוילנוואַרפֿערס. דוכט זיך, אַז מע שיסט אויך פֿון קליינקאַליבערדיקע האַרמאַטן. ניט שוין זשע דײַטשישע טאַנקען?

בא דער אײַזנבאַן איז א גערודער. די שיסערײַ פארכלינעט זיך דאָרטן. יאָ, אזוי איז עס — דײַטשן! אף דער בריק באווײַזן זיך זייערע גרויע טאנקען. א מעכטיקער דונער צערײַסט די לופט. די גאנצע בריק ווערט מיטאמאָל אײַנגעהילט אין רויך. דאָס האָבן אונדזערע זי אופגעריסן. עס האָבן באוויזן אריבערן די בריק בלויז עטלעכע דײַטשישע טאנקען. אונדזער הארמאט האָגלט אף זיי מיט פײַער. אָפטרעטן צוריק קאָנען זיי ניט. עטלעכע דײַטשן גיבן זיך אונטער. מיר פרייען זיך, ווי קינדער: „אָפגעשטעלט דעם אָנגריף!“ אָבער קיין רעגולערע טיילן פון דער רויטער ארמיי זעט מען ניט. אף א צײַט ווערט שטיל. פון מאָסקווער גאס טראָגן זיך דורך עטלעכע מיליטערישע לאסטאווטאָמאָבילן. איינער שטעלט זיך אָפ. די רויטארמייער פרעגן זיך נאָך דעם וועג אף עסטלאנד. מיר דערוויסן זיך פון זיי, אז די דײַטשישע מאָבילע טיילן גייען אף ריגע, די דווינע זײַנען זיי אריבערגעגאנגען עטוואָס העכער. הייסט עס, אלץ איז געענדיקט.



עלמאר ריוואָש

איך האָב א מאָטאָציקל, איך קאָן זיך אויך לאָזן קיין עסטלאנד. נאָר צוליב וואָס? אונדזער ארמיי טרעט אָפ... עס ווערט רײַף א באשלוס: אלציינס וועל איך ארײַנפאלן צו די דײַטשן אין די הענט, איז זאָל איך כאָטש א טאָג פארן סאָף זײַן מיט מײַן מישפּאָכע...

אפן מאָטאָציקל פאָרן טויג ניט, ווו וועל איך זיך מיט אים אהינטאָן? אין אָטריאד זײַנען דאָ וועלאָסיפּעדן. איך זעץ זיך אפן ערשטן, וואָס מאכט זיך אונטער דער האנט. אצינד טראכט איך: בעסער וואָלט איך אומגעקומען! איך בארעכטיק זיך נאָר דערמיט, וואָס איך האָב פארלאָזט מײַן אָרט ניט אויס מוירע. ווען איך וואָלט געקלערט וועגן ראטעווען זיך, וואָלט איך געלאָפן ניט קיין ריגע.

א קויטיקער, אָן אָפּגעשליסענער האָב איך זיך דערקליבן צו גוטעפרײַנט. איך האָב זיך ארומגעוואשן, עפּעס איבערגעכאפּט און גלײַך אנשלאָפן געוואָרן. כ׳האָב ניט געהערט, ווי מע האָט געשאָסן, ניט געהערט, ווי מע האָט באָמבירט די שטאָט.

אינדערפרי דעם 1 יול בין איך ארויס אין גאס. שטיל. אף איינעם א הויז הענגט דער באלעבאָס ארויס א ווײַס־רויטע פאָן. עס גייט דורך אָן אָטריאד סאָלדאטן. דײַטשן.

איך פרוּוו זיך דערקלײַבן אהיים. ס׳איז קימאט אומעגלעך. די בריקן זײַנען אופגעריסן. די שיפן וועלן אָנהייבן גיין ערשט מאָרגן. ווידער נעכטיק איך איבער בא פרײַנט, שוין בא אנדערע...

גאנצפרי האָב איך זיך געלאָזט אהיים. אף די גאסן זעט מען ניט קיין איין ייִדן. מע פירט פארבײַ געפאנגענע. דאָס הארץ ווערט צעריסן — די רויטע ארמיי איז צעקלאפט...

בא דער שיף איז א שטופעניש. מיט מאטערניש קריג איך אן אָרט. עמעצער פארשפרייט קלאנגען, אז דאָס האָבן די ייִדן פארברענט ריגע, אופגעריסן די בריקן...

מיט זײַטיקע וועגן דערקלײַב איך זיך אהיים. די שטוב איז גאנץ. ווי דערוויסט מען זיך שוין, צי לעבן מײַניקע. די ערשטע קומט מיר אנטקעגן אליעס ניאניע מימי. מיט א געוויין ווארפט זי זיך ארוף אף מיר און נעמט מיך קושן. עס לויפט ארויס די מאמע. זי גלייבט ניט אירע אויגן. אליע איז אוועקגעפאָרן אין שטאָט צו באקאנטע — מיך זוכן. אלע לעבן און זײַנען געזונט. מ׳האָט זיך אָנגעליטן פון שרעק. אליע האָט די גאנצע צײַט זיך געהאלטן שטארק. אָבער הײַנט האָט זי זיך ניט אף קיין קאטאָוועס דערשראָקן: צי איז איר נאָך באשערט מיך זען א לעבעדיקן? בא אונדז זײַנען שוין געווען דײַטשן, געזוכט מאנצבלען, נאָר קיינעם ניט געפונען און אוועק, אפילע גאָרניט צוגענומען, בלויז אָנגעשראָקן.

קארליס האָט אף קיין איין מינוט ניט פארלאָזט אליען מיט די קינדער. איך האָב אים געטראָפן אין קינדער־צימער זיך שפילן מיט דימען, וועלכער האָט גאָרנישט ניט קעגן דעם, אז זײַן טאטע זאָל זײַן קארליס.

אינגיכן איז געקומען אליע. אונדזער באגעגעניש וועל איך ניט באשרײַבן. מיר האָבן זיך שטארק ליב געהאט...

ניט ווײַט פון אונדזער הויז וואקסן סאָסנעס. א גאנצע נאכט האָבן זיך פון דאָרט געהערט איינצלנע שאָסן. אונדזער הויז איז אן אלטס, עס ווארפט זיך ניט אין די אויגן. מע ווייסט, אז מענטשן זײַנען מיר ניט קיין רײַכע. צו אונדז וועט מען זיך מיסטאם נעמען ערשט דעמלט, ווען קיין „בעסערס" וועט שוין ניט זײַן. אז עס כאַפּן זיך אפן האטשיק העכט, ווארפט מען צוריק אין וואסער די פלאָטעצעס. בא אונדז איז די נאכט אדורך רויִק.

אנטקעגן אונדז, אף דער צווייטער זײַט גאס, שטייט א שיין מויערל. דאָרטן לעבן פאר־מעגלעכע מענטשן. בא זיי איז מען הײַנטיקע נאכט געוועזן צוויי מאָל. צוויי פארשיידענע פא־טרולן. מע האָט זיי געוואָלט ארעסטירן, נאָר זיי האָבן זיך אויסגעקויפט. די פאטרולן האָבן צוגע־זאָגט זיך נאָכאמאָל ארײַנכאַפּן...

צווישן די סאָסנעס ליגן טעלעכע מענטשן. ווער זיי זײַנען, ווייסן מיר ניט. פון סאלדוס איז געקומען קארליסעס א כאוור. ער דערציילט: אין שטעטל האָבן געלעבט פופציק ייִדן. מע האָט זיי אלעמען דערשאָסן אין איין נאכט. א צעניאָריק מיידעלע, וואָס האָט געפּאשעט בעהיימעס בא א פויער, האָט מען איבערגעלאָזט לעבן מיט א טנײַ, אז הארבסט־צײַט וועט ער אליין מאכן צו איר א סאָף.

מיר האָבן עס אלץ אויסגעהערט, נאָר גלייבן האָט זיך ניט געוואָלט.

די הויז־וועכטערן איז געקומען אָנזאָגן, אז ס'איז פאראן א פאראָרדענונג צו פארעגיסטרירן די וועלאָסיפּעדן. ערגעץ אף בריוויבאס־גאס. מיר האָבן באשטימט גלײַך פאָרן אהין. אליע, קארליס און איך. די דײַטשישע סאפּיאָרן האָבן שוין געמאכט א צײַטווײַליקע בריק איבער דער דווינע. א סאך מענטשן פאָרען זיך לעבן די כורוועס, מערסטנטייל — פרויען. דאָס האָבן די דײַטשן ארויסגעטריבן אף ארבעט זייערע ערשטע קנעכט. די גאסן זײַנען פול מיט מיליטער. אף דער בריוויבאס־גאס — מאָטאָריזירטע טיילן, ווי אף א פאראד. די דײַטשן זײַנען זיכער, אז זיי גייען גלײַך אף לענינגראד.

פארעגיסטרירט דעם וועלאָסיפּעד, בין איך מיט קארליסן אוועק אהיים, און אליע איז גע־גאנגען געווירע ווערן צו אירע אייגענע — צו די גורעוויטשעס. ווען זי האָט זיך אומגעקערט, האָט זי דערציילט, אז איר פעטער באָריס לוואָוויטש גורעוויטש צוזאמען מיט די זין ליאָווע און ליושע האָט מען ארעסטירט. די מומע מאשוטע גייט אף „ארבעט" — ראַמען די ציגל פון די כורוועס. זי האָט שוין אויך געוואשן די דילן אין דער פרעפעקטור.

א סאך באקאנטע מאנצבלען האָבן די דײַטשן צוגענומען. אמערסטן נעמט מען באנאכט. אייניקע האָט מען פּאשעט געכאפּט אף די גאסן. די שולן און באָטעמדראָשים האָט מען פאר־ברענט — א שרעק אויסצוריידן!.. — צוזאמען מיט די מענטשן, וואָס זײַנען דאָרט געווען. אין הויף פון דער פרעפעקטור פארווײַלט מען זיך. דאָרט קומען פאָר באָקס־געראנגלען, מאסקאראדן, מע פאָטאָגראפירט ייִדישע „טשעקיסטן", וואָס ווארפן זיך קלוימערשט אף זייערע קאָרבאָנעס מיט רעוואָלווערן אין די הענט. די פענעמער בא די „טשעקיסטן" זײַנען, פארשטייט זיך, כײַיִשע.

אליע האָט דערציילט, אז ניט הײַנט־מאָרגן וועלן מיר מוזן אָנטשעפּען געלע לאַטעס — מאָגנדאָווידס. דאָס איז געוויס נאָר אן אָנהייב.

א סאך ייִדן האָבן זיך געלאָזט אין דער מאָסקווער פאָרשטאָט זוכן דירעס. זייערע וווינונגען אין די צענטראלע ראַיאָנען פון שטאָט קאָנפיסקירט מען. די באלעבאטים ווארפט מען ארויס אָדער מע ארעסטירט זיי. די דירעס, פארשטענדלעך, קאָנפיסקירט מען מיטן גאנצן האָב און גוטס.

ייִדן איז פארווערט זיך שטעלן אין ריי נאָך פראָדוקטן. אינגיכן, זאָגט מען, וועלן פאר אונדז זײַן ספּעציִעלע קראָמען. פאקטיש באטײַט עס, אז מע האָט אינגאנצן פארווערט די ייִדן עפּעס אײַנצוקויפן. ארײַנעמען ייִדן אין די שפּיטאָלן איז אויך שטרענג פארבאָטן. די פרעסע פירט א שרעקלעכע אנטיסעמיטישע העצע. די צײַטונג „טעוויִא", לעמאָשל, באשרײַבט די גוואלדיקע בלוטגיריקײַט פון איינער א ייִדישער פרוי. מע האָט זי געוואָלט ארויסטרײַבן פון דער ריי, וואָס איז געשטאַנען נאָך מילך, האָט זי זיך אזוי צעווילדעוועט, אז זי האָט דערלאנגט מיט א פלאש איינער פון די ארישע פרויען. די שולדיקע האָט, פארשטייט זיך, באקומען איר שטראָף...

בא אונדז, אף יענער זײַט דווינע, איז נאָך א גאניידן אין פארגלײַך מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט.

א ראכמאָנעס אף אונדזערע שכיינים — אף די ראָזענטאלס. אלע מאָל קומען צו זיי „געסט". אָט ווען אשירעס איז בעפּירעש א צאָרע. נאָר אדאנק זיי ראטעווען מיר זיך. פריִער גייט מען אומבאדינגט ארײַן צו זיי, נאָכדעם וויל מען שוין מיט אונדז אפילע ניט האָבן צו טאָן. איינמאָל האָט מען יאָ זיך ארײַנגעכאפּט, מיט ביטל באטראכט די דירע, דאָס מעבל און — אוועק. מיך האָבן זיי ניט געזען.

אין אונדזער ראַיאָן איז שוין אויך דאָ א יודענפונקט, וואָס שיקט אף ארבעט. א סאך ייִדן האָט מען שוין אהין געבראכט צו פירן. מיר ווארטן אויך יעדע מינוט אף דעם זעלבן.

**אַלע** טאָג פֿאָרט קאַרליס אַפֿן **וועלאָסיפּעד אין דאָרף אַרײַן נאָך מילך** פֿאַר די קינדער. אין דאָרף האָט מען שוין אָנגעהויבן שנײַדן דאָס היי. איך באַשליס פֿאָרן מיט קאַרליסן אַפֿן היישניט. אין דאָרף וועל איך זיך ווייניקער וואַרפֿן אין די אויגן. קיינער קען מיך דאָרטן ניט.

א נײַע פֿאַראָרדענונג. אַלע ייִדן דאַרפֿן אָפּגעבן די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. קיין גרויס אומגליק איז עס ניט. קיין גוטע נײַעס הערט מען סײַווי ניט. אויב גלייבן דער דײַטשישער ראַדיאָ, וואַקלט זיך שוין דער „ריז אויף די ליימענע פֿיס“. איך מיין אָבער, אַז ס'איז נאָך פֿרי אונטערצופֿירן סאַכאַקלען...

---

ווידער איז מען באַנאַכט צוויי מאָל געווען בײַ די ראָזענטאַלס. דאָס ערשטע מאָל האָט מען צוגענומען אַלע ווערטפֿולע זאַכן. דאָס צווייטע מאָל האָט מען מיטגענומען מיט זיך צוויי מאַנצבלען, קלוימערשט אויף אַרבעט.

אליע האָט זיך פֿאַרשריבן אַפֿן יודענפּונקט. איך באַמי זיך דערווײַל שטיין אין א זײַט. צופֿיל סאָוועטישע „אוויירעס“ האָב איך אויף זיך. אונדזערע שכיינים זײַנען געגאַנגען צו די סאָסנעס. אומגעקערט האָבן זיי זיך פֿאַרצאָרנטע. די פֿרויען האָבן געוויינט. צווישן די סאָסנעס, ניט ווײַט פֿונעם שאָסיי, ליגן ווידער הרוגים. ביידע ראָזענטאַלס, זאַקס און נאָך עטלעכע אומבאַקאַנטע ייִדן.

א גורל פֿון א מענטשן: זאַקס האָט אין בורזשואַזן לעטלאַנד ווי ווײַט מעגלעך אויסבאַהאַלטן, אַז ער איז א ייִד. אַלץ, וואָס האָט געשטאַמט פֿון דײַטשן, איז פֿאַר אים געווען הייליק. זײַן רײַטפֿערד האָט ער געהאַלטן אין דער זעלבער שטאַל, וואָס דער באַראָן נאָלדע. געטרוימט האָט ער אויסגעבן די טעכטער פֿאַר דײַטשישע אַריסטאָקראַטן. ייִדן, רוסן — פֿע! האָבן אים איצט די דײַטשן אָפּגעדאַנקט מיט א קויל פֿאַר דער גרויסער ליבע צו זיי.

הײַנט האָב איך אין שטוב ניט גענעכטיקט. איך בין געשלאָפֿן אַפֿן בוידעם אין אַן אַנדער הויז. צווישן די סאָסנעס האָט מען ווידער געשאָסן. ס'איז א נעס, וואָס איך לעב נאָך. איך האַלט זיך מער־ווייניקער רויִק. נאָר אליע און די מאַמע ציטערן. זיי זײַנען שטאַרק אויסגעצערט געוואָרן, א שרעק צו קוקן.

אינדערפֿרי זײַנען מיר מיט קאַרליסן אַוועקגעפֿאָרן אין דאָרף צום פּויער, בײַ וועלכן מיר וועלן אַרבעטן. אַרויסגעפֿאָרן פֿאַרטאָג, קעדיי קאָסען, ווען דאָס גראָז איז נאָך טויִק. ס'איז שטיל. מיר פֿאָרן אויף די שטעגעלעך פֿאַרבײַ לאָנקעס און פֿעלדער. מע האָט קוים אַרויסגעלאָזט די בעהיימעס אויף פּאַשע, גלײַך ווי ס'איז גאָר קיין מילכאָמע ניטאָ אויף דער וועלט. אַז מיר זײַנען געקומען אויפֿן אָרט, האָבן מיר צום אַלעמערשטן אָנגעשאַרפֿט די קאָסעס. דער באַלעבאָס האָט אונדז געבראַכט פֿריש מילך, און מיר זײַנען אַוועק אויף דער לאָנקע. שוין לאַנג האָב איך ניט געקאָסעט, פֿון ייִנגלווײַז אָן. קאַרליס לערנט מיך, ער איז א ספּעציאַליסט. איצט בין איך זײַן שילער. ביסלעכווײַז ציִ איך זיך אַרײַן אין דער אַרבעט. ס'דערמאָנען זיך די ייִנגלשע יאָרן. איך פֿיל, ווי איך ווער געזינטער, ייִנגער. און ווילד זעט אויס דער געדאַנק, אַז עפּשער הײַנט, ציִ מאָרגן קאָן איך ליגן צווישן די סאָסנעס א טויטער...

אויף דער לאָנקע איז געקומען נאָך אַן אַרבעטער, קאַרליסעס א כאַווער. דער יונג איז שיין און געזונט. ס'איז געוואָרן הייס, און מיר האָבן אַלץ פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן, געבליבן אין איינע טרוסיקעס. מיטיק־צײַט זײַנען געקומען די באַלעבאַטים מיט זייער טאָכטער און א שכיינע מיט א טעכטערל פֿון א יאָר זיבעצן. איך האָב האַנאָע צוקוקנדיק, ווי די יונגע כעווירע פֿלירטעוועט מיט די מיידלעך. זיי זײַנען יונג און דאָס בלוט שפּילט אין זיי. איך ליג אינעם היי און עס קומען אויפֿן זיקאָרן די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. מײַן יוגנט האָט זיך נאָרוואָס געענדיקט און מיטאַמאָל, אָן שום איבערגאַנג, איז צוגעפֿאַלן די עלטער. די נעשאָמע איז מיטאַמאָל אַלט געוואָרן.

אויפֿן יודענפּונקט ווערט אַלץ ווייניקער מענטשן. אַלע טאָג דערשיסט מען ייִדן. יאַנקעוויטשן, דעם שעף פֿונעם פּונקט, „שמירט מען“ פֿון אַלע זײַטן. אויף דער האַנט האָט זיך בײַ אים באַוויזן א נײַער זייגער. א וועלאָסיפּעד האָט ער שוין אויך א נײַעם.

איך מיט אליען האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז מיר וועלן קיין כאַבאַר ניט געבן. זאָל ער טאָן, וואָס ער וויל. א סאַך פֿון אונדז האָבן בִיכלאַל ניט וואָס צו געבן. די שווערסטע אַרבעט פֿאַלט אויף זיי.

אויפֿן יודענפּונקט האָט זיך באַוויזן אַן אייגענע אַריסטאָקראַטיע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אינטריגעס. מען איז איינער דעם אַנדערן מעקאַנע: איינער באַקומט בעסערע אַרבעט, צו אַן אַנדערן באַציט זיך גוט יאַנקעוויטש. וואָס פֿאַר א באַדײַטונג האָט עס איצט?

אונדזער הויז־וועכטערן איז געקומען צו מיר מיט א געוויין. א פּאָליציאַנט, זאָגט זי, האָט געזוכט מיך דורכגיין דעם הויף און האָט געוואָלט מיך פֿאַרהאַלטן, האָט זי אים אײַנגערעדט, ער

זאָל דאָס איצט ניט טאָן, צוגעזאָגט, אז מאָרגן אינדערפרי וועט זי מיך אליין ברענגען אפן פאָליצײ־באַצירק. אויב איך וועל הײַנטיקע נאכט נעלעם ווערן, וועט מען זי דערשיסן. בעט זי מיך, איך זאָל זי ניט אומברענגען. איך באַרויִק זי און זאָג צו, אז מאָרגן אינדערפרי וועל איך גיין מיט איר. דער שליף אפן האלדז הייבט זיך אָן פארציִען. מיר איז שוין אלציינס.

אז מע זעט די גרוילן, דוכט זיך, אז דאָס אייגענע לעבן איז קליין און נישטיק. ווען ניט דער אינסטינקט פון זעלבשוץ, וואָלטן מיר זיך שוין ניט געקלאַמערט אין דעם. איך טראכט, אז איך בין הײַנט די לעצטע נאכט צוזאַמען מיט אליען. אליע שעפּטשעט א טפילע. זי רעדט מיך אײַן, איך זאָל אויך טפילע טאָן. קעדיי זי באַרויִקן, טו איך איר צוליב.

אינדערפרי האָב איך געטראָפן די הויז־וועכטערן זיצן א בלאסע אף א באנק אין הויף. זי איז די גאנצע נאכט ניט געשלאָפן, מיך געהיט. אין פאָליצײ־באַצירק האָב איך, צו מײַן גליק, געטראָפן דעם אלטן פאָליצײ־מאַן וואצעליס. דאָס האָב איך צו אים זיך געדארפט מעלדן. כ'האָב אים געקענט נאָך אין די צײַטן פון סיים. ער האָט מיר אויסגעשטרעקט די האנט, א צי געטאָן מיך צו זיך און שטיל אײַנגערוימט, איך זאָל גיין אהיים, ער וועט שוין דאָ אליין אָפּטאָן פאר מיר אלץ, וואָס מע דארף.

אין מיסט האָט זיך אָפּגעזוכט א פערל. נאָר צי וועט דאָס מיסט אופהערן דערפון אוועקן? איך האָב זיך באטראכט, אז גיין גלײַך אהיים טאָר מען ניט. איך בין אוועק אפן יודענפונקט בעטן א דערלויבעניש צו ארבעטן אין דאָרף. אין א שאָ ארום איז דאָס נייטיקע פאפירל געווען בא מיר אין קעשענע.

די מאמע און אליע האָבן מיך באגעגנט ווי א געקומענעם פון יענער־וועלט. אליע איז געווען זיכער, אז דאָס האָט גאָט זיך צוגעהערט צו אירע טפילעס.

די דײַטשן האָבן ארויסגעגעבן א נײַע פאראָרדענונג: יידן טאָרן ניט גיין אף די טראָטוארן, זיי דארפן טראָגן געלע לאַטעס אויך אף דער פלייצע. דאָס איז, ווײַזט אויס, קעדיי די שאָפערן זאָלן וויסן, ווען זיי מעגן איבערפאָרן.

אין מאָסקווער פאָרשטאָט האָט מען אָנגעהויבן אָפּצוימען עטלעכע קווארטאלן. מע בויט א געטאָ. מימי וויינט: די געטאָ איז א שטײַג, וווּ מע וועט פארשפארן אלע יידן, קעדיי ס'זאָל זײַן באקוועמער צו ליקווידירן זיי...

ווער האָט זיך דעמלט געקאָנט פאָרשטעלן, אז מימי איז גערעכט... מיר האָבן געמיינט, אז זי טײַטשט אלץ אויס צום ערגסטן. איך האָב געטראכט אזוי: די פאשיסטן פארפאָלגן אונדז, יידן, דערפאר, ווײַל מיר זײַנען זייערע סאָנים, און מילכאָמע־צײַט דארף מען סאָנים איזאָלירן. די געטאָ איז א מין קאָנצענטראציע־לאגער. דאָס לעבן אין געטאָ וועט אוודאי זײַן שווער. נאָר קיין זאך אף דער וועלט איז ניט אייביק. מענטשן וועלן אויך די דאָזיקע שווערע צײַטן איבערקומען. אזוי אָן ערך האָבן געטראכט קימאט אלע.

מע האָט אונדז פארווערט קויפן אין די אלגעמיינע קראָמען, לייענען צײַטונגען און... רייכערן. שפּײַז־פּראָדוקטן וועט מען ארויסגעבן נאָר די, וואָס ארבעטן אין דעם יודענפונקט. דערווײַל האָט מען פאר די יידן געעפנט עטלעכע קראָמען אין מאָסקווער פאָרשטאָט. די מאמע מיט אירע קראנקע פיס, קעדיי אײַנצוקויפן עפּעס צום עסן, וועט דארפן גיין ערגעץ קיין אויסרײַסעניש. גיין וועט זי מוזן בלויז אפן בריק, לעבן טראָטואר, און ציטערן, מע זאָל זי ניט איבערפאָרן...

אליע ארבעט בא א דײַטשישן אָפיצער. זי ראַמט בא אים די וווינונג, וואשט און קאָכט. זי איז „צופרידן" מיט איר „שטעלע". ווײַזט אויס, ניט אלע דײַטשן זײַנען געקנאָטן פון איין טייג. קיין שמועסן פירט ער מיט איר ניט. דאָס איז שטרענג פארבאָטן. נאָר ער איז גאנץ אָנשטענדיק. צווינגט זי ניט צו ארבעטן איבער די קויכעס, מאכט זיך ניט וויסנדיק, אז זי נעמט עפּעס פון די פּראָדוקטן פאר די קינדערסוועגן.

---

ס'איז געשאפן געוואָרן א יודענראט. אין אים זײַנען ארײַן מינסקער, בלומענאו, קאופערט, מינץ. כוץ די געלע לאַטעס אף דער ברוסט און אף דער פלייצע, טראָגן זיי אויך אף דער האנט בלויע בענדער מיט מאָגנדאָווידס. זיי זײַנען דעקאָרירט פון קאָפּ ביז די פיס.

דער יודענראט געפינט זיך אף דער לאַטשפלעש־גאַס, אין דער געבײַדע פון א געוועזענער קינדער־שול. אלע מאָל צעטראָגן זיך נײַע קלאנגען וועגן דעם, וועלכע קווארטאלן עס ווערן אײַנגעשלאָסן אין דער געטאָ.

די קלאנגען־פארשפרייטער האָבן באקומען דעם נאָמען: אגענטור „ייִוואַ" (יידן ווילן אזוי). „ייִוואַ" פארשפרייט גוטע יעדיִעס פונעם פראָנט. א צווייטע אגענטור הייסט „ייִוואָן" (יידן ווילן אזוי ניט). פון דאָרט גייען קלאנגען איינער שרעקלעכער פונעם אנדערן.

א סאך מענטשן אין שטאָט באַגייען זעלבסטמאָרד. הויפּטזאַכלעך דאָקטוירים. דאָס איז דערפאר, ווייַל זיי ווייסן, וויאַזוי און מיט וואָס מע מאכט עס. איך האַלט, אַז דערמיט איז ניטאָ וואָס צו אײַלן זיך. דער טויט וועט ניט אַנטלויפן. מײַן שוויגער אַנאַ גריגאָריעוונאַ וויל אויך באַגיין זעלבסטמאָרד, נאָר דער שווער סאַמויִל לוואָוויטש איז קעגן. זיי וואָלטן עפשער יאָ געדאַרפט דאָס טאָן. צו שווער פאר אַלטע און שוואַכע מענטשן אויסצוהאַלטן אַזעלכע ניסיוינעס. סאַמויִל לוואָוויטש ניאַנטשעט זיך א גאַנצן טאָג מיט אונדזער טעכטערל. ער איז שוין קימאַט אינגאַנצן בלינד און טויב. די פריִער פולבלײַביקע אַנאַ גריגאָריעוונאַ איז געוואָרן דאַר ווי א שפּאָן. דער קאָפּ טרייסלט זיך בא איר. מײַן מאַמע איז אויך געוואָרן שטילער. ווּ איז אהינגעקומען איר לעבנס־לוסט? זי גייט אַרום א שווײַגנדיקע, א טרויעריקע. אַפילע דימעטשקע איז אויך שוין אַן אַנדערער. ער שרעקט זיך פאר אַלץ. דערזעט ער א דײַטשישן סאָלדאַט, באַהאַלט ער זיך גלײַך אין שטוב. א קינד... האָט מוירע און ווייסט אַליין ניט פאר וואָס. ער קאָן ניט פארשטיין, וואָס פאר א פאַר־ברעכן באַגייט מען, אויב מען איז א ייִד. ער פארשטייט ביכלאַל ניט, וואָס הייסט א ייִד. גוט איז אונדזער קלײנינקער — זי ווייסט נאָך ניט פון קיין שרעק און פון קיין צאָרעס.

ניט ווייניקער, ווי מיר אַלע, לײַדט אויך מימי. ערשט איצט זעט מען, ווי שטאַרק זי איז געטרײַ און האָט ליב די גורעוויטשעס. זי איז געווען א לעטישע נאַציאָנאַליסטקע, אַן „אולמאַ־נאָווקע“, און איצט וויל זי גיין צוזאַמען מיט אַנאַ גריגאָריעוונאַ אין געטאָ.

איך האָב געבעטן דעם פויער, בא וועלכן איך האָב געשניטן היי, אונטערשרײַבן דאָס פּאַפּירל, אַז איך האָב געאַרבעט בא אים. ווי מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, האָט ער זיך איבער־געשראָקן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, ווער איך בין. ער האָט מיר געמאָלדן, אַז קיין היי וועט ער מער ניט שנײַדן און טײַקעף זיך מיט מיר צעצאָלט. ער האָט מיר מיטגעגעבן אייער און סמעטענע פאר די קינדער, אַבי נאָר איך זאָל גיכער אַוועקגיין. א מענטש איז ער ניט קיין שלעכטער, מיט קיין פּאָליטיק אינטערעסירט ער זיך ניט, צו ייִדן האָט ער גאָרניט. ער האָט פּאָשעט מוירע. איך האָב פארלאָרן דעם פארדינסט. און דעריקער — דאָס מילך פאר די קינדער. איצט וועל איך אויך מוזן גיין אַרבעטן אפן יודענפונקט. שוין אפן צווייטן טאָג האָב איך גערייניקט די בלאָטע אפן באַצירק, פארשאָטן אַלטע אָפּטריט־ערטער... אליע האָט אויך פארלאָרן איר „גוטע שטעלע“. דעם אָפיצערס א שכײנע האָט זיך אונטערגענומען אַליין פירן זײַן ווירטשאַפט. יאַנקעוויטש האָט באַשולדיקט אליען, אַז זי שטייט צו צום אָפיצער מיט איר „ליבע“, אַז זי האָט כוצפּעדיק גערעדט מיט אים, מיט יאַנקעוויטשן. קלאָר, אַז איצט וועט ער זיך אין איר נויקעם זײַן. זי וואַשט שוין די דילן אין באַצירק.

פונדעסטוועגן גלייבן מיר, אַז לאַנג וועט דאָס ניט געדויערן. די דאָזיקע איבערצײַגונג גיט אַלעמען צו קויכעס. פאר דעם גלייבן האָבן מיר צו פארדאַנקען דער „ייִווואַ“. זי פלאַנצט אין אונדז די האָפענונג, אַז ניט הײַנט־מאָרגן וועט דײַטשלאַנד כאַפּן א מאַפּאָלע. פארוואָס? וויאַזוי? ייִווואַ—ייִדן ווילן אַזוי. דײַטשלאַנד פארמאָגט ניט קיין נאַפט, וועלן אָט־אָט בלײַבן שטיין די מאַשינעס. אַז די דײַטשן באַקומען אַרויס בענזין פון שטיינקוילן, דערפון מאַכט מען זיך ניט וויסנדיק.

קאַרליס איז אַוועקגעפאָרן אַהיים. אָן אים איז געוואָרן נאָך אומעטיקער און פּוסטער. צו אַליען איז געקומען אירע א כאַוועריטע. ניט קיין ייִדישע. זיי האָבן זיך ביידע גוט אויסגעוויינט. אַליעס כאַווערטע איז געווען באַפרײַנדעט מיט א ייִדן. איצט האָט זי אים פארלוירן. איר דוכט זיך, אַז זי איז שולדיק אין זײַן אַרעסט. אליע האָט מיר נאָך איר אַוועקגיין דערציילט, אַז מע האָט זי, איר כאַווערטע, אַרויסגערופן אין פּרעפעקטור און געזידלט, לעמײַ זי האָט זיך פארבונדן מיט א ייִדן, געשענדט די ראַסע. מע האָט זי געפרעגט, וואָס וואָלט אויסגעוואַקסן פון איר קינד, ווען זײַן טאַטע איז א ייִד? זי האָט דרייסט געענטפערט, אַז מיט איר קינד וואָלט זי זיך געגרייסט. איך האָב זיך פריִער ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַליעס כאַווערטע איז אַזוי געוואַגט.

די מאַמע האָט געבראַכט פון מאָסקווער פאָרשטאָט פּראָדוקטן. די פּאָרציעס פאר ייִדן זײַנען, פארשטייט זיך, א סאַך קלענערע, איידער פאר אַנדערע, און פון סאַמע ערגסטן סאָרט. זי איז געקומען אינגאַנצן א צעבראָכענע פון דעם, וואָס זי האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט.

דעם פּלויט אַרום געטאָ בויט מען פלײַסיק. ערטערווײַז איז ער שוין אַרומגענומען מיט שטעכדראָט. א סאַך ייִדן, וואָס וווינען אין צענטער פון שטאָט, באַזאָרגן זיך מיט דירעס אין פאָרשטאָט. מע צאָלט גרויסע געלטער. די פּרײַזן אף דירעס זײַנען מוירעדיק געשטיגן. עס האָבן זיך באַוויזן מעקלערס, וואָס מאַכן פון דעם גוטע געשעפטן. איינער אַזאַ פארשוין האָט זיך אַפילע ניט געשעמט זאָגן דער מאַמען, אַז בא די דײַטשן לעבט זיך גאָר ניט אַזוי שלעכט. פאר עטלעכע טעג האָט ער פארדינט מער, ווי פאר א גאַנץ יאָר בא די באָלשעוויקעס.

די, וואָס קלײַבן זיך אַריבערפֿאָרן, האָבן אָנגעהויבן אויסבאַהאַלטן זייער פֿאַרמעגן בײַ באַקאַנטע קריסטן. איך ווייס פֿון אַ סאַך פֿאַלן, ווען ניט־ייִדן ווײַזן זיך אַרויס ווי עמעסע גוטעפֿרײַנט, כ׳וואָלט אַפֿילע געזאָגט, ווי העלדן.

אַפֿן יודענפּונקט האָט מען געמאָלדן, אַז אַלע אַרבעטספֿייִקע מוזן זיך פֿאַרעגיסטרירן אין יודענראַט. צוזאַמען מיט אַנדערע האָב איך זיך אויך געלאָזט גיין אַהין. אַפֿן לינקן ברעג פֿון דער דווינע איז די שטימונג בײַ אונדז געווען נאָך אַ מונטערע, מיר זײַנען געגאַנגען און געשמועסט וועגן די לעצטע נײַעס פֿון „יזיוואָ". נאָר וואָס נעענטער צו דער שטאָט, אַלץ ערגער ווערט די שטימונג. אַפֿן וועג זעען מיר די, וואָס ראַמען דעם ציגל־ברוך לעבן די קאָרוועס. זיי זײַנען שטאַרק דערשלאָגן. מע זעט אויף זייערע פּנימער סימאָנים פֿון קלעפּ.

די מאָסקווער פֿאָרשטאָט איז פֿול מיט געלע לאַטעס. אין גאַס זעט מען בלויז קינדער און זקיינעס. די קינדער שפּילן זיך ניט, זיי האַלטן זיך לעבן די מוטערס אָדער זיצן הינטער די טויערן.

פֿון אַלע זײַטן שלעפּט מען צום יודענראַט וועגעלעך מיט בעבעכעס. דער גרויסער הויף איז פֿול מיט מענטשן. אָבער מאַנצבלען זעט מען אויך דאָ ווייניק. אַלץ פֿרויען מיט פֿאַרוויינטע אויגן. באַם פֿלויט — בערג מיט מעבל, פֿאַרשיידענע שטוב־כּפֿייצים, וואָס מע דערלויבט מיטנעמען.

איך האָב דאָ באַגעגנט פּעני פֿאַלק. איר ברודער און דעם מאַן האָט מען צוגענומען. זי איז געבליבן מיט אַ קליין קינד און אַ קראַנקער מוטער. זי דאַרף אויך זאָרגן וועגן דער שוועגערן מיט אירע צוויי פּיצלעך קינדער. ס׳איז אַ ווײַטעק צו זען, ווי זי איז אַ טעל געוואָרן. עס דערמאָנט זיך, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק פֿלעגן מיר אויף אונדזערע וועלאָסיפּעדן אַרויספֿאָרן צום ברעג יאַם. אין אַ שפּאַס פֿלעגט זי זיך אַ לאָז טאָן אַנטקעגן די יאַגנדיקע אַווטאָמאָבילן און בלויז אין דער לעצטער סעקונדע פֿאַרקערעווען. אַז איך האָב איר פֿאָרגעוואָרפֿן, לעמײַ זי שטעלט אין סאַקאַנע דאָס לעבן, האָט זי לאַכנדיק געענטפֿערט, אַז מיט איר וועט גאָרניט געשען, זי וועט שטאַרבן סײַדן דעמלט, ווען זי וועט זײַן גאַר־גאַר אַן אַלטע...

אין יודענראַט טוט זיך כוישעך. אויף די טרעפּ איז אַ שטיקעניש. פֿרויען מיט קליינע קינדער אויף די הענט וואַרטן פֿון גאַנצפֿרי אַן אויף מילך־קאַרטלעך. די קינדער וויינען. די מאַמעס שטילן זיי אײַן, שרײַען אויף זיי אָדער וויינען אַליין.

דער יודענראַט האָט שוין אָנגענומען אַ גרויסן שטאַט אָנגעשטעלטע (זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אָן געהאַלט). זיי האָבן די פּריווילעגיע, וואָס זיי כאַפּט מען ניט אין גאַס און מע טרײַבט זיי ניט אויף שוואַרצער אַרבעט. עפּשער וועלן זיי אויך קריגן גיכער, איידער עמעצער אַנדערש, אַן אָרדער אויף אַ וווין־פּלאַץ אין געטאָ.

איך בין ניט מעקאַנע אָט די אָנגעשטעלטע. אַ גאַנצן טאָג צוזען דעם שווידער, רעגיסטרירן, פֿאַרשרײַבן, אויסשרײַבן, צוזאָגן, באַרויִקן און מיט גאָרנישט ניט קאָנען העלפֿן. וואָס קאָן זײַן ערגער דערפֿון?

פֿאַרנאַכט האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים. אין סאָד, צווישן די ביימער, אויף דער פֿרײַער לופֿט, קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז אויף דער וועלט איז גאָרנישט ניט פֿאָרגעקומען. נאָר עס שטייט פֿאַר די אויגן דאָס איבערגעלעבטע. צווישן די סאָסנעס הערט זיך פֿון צײַט צו צײַט אַ שאָס.

די לעצטע פֿיר כאַדאָשים פֿאַר דער מילכאָמע האָט מיט מיר צוזאַמען, כּוץ קאַרליסן, געאַרבעט איינער אַ באָכער אַנקראַווס, וועלכן איך האָב ווייניק געקענט. וועגן אים האָט מען דערציילט ניט קיין שיינע מײַסעס. איז גראָד איצט, ווען אַ סאַך געוועזענע פֿרײַנט מײַדן אונדז אויס, יאַוועט זיך דער דאָזיקער באָכער און זאָגט, אַז ער וויל אונדז קומען צו הילף. ער רעמאָנטירט פּאַסאַדן פֿון רווינירטע הײַזער, זאָגט ער צו געבן מיר אַרבעט. ער האָט געבראַכט מאַטאָנעס דימעטשקען, שפּילט זיך מיט אים און ווײַזט בעעמעס אַרויס אַן אינטערעס צו אונדזער גוירל.

דערווײַל אַרבעט איך נאָך אַפֿן יודענפּונקט. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז פֿרויען, וואָס האָבן קליינע קינדער, מעגן ניט אַרבעטן. אַליע וויל פֿויעלן, מע זאָל זי באַפֿרײַען פֿון דער אַרבעט אַפֿן יודענפּונקט. יאַנקעוויטש ווערט אַרויס פֿון די קיילים. ער באַציט זיך מאַמעש סאַדיסטיש צו אַליען. ער קאָן איר ניט מויכל זײַן, וואָס זי האָט זיך מיט אים געאַמפּערט. איך הייב אָן טראַכטן, אַז מע מוז פֿאַטער ווערן פֿון אים. ס׳וואָלט שוין געווען גלײַכער, מיר זאָלן גיכער אַריבערפֿאָרן אין געטאָ.

דער פֿלויט אַרום געטאָ איז שוין קימאַט פֿאַרענדיקט. אין פֿאַרשיידענע טיילן שטאָט זעצט מען די ייִדן אַרויס פֿון די דירעס. אָנגעהויבן האָט מען פֿון די צענטראַלע גאַסן. די מעקלערס רײַסן פֿון טויט און פֿון לעבעדיק. אָן אַ מעקלער איז אוממעגלעך צו קריגן אַ דירע. די ניט־ייִדישע באַפֿעלקערונג, וועלכע דאַרף פֿאַרלאָזן די געטאָ, איז אומצופֿרידן. וועמען גלוסט זיך עס פֿאַרלאָזן די נעסט, ווו מע האָט יאָרנלאַנג געלעבט? דאָס זײַנען מערסטנטייל רוסן, ווײַלע מענטשן.

פֿון לימבאַזשי איז געקומען דימעס ניאַניע — מעלאַניע. זי האָט געוויינט, געבעטן, מיר זאָלן איר אָפּגעבן דאָס ייִנגל. איך וואָלט אײַנגעגאַנגען. נאָר אַליע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: אויב אונדז

איז באַשערט אומקומען, זאָלן ניט בלײַבן נאָך איר קיין יעסוימים. אין לימבאַזשי האָט מען אומגעבראַכט אַלע ייִדן.

מיר זײַנען דערשיטערט פֿון די לעצטע געשעענישן אין שטאָט. דער יודענראַט האָט לויט דער פֿאָדערונג פֿון די דײַטשן געשיקט קיין אָליינע אַ גרופּע יונגע פֿרויען און מיידלעך אויף די טאָרף־קאַריערן. דעם דײַטשישן אָפֿיצער, דעם „באַלעבאָס" פֿון יודענראַט, האָט מען צוגעזאָגט, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום וועלן זיי זיך אומקערן צוריק. עס איז אָבער ניט אַוועק קיין וואָך, ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַלע דרײַסיק פֿרויען האָבן די דײַטשן אַרופֿגעזעצט אויף אַ לאַסטמאַשין, אַוועקגעפֿירט אין וואַלד אַרײַן און דערשאָסן.

---

עס איז געקומען אַליעס פּעטער זאַכאַר לוואָוויטש. אויך איצט פֿאַרנעמט ער זיך מיט „געזעלשאַפֿטלעכע איניאַנים" — ער קלײַבט נדבֿות פֿאַר נויטבאַדערפֿטיקע. ס'איז שווער געווען צו זען, ווי ער האָט זיך געזעגנט מיט זײַן ברודער, מיט אַליעס פֿאָטער סאַמויִל לוואָוויטש. די זקנים זײַנען געשטאַנען אַרומגענומען און געוויינט, ווי קליינע קינדער. ביידע זײַנען זיכער, אַז מע געזעגנט זיך אויף שטענדיק. קיין טאָעס האָבן זיי ניט געהאַט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זאַכאַר לוואָוויטשן אַרעסטירט. ס'איז אַ ווייטעק צו קוקן אויף זײַן פֿרוי — מאַריאַ איוואַנאָוונען — פֿאַר אַ קורצער צײַט האָט זי פֿאַרלוירן צוויי זין, איצט דעם מאַן.

אַנקראַווס האָט געהאַלטן וואָרט. איך אַרבעט מיט אים, רעסטאַווריר די סקולפּטור־באַפּוצונגען אויפֿן פֿאַסאַד פֿון דער בירזשע. איך אַרבעט אויף רישטעוואַניעס, זע איך פֿון דער הייך דעם גאַנצן פּלאַץ. מענטשן אײַלן, עס טראָגן זיך דײַטשישע מיליטערישע לאַסטמאַשינעס. אָט פֿירט מען אַ גרופּע געפֿאַנגענע ייִדן. זיי שפּאַנען פֿלעגמאַטיש. אויף דער אַרבעט נעם איך אַראָפּ די געלע לאַטעס. אַנקראַווס האָט מיך געבעטן, איך זאָל אַזוי טאָן, פֿאַר אים איז עס וויכטיק צוליב פֿאַרשיידענע טעמים.

מיטיק־צײַט גיי איך צו באַקאַנטע, צו אַ האַלב־ייִדישער פֿאַמיליע, וואָס גיט זיך אויס פֿאַר אַריער. דאָרט האָב איך אַ מעגלעכקײַט צו הערן סאָוועטישע ראַדיאָ. כאָטש די נײַעס זײַנען ניט קיין פֿריילעכע, ווערט דאָך אַ ביסל גרינגער אויף דער נשמה. וואָס אַ טאָג איבערצײַג איך זיך אַלץ מער, אַז ביז ווינטער וועט די מלחמה זיך ניט ענדיקן. דער ווינטער קאָן אַ סאַך ענדערן.

די „יִווֹא" פֿאַרנעמט זיך אַלץ מיט פֿאַרשפּרייטן אירע קלאַנגען. דער אוילעם גלייבט. אייניקע האַלטן, אַז ביז סאָף זומער וועלן די דײַטשן שוין דאָ ניט זײַן.

איצט איז האַרבסט. פֿון די ביימער פֿאַלן בלעטער. עס ווערט פֿרי טונקל. אַהיים קום איך שפּעט. אין שטוב בײַ אונדז איז פּוסט, דאָס בעסערע מעבל האָבן מיר ביסלעכווײַז אויסגעביטן: דעם בופֿעט — אויף אַ קלאַפּטער האָלץ, די שאַפֿע — אויף קאַרטאָפֿל. אַליע וויל באַוואָרענען, אַז די זאַכן אונדזערע זאָלן ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן. זי שטופּט זיי פֿאַנאַנדער צווישן באַקאַנטע. איך מיין, אַז ס'איז אַן איבעריקע טירחה. אויב מיר וועלן אומקומען, דאַרפֿן מיר קיין זאַכן ניט; וועלן מיר לעבן בלײַבן, וועט מען דעמלט זען.

אַזוווי מימי האָט ניט קיין רעכט צו וווינען מיט אונדז צוזאַמען, האָבן מיר זי אײַנגעאָרדנט אינעם קליינעם שטיבעלע, ווו עס איז געווען מײַן סקולפּטור־וואַרשטאַט. כ'האָב איבערגעטראָגן אַהין דאָס מעבל פֿון אונדזער שלאָפֿצימער, דורכגעפֿירט עלעקטרישע שײַן. אַליע און איר מאַמע, אַנאַ גריגאָריעוונאַ, האָבן איבערגעפּעקלט צו מימין די בעסטע זאַכן. זיי האָבן צו מיר טײַנעס. וואָס איך באַצי זיך דערצו קאַלטבלוטיק און האַלטן מיך פֿאַר אַ שלעכטן פֿאָטער, וואָס וויל ניט טראַכטן וועגן דער צוקונפֿט פֿון זײַנע קינדער.

ניט ווײַט פֿון אונדז וווינט אַ באַקאַנטע פֿאַמיליע. דער מאַן — אַ רוסישער, די פֿרוי — אַ ייִדישע. זיי האָבן צוויי קליינע קינדער, וועלכע פֿלעגן אַמאָל קומען זיך שפּילן צו דימעטשקען. דער מאַן ברענגט אונדז אַלע אָוונט אַ פֿלעשל מילך פֿאַר די קינדער. מיר שמועסן צומאָל מיט אים וועגן די געשעענישן אויף די פֿראָנטן. ער איז ביז דער רעוואָליוציע געווען אַן אָפֿיצער. נאָר ער האַלט, אַז מלחמה־צײַט איז דער כויוו פֿון יעדן רוסישן מענטשן צו זײַן אויף דער זײַט פֿון דער סאָוועטנמאַכט. די פֿרוי זײַנע באַהאַלט ער אויס, לאָזט זי ניט אַרויסגיין אין גאַס.

באַנאַכט. עס ווייעט אַ ווינט און עס ליאַפּעט אַ האַרבסטיקער שלאַקסרעגן. אין אַזאַ מין וועטער איז רויִקער אויף דער נשמה, עס וועלן ניט קומען קיין אומגעבעטענע געסט.

איך זיץ מיט אַליען און מיט דימעטשקען אויפֿן בעט. אומגעריכט הייב איך אָן אונטערברומען אַ ניגון פֿון אַ סאָוועטישער ליד. דימעטשקע זיצט בײַ אַליען אויף די קני. פּלוצעם דערהער איך איר קאָל: „וואָס ווייִנסטו, דימעטשקע?" דאָס קינד ענטפֿערט ניט און באַהאַלט דאָס פּנים אויף דער מאַמעס אַקסל. „איך וויין ניט, — שטאַמלט ער, — איך האָב ליב די ליד. די דײַטשן זאָלן נאָר ניט דערהערן!" איבער אַליעס באַקן רינען טרערן, איך פֿאַררייכער... מיר איז גאָר אויפֿן זינען ניט געקומען, אַז דאָס קינד לעבט אַזוי שטאַרק איבער.

דער פלויט ארום געטאָ איז שוין פארענדיקט. קימאט פון אלע ראיאָנען האָט מען די ייִדן ארויסגעשיקט. מע דארף ערנסט זיך נעמען זוכן א וווינונג און באקומען א דערלויבעניש אף „אריבערפאָרן“. קעדיי קריגן אן אָרדער אף א דירע, דארף מען האָבן א פאפירל, אז מע זעצט אונדז ארויס פון דער אלטער וווינונג.

אנקראוווס האָט אונדז צוגעזאָגט, אז ער וועט אלץ אליין אײַנאָרדענען. ער וועט עס מאכן מיט דער הילף פון זײַנעם א באקאנטן פאָליציִאַנט פון אונדזער באצירק, מע וועט יענעם דארפן דערפאר עפּעס געבן.

איך בין אוועק מיט אליען זוכן א וווינונג. דער טויער פון געטאָ איז אף סאדאָווניקאָווער באם ראָג פון לאטשפלעש־גאס. דער צענטער פון געטאָ איז די לודזאס־גאס. אומעטום אָן א שיר מענטשן, אפילע די טראָטוארן זײַנען פול מיט ייִדן. ייִדישע פּאָליציִאַנטן מיט בלויע בענדלעך אף די ארבל שטעלן אײַן אָן אָרדענונג. ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס לעבן אין געטאָ איז שווער, ווילט זיך גיכער אריבערקלײַבן אהער. דאָ איז מען פאָרט גלײַכע צווישן גלײַכע.

איך דערוויס זיך, אז אין יודענראט זײַנען פאראן פארשיידענע אָפּטיילונגען — א טעכנישער, א סאניטארער, א וווינונגס־אָפּטייל און אנדערע. עס מאכט דעם אײַנדרוק, אז די דײַטשן קלײַבן זיך די גאנצע צײַט האלטן אונדז אין א מין קאָנצענטראציע־לאגער. איך דערמאָן זיך, אז אין פוילן עקזיסטירט שוין די געטאָ צוויי יאָר. ס'איז געווען אפילע א צײַט, ווען מענטשן פלעגן דערהאלטן פון דאָרטן בריוו.

מיר זײַנען אויסגעגאנגען די גאנצע געטאָ און קיין פרײַע וווינונג ניט געפונען. א סאך באקאנטע האָבן זיך שוין אײַנגעאָרדנט. די שטימונג בא די געטאָ־אײַנוווינער איז ניט אזוי שלעכט, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. דער ווינטער איז שוין אף דער שוועל, און באם דײַטש האָט זיך קיין בליץ־קריג ניט באַקומען. די „ייִווא“ איז אומדערמידלעך, זי זאָגט אָן, אז אינגיכן וועט ארויסטרעטן אמעריקע, אז אין דײַטשלאנד האלט בא אן איבערקערעניש.

אהיים האָבן מיר זיך אומגעקערט עטוואָס דערמונטערטע. עס ווילט זיך גלייבן, אז אלץ וועט נאָך זײַן גוט.

מימי האלט אין איין טײַנען, אז די געטאָ איז א מויזן־שטײַג. מע נארט אונדז אָפּ. מע וועט דאָרט אלעמען אומברענגען. ווען עס זאָל זײַן אזוי, ווי זי זאָגט, איז צוליב וואָס וואָלט מען געדארפט אויסבויען אזא פלויט, אריבערפירן אהין די ייִדן?..

מיר ווארטן מיט אומגעדולד אפן ווינטער. עס הייבט אָן ווערן קאלט. ארבעטן אף דער בויונג קאָן מען שוין ניט. איך זיץ אין שטוב און קלעפּ פאר אנקראוווסן פארשיידענע כײַעלעך פון גיפּס. מע קויפט זיי בא אים גערן. פאר דימען איז עס א גוטע פארווײַלונג — דעם גאנצן בראָק באקומט ער.

ענדלעך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז אין א וואָך ארום וועט מען אונדז ארויסזעצן פון זאסענהאָף. ביז איצט האָט מען פּאָשעט פארגעסן אין אונדז. איך לאָז זיך ווידער גיין זוכן א ווינקל. הירשבערג האָט מיר געזאָגט, אז זי קאָן מיר פאָרלייגן א שטיבל — פיר ווענט מיט א דאך.

טיף אין א הויף אף דער מאזא־קאלנו־גאס, נומ. 5, שטייט דער דאָזיקער „מויער“. אן אײַנשטאָקיק שטיינערן הײַזל, פינף מעטער אף זעקס. דערנעבן — א שטעלכל, אנטקעגן — א סאָד. דאָס שטיבל האָט פיר פענצטער און צוויי טירן. איך כאַפּ א קוק אין פענצטער און באמערק עלעקטרע־שנורן. ס'הענגט אפילע אן עלעקטרישער ציילער. אלץ איז דאָ שטארק פארלאָזט, נאָר מע קאָן דערפון מאכן א טאָלק.

אין קאָפּ איז שוין פארטיק א פּלאן, וויאזוי צו פארוואנדלען דאָס שטיבל אין א וווינונג מיט „קאָמפאָרט“. דער באלעבאָס, א לעט, וווינט טאקע דאָ ניט ווײַט. איך טרעף אים באם פּאקן די זאכן, ער קלײַבט זיך ארויספאָרן פון געטאָ. אין דער ערשטער רגע איז ער דערשטוינט. ער זאָגט, אז אין דעם שטיבל קאָן מען ניט וווינען. נאָר ווען איך האָב אים דערקלערט, אז איך וועל אלץ איבערבויען, איז ער אוועק מיר ווײַזן די שטוב.

אין דער היים האָב איך די לאגע אויסגעמאָלט בעסער, ווי זי איז אינדערעמעסן. אלע האָבן זיך גיך בארויִקט. אליע האָט מיך אונטערגעהאלטן, זי גלייבט, אז ס'וועט זיך באקומען ניט שלעכט.

איך האָב זיך גענומען צום איבערבויען די וווינונג, ארײַנגעטאָן זיך אין דער ארבעט מיט לײַב און לעבן. קוידעמקאָל האָט מען באדארפט קריגן מאטעריאלן און זיי אריבערפירן אין געטאָ. אין דער היים האָבן זיך אָפּגעזוכט ברעטער, אלטע טאפּעטן... אף וויפל מיר האָבן נאָך אלץ ניט געהאט קיין אָנווײַזונג אף ארויסצופאָרן, האָט מען די מאטעריאלן געדארפט ארויספירן בישטיקע, די אייגענע בעבעכעס ארויסגאנווענען. איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט א באקאנטן פורמאן, וואָס האָט צוגעזאָגט פאר א גאנץ הויכער פרײַז אלץ אריבערפעקלען. אין איינעם א פארנאכט האָב איך אָנגעלאָדן א פולן וואָגן מיט פארשיידענע מאטעריאַלן און געצײַג, ארופגעלייגט דעם ווערסטאק און דאָס אלץ אריבערגעפירט. די גאנצע צײַט פון דעם רעמאָנט בין איך פון שטיבל ניט

ארויסגעקראָכן און דאָרטן טאקע געגעכטיקט. אין די אָוונטן פלעג איך אַרײַנגיין צו די דאנציגערס. זיי וווינען אין דעם זעלבן הויז, וואָס די גורעוויטשעס. בא זיי איז ריין, פאראן אפילע וואסער.

ווען מע האָט ארעסטירט ליאָווען, האָט זײַן פרוי טוסיע זיך באקענט מיט א פוילישן אינזשעניער, וועלכער האָט פריִער געארבעט אין דער פאבריק אלס ליאָוועס פארטרעטער. ער העלפט דער גאנצער מישפּאָכע, ווי אַן עמעסער גוטערפרײַנט, און צוגעזאָגט ברענגען אין געטאָ א טאָן קארטאָפל.

בישכיינעס מיט די דאנציגערס וווינט א מיידל, וואָס שפילט א ראָמאן מיט א דײַטשישן סאָלדאט. אָט דער באָכער שטעלט אײַן דעם קאָפּ. ער ברענגט צו טראָגן וואָס ער קאָן נאָר. ער איז זייער אופמערקזאם צום מיידל און צו איר מוטער. דער סאָלדאט איז א געוועזענער סטודענט, א שיינער יונג. זי האָט אים אויך זייער ליב.

עס גייען ארום קלאנגען, אז מע וועט אינגיכן פארשפּארן די געטאָ.

עס ווילט זיך שוין וואָס גיכער אריבערפאָרן. דאָ וועט מען ניט דארפן פון עמעצן זיך אויסבאהאלטן, מע וועט קאָנען גיין איבער די טראָטוארן. דאָ וועט זײַן דאָס קיניגרײַך פון קנעכט.

אליע איז געקומען צו מיר אין געטאָ אָנזאָגן, אז מאָרגן זעצט מען אונדז ארויס פון דער דירע, און איך דארף אויך זײַן דערביַי. איך האָב איר באוויזן אונדזער „פאלאץ״. אויסגעזען האָט ער איצט אזוי: אז מע עפנט די טיר, קומט מען ארײַן אין א מין פירהויז, וווּ עס שטייט מײַן ווערסטאק. אין דער טיר האָב איך געמאכט א פענצטערל, עס זאָל זײַן ליכטיק. פון רעכטס איז דער ארײַנגאנג אין שטוב. פון א לאנגן און שמאָלן פּאָדערצימער, וואָס דינט אויך אלס א קאמער, פירט די טיר אין קיך ארײַן. די פליטע זעט אויס א ביסל מאָדנע. צוליב דויכעק אין מאטעריאל האָב איך זי געשטעלט אף קלעצלעך און אָנגעטאָן איבער איר א קאָלפאק פון א קוזניע אף ארויסציִען דעם דאמף און די רייכעס. פון רעכטס האָב איך געמאכט א ווענטל, וואָס צעטיילט דאָס צימער אף צוויי טיילן. איין העלפט איז פאר מיר, אליען און דימען, די צווייטע פאר דער מאמען מיטן מיידעלע. אליעס עלטערן וועלן וווינען בא די גוטמאנס. אליע זיפצט, זי מאכט דעם אָנשטעל, אז עס געפעלט איר. די טאפּעטן וועלן מיר אויסקלעפן, ווען מיר וועלן זיך אריבערקלײַבן אהער. איך זאָג צו אליען מאכן אין קאמער א קלאָזעט, קעדיי ווינטער זאָל מען ניט דארפן לויפן איבערן גאנצן הויף. „כ׳וועל אפילע אוועקשטעלן א טויבנשלאק אפן דאך, וועסט זען, עס וועט דאָ זײַן א צווייטער זאסענהאָף, נאָר אין מיניאטור״. מיר צעקושן זיך, שפּאסן, ווילן אָפּנארן איינער דעם צווייטן. עס ווערט טונקל, מיר לאָזן זיך אהיים. קאָן זײַן, אז מיר מאכן דורך דעם דאָזיקן וועג דאָס לעצטע מאָל. מיר גייען געארעמט, טוליען זיך איינער צום צווייטן.

ס׳איז פינצטער. מע זעט קיינעם ניט. אליע איז שטארק מיד. דערפאר גייען מיר אפן טראָטואר, כאָטש ס׳איז, פארשטייט זיך, א ריזיקע. מיר לאָזן זיך מיט א ווײַטערן וועג, קעדיי אויסמײַדן דעם יודענפונקט און צופעליק זיך ניט באגעגענען מיט יאנקעוויטשן.

ס׳איז שוין סענטיאבער. מיר דערמאָנען זיך אינעם זומער פון 1939. מיר זײַנען דעמלט געווען באם יאם — גליקלעכע און פרײַע מענטשן. עס דערמאָנט זיך, ווי מיר האָבן דאן אפן פּליאזש געהערט דורך ראדיאָ די לעצטע פּאָליטישע נײַעס, די יעדיִע, אז די דײַטשן זײַנען ארײַן אין פוילן. אליע, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס אָנגעשטויסן, האָט א זאָג געטאָן, אז דאָס איז אונדזער לעצטער גליקלעכער זומער...

מיר קומען אהיים. אלע דערינערונגען זײַנען זיך גלײַך צעפלויגן. מיר זעען פאר זיך די שוידערלעכע וואָר.

דעם שטול, אף וועלכן עס פלעגט שלאָפן אונדזער טשארלי, האָבן מיר געשענקט א שכיינע. דער הונט געפינט זיך ניט קיין אָרט. הינט זײַנען קאָנסערוואטיוו און האָבן פײַנט צו בײַטן דאָס אָרט. און מיר, מענטשן?

דימעטשקע האָט מיט אומגעדולד ארויסגעקוקט אף אונדז. פונקט ווי טשארלי, קאָן ער ניט אויסקומען אָן אליען. טשארלי פילט, אז עס קומט עפּעס פאָר אַן ענדערונג. ער טרעט ניט אָפּ פון דער באלעבאָסטע, ווי ער וואָלט מוירע האָבן, אז מיר וועלן אים ניט מיטנעמען. ער לאשטשעט זיך, קוקט ארײַן אין די אויגן.

מיר ריידן זיך צונויף, וויִאזוי עס וועט זײַן מיטן אריבערפאָרן. אף וויפל די שטוב איז נאָך ניט פארטיק, וועלן מיר דערווײַל איבערלאָזן דאָס מיידעלע בא מימי, דימען וועלן מיר אוועקפירן צו די דאנציגערס, די מאמע וועט איבערזײַן בא אירע פרײַנט און איך מיט אליען וועלן אויסקלעפּן די טאפּעטן אין שטוב, ברענגען אלץ אין אָרדענונג.

דער פורמאן האָט צוגעזאָגט קומען מאָרגן נאָך מיטיק. מיר לייגן זיך ניט שלאָפן, עס ווילט זיך אלץ פארלענגערן די צײַט פון אונדזער זײַן אין זאסענהאָף, וועלכער איז אונדז טײַער. אליע האָט מיט מיר צוזאמען אויסגעבויט די דאָזיקע היים. מיר האָבן צוזאמען דורך די נעכט געארבעט, געפארבט, געקלעפּט און פארוואנדלט די פארלאָזטע שטוב אין א וווינונג מיט אלע באקוועמלעכ־

קייַטן. דערפאר איז זי אזוי שווער צו פארלאָזן. דאָך איז דאָס געזעגענען זיך מיט דער היים א סאך לייַכטער פאר מיר, ווי פאר דער מאמען מיט אליען. פאר זיי איז דאָס א דראמע.

די שטוב אונדזערע איז קימאט פוסט. די זאכן, וואָס געפינען זיך נאָך דאָ, וועט מען מינאסטאם אונדז דערלויבן מיטנעמען. דאָ זעט זיך דאָס מעבל גאָרניט אָן, נאָר ווו וועלן מיר זיך אהינטאָן מיט די זאכן דאָרט, אין געטאָ?

אליעס שרייַבטישל איז פונקט אזא, ווי א סאך אנדערע. קייַלעכדיקע געטאָקטע פיסלעך, צוויי שופלאָדן. קימאט אין יעדער שטוב איז פאראן אזא טישל. נאָר אליע האָט עס ליב. בא דעם טישל האָט זי, א שילערן, געגרייט די לימודים, אף דעם טישל האָט זי געשריבן אירע ליבעבריוו, אין די שופלאָדן האָט זי געהיט אירע מיידלשע טרוימען און געהיימניסן. א שטיק לעבן האָט זי פארבראכט בא אָט דעם טישל. איבערלאָזן עס וואָלט באטייַט פארלירן א טייל פון איר פארגאנגענהייַט. בייך, זי וועט עס מיטנעמען.

אלע קינדער האָבן ליב זיך ארייַנכאפן צו די עלטערן אין בעט. דימעטשקע פלעגט צו אונדז ארייַנקריכן אלע זונטיק אינדערפרי אָדער אין א יאָמטעוו. איצט, ליגנדיק צווישן אונדז, האלט ער אין איין דערמאָנען, אז מיר זאָלן ניט פארגעסן מיטנעמען זייַנע שפילכלעך — די קוביקעס, דעם צוג, דעם אווטאָמאָביל און אלע גיפסענע הינט און העלפאנדן. אלע מאָל פרעגט ער: „די דייַטשן וועלן לאָזן נעמען דעם אעראָפלאן? דו וועסט אים קאָנען באהאלטן, טאטע?" און מיטאמאָל בארויִקט ער אונדז: „אויב זיי וועלן צונעמען מייַן בעטל, דארף מען זיך ניט זאָרגן, כ'וועל שלאָפן מיט אייַך".

באגינען. א הארבסטיקער ווינט. אונדזער גרויסער קליאָן איז געל געוואָרן. זייַנע בלעטער האָבן, ווי מיט א געלן טעפעך, באדעקט די ערד ארום הויז. טשונטשיק יאָגט זיך אין זייַן הייפל נאָך א שטשור. מימי האָט ארויסגעלאָזט די הינער, ווי שטענדיק פאָרקען זיי זיך אין סאָד. פונקט ווי אלע טאָג, איז די הויף־וועכטערן ארויס פארקערן די גאס. אלץ איז ווי שטענדיק. אָבער בא אונדז אין זיקאָרן וועט דער דאָזיקער טאָג פארבלייַבן אף אייביק. מיר ווארטן אף די פאָליציִאנטן, מע זאָל אונדז וואָס גיכער ארויסשלייַדערן פון דער אייגענער היים.

ס'איז געקומען נאטע בעקער. מע זעצט זי הייַנט אויך ארויס פון דער דירע, וויל זי ארופלייגן אף אונדזער וואָגן אייניקע זאכן. איר מוטער און דאָס מיידעלע זייַנען שוין אין געטאָ, זיי האָבן זיך אריבערגעקליבן אהין אָן א דערלויבעניש.

צען אזייגער האָט טשונטשיק גענומען שטארק בילן. צוויי פאָליציִאנטן מיט פאָרטפעלן אין די הענט זייַנען ארייַן אין הויף. באגלייט האָט זיי אונדזער הויף־וועכטערן. זיי ווענדן זיך שטרענג צו מיר: „פארוואָס זייַט איר נאָך דאָ, אלע ייִדן זייַנען שוין פון לאנג אין געטאָ. עמעס, מיר האָבן טאקע אין אייַך פארגעסן, נאָר איר האָט שוין געדארפט זייַן דאָרטן. אנו, באווייַזט די קווארטיר".

די שטרענגקייַט זייערע איז א געמאכטע, מייַנער א גוטערפרייַנט האָט זיי שוין „אונטערגעשמירט". זיי זעצן זיך צום טיש צונויפשטעלן א פראָטאָקאָל. אלע בעבעכעס דערלויבן זיי אונדז מיטנעמען. איך שרייַב אונטער דעם פראָטאָקאָל, כאָטש איך פארשטיי ניט, וואָס פאר א ווערט עס האָט אן אונטערשריפט פון א מענטשן, וואָס שטייט אויסערן געזעץ. זיי וואָלטן מיך געקאָנט דערשיסן, ניט דארפנדיק אפילע מזטיילן וועגן דעם זייער שעף, און דאָ קאָנען זיי זיך ניט באגיין אָן מייַן אונטערשריפט.

מע גיט אונדז 30 מינוט אף ארויסטראָגן די זאכן. די פאָליציִאנטן גייען דערווייַל אוועק. אין אייַלעניש שלעפן מיר ארויס אלץ. אין דרויסן וואקסט אויס א הויפן מעבל. ווען יעדע זאך שטייט אף איר אָרט, האָט עס נאָך עפּעס א ווערט, נאָר דאָ איז עס ניט מער, ווי ברוכשטיקער. צייַטנווייַז באדויער איך, וואָס אלץ איז ניט פארברענט געוואָרן בייס די באָמבארדירונגען. ווער דארף עס איצט האָבן?..

אין שטוב זייַנען געבליבן נאָר די הוילע ווענט. אף די ערטער, ווו עס זייַנען געהאנגען אליעס בילדלעך, סטארטשען טשוועקעס. דימעטשקע קוקט ארייַן אין יעדן ווינקל, צי האָט ער ניט פארגעסן קיין שפילכל. די קאץ איז ארייַן אין צימער, זיך ארומגעקוקט, גענומען מיאוקען און ארויסגעשפרונגען פון שטוב.

אין א שאָ ארום זייַנען געקומען די פאָליציִאנטן, פארשלאָסן די טירן, אָפגעשטעמפלט דאָס הויז. איבער א שטיק פון אונדזער לעבן האָט זיך אראָפגעלאָזט דער פאָרהאנג...

---

מיר האָבן אָפגערעדט, אז מיט דער ערשטער פור, מיט די שווערע זאכן, וועל איך פאָרן, און דאָס צווייטע מאָל וועלן פאָרן אליע, די מאמע, דימעטשקע און טשארלי. ס'איז געקומען נאטע מיט א טשעמאָדאן, זי האָט באשלאָסן פאָרן מיט מיר. דאָס איז זייער גוט, עס וועט ניט זייַן אזוי טרויעריק אפן הארצן.

פאָרן אַף א פורל מיט אן ארישן באַלעגאָלע און מיט אן אריש פערד איז פאַרבאָטן; ווײַזט אויס, אז דאָס באַטײַט אויך שענדן די ראַסע. נאָר מיר האָבן באַשלאָסן מאַכן זיך ניט ווייסנדיק. מיר לאָדן אָן די פור, פאַרבינדן אַלץ מיט שטריק. אָט באַלד, אין עטלעכע מינוט אַרום, וועלן מיר אַרויספאָרן. מע דאַרף זיך געזעגענען. מײַן הונט טשונטשיק האָט, ווײַזט אויס, דערפילט, אַז מיר צעשיידן זיך מיט אים. ער האָט זיך אופגעשטעלט אַף די הינטערשטע לאַפּעס און גענומען מיר לעקן דאָס פּאָנעם. אַליע ברענגט צו טראָגן א קוישל, וואָס איז פאַרדעקט מיט א זאַק. אינעם קוישל געפינט זיך די קאַץ, זי פאָרט אויך מיט אונדז אין געטאָ.

איך רייד זיך צונויף מיטן באַלעגאָלע, ער זאָל פאָרן פּאָרויס און צוּוואַרטן אַף מיר עטלעכע קוואַרטאַלן ווײַטער. איך וויל ניט, אז באַקאַנטע זאָלן מיך זען זיצן אַף דער פור.

לעבן דעם מאַרטין־קלויסטער האָב איך דעריאָגט די פור, אַף וועלכער עס איז געזעסן נאַטע. איך קריך אַרויף, רוק אָן דאָס היטל איבער די אויגן, שטעל אַוועק אַף די קני דאָס קוישל מיט דער קאַץ און פאַרשטעל דערמיט מײַן געלע לאַטע. איך זיץ און פאַר מײַנע אויגן שוועבט דורך מײַן פאַרגאַנגענהײַט. עס דוכט זיך איצט אויס, אז ס'איז געווען ניט מער, ווי א שיין מײַסעלע. עס מראָקעט א רעגן, דער שאָסיי איז ווי אָפּגעלאַקירט. זעלטן ווען גייט פאַרבײַ א טראַמווײַ. ס'איז טרויעריק. נאַטע האָט זיך אײַנגעוויקלט אין דער שאַל און דרעמלט, די קאַץ דראַפּעט אַלעמאָל דעם זאַק און מיאַוקעט, די פור שלעפּט זיך פּאַמעלעך צום ציל. ווי עס ווילט זיך, אז אָט דער וואָגן זאָל זיך שלעפּן לאַנג־לאַנג...

מיר זײַנען אַריבערגעפאָרן די בריק, פאַרקערעוועט פון מאָסקווער אַף לאַטשפּלעש־גאַס. פון רעכטס — דער פּלויט פון געטאָ. נאָך עטלעכע מינוט, און מיר פאָרן אַרײַן אינעם טויער.

די פור טרייסלט זיך אַף די שטיינער. די גאַסן זײַנען פול מיט מענטשן. אָן א שיר לאַטעס.

מיר שטעלן זיך אָפּ אַף דער לודזאַס־גאַס, לעבן דעם הויז, ווו עס וווינען די גוטמאַנס. איך נעם אַראָפּ די זאַכן, וואָס איך האָב געבראַכט פאַר די אַלטע, און מיר לאָזן זיך ווײַטער. מע דאַרף זיך צוײַלן, קעדיי דער פורמאַן זאָל באַווײַזן מאַכן נאָך א רייס. אָט איז „אונדזער" גאַס. מיר טראָגן אַרײַן די בעבעכעס אין קאַמער. איך לאָז אַרויס די קאַץ פונעם זאַק, פאַרשליס זי אין קאַמער און גיי ווידער צו די גוטמאַנס אַרופטראָגן די זאַכן פאַר די אַלטע.



א ווינקל אין ריגער געטאָ.

גוטמאַן איז אן אַדוואָקאַט און דערצו א גרויסער פּאָליטיקאַן. ער באַשיט מיך מיט פאַרשיידענע נײַסן, בויט לופטשלעסער. איך טו מיר מײַנס — איך שלעפּ די זאַכן. אַנאַ גריגאָריעוונאַ בעט מיך בעסאָד, איך זאָל פאַר איר מאַכן א ווענטל אָדער אופהענגען א פאָרהאַנג. נאָר צום באַדויערן, קאָן מען דאָס ניט טאָן, ווײַל עס וואָלט פאַרשטעלט דאָס פענצטער און אין קיך וואָלט געוואָרן פינצטער. איך זאָג איר צו, אז איך וועל עפּעס צוטראַכטן, און געזעגן זיך.

אַף דער לודזאַס־גאַס, לעבן א קליין שטיבעלע, רופט מיך עמעצער אָן באַם נאָמען. איך דערקען דעם בלעכער מאַרקושעוויטש און גיי אַרײַן צו אים אַף א פּאָר מינוט. ער וויל זייער פאַרייכערן און כאַפּן א שמועס. מאַרקושעוויטש האָט א גרויסע מישפּאָכע — עטלעכע דערוואַקסענע טעכטער, איינע פון זיי מיט קליינע קינדער. זיי אַלע וווינען אין איין צימער. זײַן פרוי, וועלכע איז נאָך קיין פערציק יאָר ניט אַלט, זעט אויס, ווי אן עמעסע זקיינע, הויט און ביין. ער קלאָגט זיך ניט: ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך געניייטיקט, די נויט איז זײַנע א לײַבלעכע שוועסטער. איך פרעג אים, צי ער אַרבעט לויטן פאַך. צו א ספּעציאַליסט איז דאָך די באַציִונג, געוויס, א בעסערע. ער איז אויש אין קאַס געוואָרן פון מײַן פראַגע: „וואָס טראַכט איר, איך וועל פאַר זיי זײַן א בלעכער, ברענגען זיי נוצן?! זיי ווייסן אפילע ניט, אז איך בין א בלעכער. איך אַרבעט, ווי אַלע יידן, וואָס האָבן ניט קיין פאַך. איך זאָל אפילע פון הונגער אויסגיין, וועל איך זיי ניט זאָגן, אז איך בין א בלעכער"...

פון דער דאָזיקער באַגעגעניש איז עפּעס וואַרעמער געוואָרן אַפן האַרצן. דוכט זיך, אַ געוויינלעכער מענטש, נאָר ווי שטאַרק ער איז! מער האָב איך אים אין געטאָ ניט באַגעגנט, מיסטאָם האָט מען אים דערשאָסן.

געקומען אַהיים, האָב איך אײַנגעהייצט די פּליטע, געקליבן זיך מאַכן פּאַפּ פון קאַרטאָפל אַף קלעפּן די טאַפּעטן. מאַקולאַטור האָב איך איבערגעגנוג.

מע קלאַפּט אין טיר. איך עפן אויף און לאָז אַרײַן סעריאָזשע גורעוויטשן, אַליעס שוועסטערקינד. ווײַזט זיך אַרויס, אַז וואָלאָדקע, דעם פּוילישן אינזשעניער, טוסיעס באַקאַנטן, האָט זיך טאַקע אײַנגעגעבן אַרײַנפירן אין געטאָ אַ טאָן קאַרטאָפל. ער האָט זיי געבראַכט צו מיר, ווײַל דאָ וועט מען זיי קאָנען פאַרגראָבן. אַ טאָן קאַרטאָפל איז ניט קיין שפּילכל, דאָס קאָן קלעקן אַף אַ גאַנצן ווינטער, און פרילינג וועט שוין די געטאָ געוויס ניט זײַן. פאַרן ווינטער וועלן די דײַטשן פאַרפרוירן ווערן אין רוסלאַנד, אויספּרירן, ווי די טאַראַקאַנעס. אין דעם צווייפלט קיינער ניט. איצט דאַרף מען נאָר באַוואָרענען, אַז דאָס קאַרטאָפל זאָל ניט פאַרפרוירן ווערן. מיר שלעפּן עס דערווײַל אַרײַן צו זיך אין קאַמער און דעקן אײַן מיט אַ טעפּעך, פון אויבן וואַלגערן מיר אָן בענקלעך.

סעריאָזשע האָט נאָך ניט באַוויזן אַוועקגיין, ווי עס האָט זיך געיאַוועט אונדזער הויף־וועכטער פרידמאַן, אַ געוועזענער קאַצעוו. ער איז געקומען זיך דערוויסן, וועמען האָט מען געבראַכט אַזויפיל קאַרטאָפל און צי קאָן מען ניט קריגן אַ ביסל. קעדיי עס זאָלן זיך ניט פאַרשפּרייטן קיין קלאַנגען, זאָג איך אים צו געבן אַ זעקל.

אין סאָד איז פאַראַן אַן ערד־שטיבל, וווּ דער באַלעבאָס פלעגט ווינטער האַלטן קאַרטאָפל. דאָס שטיבל איז גאַנץ און מע קאָן עס אויסנוצן. נאָר פאַרגראָבן דאַרף מען דאָס קאַרטאָפל באַנאַכט, אַז קיינער זאָל ניט זען.

איך דערהער, ווי אין הויף בילט טשאַרלי. די קאַץ האָט אויך דערקענט דאָס בילן און איז צוגעלאָפן צו דער טיר. אַף דער שוועל באַווײַזט זיך אַליע מיט טשאַרלין. די שטוב האָט גלײַך אויפגעלעבט. עס איז, דוכט זיך, געוואָרן אַפילע וואַרעמער. געקומען צו פאָרן די לעצטע פור מיט שטוב־זאַכן און מיטן האָלץ. דער פורמאַן אײַלט זיך, וואַרפט אַראָפּ דאָס האָלץ אינמיטן הויף. לאָזן עס אין דרויסן טאָר מען ניט. נעמען מיר זיך פלײַסיק פאַר דער אַרבעט. כאָטש אַליע איז שטאַרק מיד, דאָך שלעפּט זי די קלעצער באַגלײַך מיט מיר. די קאַץ איז אַרויסגעלאָפן אין הויף. אַליע האָט מוירע, זי זאָל ניט פאַרפאַלן ווערן. מיך פרייט, וואָס איר גייען אָן אַזעלכע זאַכן. דאָס באַווײַזט, אַז זי איז נאָך אַ לעבעדיקער מענטש.

צאָרעס האָבן מיר מיט דער קלייניטשקער. מיר האָבן זי געלאָזט באַ מימי, און די געטאָ קאָן מען פאַרשפּאַרן אומגעריכט, יעדע מינוט. אין האַרצן טראַכט איך, אַז דעם קינד וועט ניט געשען קיין בייז, אויב עס זאָל פאַרבלײַבן אויסער דער געטאָ. מימי וועט עס אָפּהיטן. מיט אַ מיידעלע איז גרינגער, ווי מיט אַ יינגל. דערווײַזן, אַז דאָס איז ניט קיין אַריש קינד וועט קיינער ניט קאָנען. אויב מימי וועט אַפילע שטאַרבן, וועלן די שכיינים עס אויסהאָדעווען. וועלן מיר זיך ראַטעווען, וועלן מיר זי געפינען. אויב מיר וועלן אומקומען, איז זאָל זי כאָטש בלײַבן לעבן. נאָר אַליען האָב איך מוירע אַפילע צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם.

מיר וועלן קלעפּן די טאַפּעטן אַ גאַנצע נאַכט, קעדיי וואָס גיכער ברענגען אַלץ אין אָרדענונג. טאַפּעטן האָבן מיר אַ סאַך, נאָר אַלץ פאַרשיידענע שטיקלעך. אַליע איז פאַרטאָן מיטן צוקלײַבן די פאַרבן. איין „צימער" גיט זיך אונדז אײַן אויסקלעפּן אין בעזש־קאָליר, דעם צווייטן — מיט בלאָווע טאַפּעטן. די שטוב באַקומט דאָס אויסזען פון אַ שפּילעכל אָדער פון אַ דעקאָרירטער בינע. מיר האָבן געפּאַטערט אַף דעם אָן אַ שיר צײַט און וועלן פאַר דער נאַכט סײַווי ניט באַווײַזן ענדיקן די אַרבעט, דערפאַר באַשליסן מיר עטלעכע שאָ אָפּרוען, כאַפּן אַ דרעמל. מיר אָרדענען זיך אײַן זאַלבעפערט — מיט טשאַרלין און מיט דער קאַץ צוזאַמען.

אויפגעשטאַנען זײַנען מיר קאַיאָר. דאָס איז געווען אַליעס ערשטע נאַכט אין געטאָ. ווי אויסגעצערט און בלאַס זי איז, נאָר מיר איז זי געוואָרן נאָך טײַערער, נאָך ליבער.

ס'האָט אויפגעהערט צו רעגענען. עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ לויטערער פּראָסטיקער וועטער. אין אָקטיאַבער אַ פראָסט! ס'אַרא גליק איז אָט דער פריִער ווינטער! די דײַטשן האָבן אַף דעם ניט אויסגערעכנט. אַ לאַנגער און קאַלטער ווינטער וועט פאַר אונדז אויך זײַן שווער, מיר האָבן ווייניק האָלץ. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס אין פאַרגלײַך מיט דעם נאַכעס, וואָס מיר קלײַבן, אַז די דײַטשן וועט זײַן שווער.

עס איז געקומען די מאַמע. די גאַנצע נאַכט איז זי איבערגעזעסן אַף אַ בענקל. איך קוק אַף איר און מיר ווערט שרעקלעך. צאָרעס עלטערן אַ מענטשן.

פרידמאַן איז געקומען נעמען די פּאַספּאָרטן אַף אײַנמעלדן אונדז. ערשט איצט דערמאָנען מיר זיך, אַז מיר האָבן נאָך קיין אָרדער ניט. אויב מע וועט זיך דערוויסן דערפון, קאָן מען אונדז

אַרויסשלייַדערן. מע דאַרף גיכער לויפֿן אין יודענראַט. סײַ איך, סײַ אליע האָבן דאָרט באַקאַנטע, דערפֿאַר גייען מיר צוזאַמען.

אין הויף פֿון יודענראַט איז פּוסט. מע זאָגט אונדז צו, אַז אַ ביסל שפּעטער וועט מען געבן דעם אָרדער. איך גיי אַרויס אויפֿן גאַנעק פֿאַררייכערן. עס פֿאָרט צו אַ לאַסטמאַשין. איך זע, ווי פֿון איר קריכט אַרויס אַ דיקער דייַטשישער סאָלדאַט און נאָך אים אַ פּאָליציִאַנט מיט גרויסע וואָנצעס — אַ מענטש פֿון אַ יאָר פֿופֿציק.

די ייִדן, וועלכע שטייען אין הויף, האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבאַהאַלטן, אַנטלויפֿן. דער פּאָליציִאַנט האָט זיך אַ לאָז געטאָן פֿײַל־אויסן־בויגן כאַפּן, וועמען מע קאָן נאָר. ער כאַפּט אַ מענטשן, גיט אים איבער דעם דייַטש, און אַליין לאָזט ער זיך נאָך אַ צווייטן. אַזוי האָט ער געכאַפּט אַ מענטשן זעקס. דער דייַטש האָט זיי אויסגעשטעלט אין איין ריי און האַלט זיי אונטער דער ביקס. איך שטיי, ווי אַ געליימטער, און קוק צו, וואָס עס טוט זיך דאָ. מיר קומט גאָרניט אויפֿן זינען, אַז זיי קאָנען אויך מיך אַ כאַפּ טאָן. אין הויף לויפֿט אַרויס אַ קייַלעכיק מענטשל, דער מיטגליד פֿון יודענראַט קאָופֿערט.

דער פּאָליציִאַנט לאָזט זיך צו אים מיט אַ געשריי: „דיזען דיקען יודען אויך“. קאָופֿערט ווײַזט אָן אויפֿן אַרבל מיטן בלויען בענדל. נאָר עס העלפֿט ניט. דער מיט די וואָנצעס כאַפּט אַרויס אַ רעוואָלווער און שטעלט קאָופֿערטן אין דער ריי פֿון די געפֿאַנגענע. אין דעם מאָמענט האָט דער פּאָליציִאַנט מיך אויך באַמערקט. ווי אַ שפּאַרבער פֿליט ער אָן אויף מיר. מאַשינעל כאַפּ איך אַרויס פֿון קעשענע דאָס פּאַפּירל, ווו עס איז געזאָגט, אַז איך אַרבעט באַם רעמאָנטירן געזעלשאַפֿטלעכע געבייַדעס. דער פּאָליציִאַנט טוט אַפֿילו ניט קיין קוק אויף דעם און שלעפּט מיך נאָך זיך. איך שטיי איינעם מיט אַלע איבעריקע און וואַרט. דער דייַטש זאָגט, אַז מיר וועלן פֿאָרן עפּעס אויסלאָדן, אײַנגאַנצן אויף עטלעכע שאָ, נאָכדעם וועט מען אונדז אָפּלאָזן אַהיים. מע וועט אונדז אַפֿילו געבן סיגאַרעטן. קאָופֿערט איז שטאַרק אומרויִק, עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. דאָס, וואָס דער פּאָליציִאַנט האָט געכאַפּט אויך קאָופֿערטן, איז געווען אונדזער גליק. פֿון יודענראַט לויפֿן אַרויס מינסקער און בלומענאַו. מינסקער לאָזט זיך לויפֿן אין דער דערבײַיִקער געבייַדע צו דעם „באַלעבאָס“ פֿון געטאָ — צום דייַטשישן אָפֿיצער, בלומענאַו גייט צו צו אונדז. דער פּאָליציִאַנט פּרוּווט זיך פֿאַרהאַלטן מינסקערן, נאָר יענער רייַסט זיך אַרויס. נאָכלויפֿן אים צום הויז פֿון קאָמענדאַנט שטעלט זיך דער פּאָליציִאַנט ניט אײַן און קערט זיך אום צוריק.

בלומענאַו, אַ הויכער שטאַרקער מאַנצבל, ציטערט אױש פֿון אויפֿרעגונג, דאָס בלוט איז אים אַרײַן אין פּאָנעם. אָט־אָט וועט ער זיך אַרופֿוואַרפֿן אויפֿן פּאָליציִאַנט און אים געבן קלעפּ. זײַן גאַנץ אויסזען, די זיכערקייַט, מיט וועלכער ער איז אָנגעגריפֿן, האָט געצווונגען דעם פּאָליציִאַנט אָפּטרעטן. מינסקער קומט אַרויס אין הויף צוזאַמען מיטן אָפֿיצער. אינדערעמעסן שפּײַט זיך אויס אָט דער דייַטש אויף דעם, וואָס מע וועט טאָן מיט אַ צענדליק ייִדן, נאָר ער קאָן ניט דערלאָזן, אַז דאָ, אין זײַן קיניגרייַך, זאָל געוועלטיקן אַן אַנדערער. ער איז אָנגעפֿאַלן אויף דעם סאָלדאַט און אויף דעם פּאָליציִאַנט. יענע זײַנען גלייַך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין נעבעכקעס. מיט אַ ציטעריק קאָל, האַלטנדיק די גאַנצע צייַט די הענט באַ די דאַשיקעס, שטאַמלען זיי עפּעס ביידע מיטאַמאָל, בעטן אַנטשולדיקונג. מיר, די געפֿאַנגענע, וואַרטן ניט, מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ פֿאַרענדיקן, און ווערן נעלעם.

ווען איך בין צוריק אַרײַן אין יודענראַט, האָב איך דערזען, אַז אַלע זײַנען שטאַרק צעטומלט. אליע האָט מיט אַ געוויין זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר. איך פֿאַרשטיי נאָך ניט, וואָס דאָ קומט פֿאָר. איך פֿיל אָבער, אַז עפּעס איז דאָ געשען אויסערסט וויכטיקס. ווען אליע איז געקומען צו־זיך, האָט זי מיר דערציילט, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט באַ די אָנגעשטעלטע פֿון יודענראַט. די דאָזיקע טיפּן זײַנען דאָ שוין ניט דאָס ערשטע מאָל. זיי כאַפּן אַרויף אויף דער מאַשין וויפֿל מענטשן עס לאָזט זיך און פֿאַרשווינדן. שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי פֿירן אַוועק די מענטשן אין וואַלד, נעמען צו באַ זיי די ווערטפֿולע זאַכן, געלט, זייגערס, פּאָרטסיגאַרן און מאַכן צו אַלעמען אַ סאָף. ווען די „געסט“ וואָלטן ניט געכאַפּט קאָופֿערטן, וואָלט זיי דאָס מאָל אויך געלונגען די שפּיל.

אין יודענראַט דערוויסן מיר זיך, אַז די געטאָ וועט פֿאַרשפּאַרט ווערן דעם אַכטן אָקטיאַבער. צו יענער צייַט וועט מען דאַרפֿן צונעמען דאָס קינד באַ מימי.

אין געטאָ האָט מען פֿאַרייניקט אין הויף מיטן צווייטן, עס זאָל אויסקומען ווייניקער גיין מיט די גאַסן. באַקומען דעם אָרדער, לאָזן מיר זיך צוריקוועגס טאַקע דורך די הויפֿן.

אײַנמעלדן זיך איז אויך ניט פֿון די גרינגע זאַכן. אַלס אײַנוווינער פֿון מאָסקווער פֿאָרשטאָט געהערן מיר צום זעלבן באַצירק, וואָס די פּאָרצעלייַ־פֿאַבריק. דאָרטן קען מיך די פּאָליציי. איך פֿאַרשטיי, אַז ווען מייַן פֿאַמיליע וועט דערזען אַ פּאָליציִאַנט, וואָס קען מיך, בין איך אַ פֿאַרפֿאַלענער.

פֿאַר דער צייַט, וואָס מיר זײַנען ניט געווען, האָט די מאַמע גוט אויסגעהייצט. עס ווילט זיך

שטארק שלאָפן, מיר זײַנען שרעקלעך מיד, נאָר פונדעסטוועגן טרעטן מיר צו ווײַטער צו דער ארבעט; נאָך מיטיק פארענדיקן מיר אויסקלעפּן די ווענט און נעמען זיך וואשן דעם דיל. אליע האָט געמיינט, אז עס איז פאר אירע קויכעס, נאָר גאנץ גיך האָט זי זיך איבערצײַגט, אז אליין וועט זי זיך ניט ספּראווען.

דער דיל איז באדעקט מיט קליי, פארב און לאַק. דאָ איז דאָך געווען א סטאָליער־ווארשטאט. איך ברענג צו טראָגן אָן עמער טירסע, זאמד, מיר ווארעמען אָן א קעסל וואסער און אין עטלעכע שאָ ארום באקומט דער דיל גאָר אן אנדער אויסזען.

דער קאָלפּאַק, וואָס איך האָב געמאכט איבער דער פּליטע, העלפט ווייניק. דעם גאנצן דאמף ציט ער ניט ארויס. פון פײַכטקײַט זײַנען די טאפּעטן אין פארשיידענע ערטער אָפּגעשטאנען. פון אלע ווינקלען און פון דער סטעליע קאפּעט. מע מוז עפענען די פענצטער, מאכן א צוגווינט — הייצן און ארויסלאָזן די ווארעמקײַט אף דער גאס.

די מאמע זיפצט, קלאָגט זיך, אז די קינדער וועלן דאָ קראנק ווערן פון דער נעץ, אז וווינען וועט זײַן אוממעגלעך. מיך פארדריסט, וואָס זי מאכט נאָך שווערער די שטימונג. אליע האלט זיך גוט. אויסערלעך איז זי מיט אלץ צופרידן.

ביז די קווארטיר וועט זיך דורכלופטערן איז אליע אוועק צו די דאנציגערס א קוק טאָן אף דימען. דאָרטן האָט מען מיט אים צו זינגען און צו זאָגן. ער האָט אזוי מוירע פאר די דײַטשן, אז מע קאָן אים ניט ארויסשלעפּן פון שטוב. טוסיע איז מיט איר ייִנגעלע געגאנגען שפּאצירן און געוואָלט מיטנעמען אויך דימען, איז ער פארציטערט געוואָרן און זיך אײַנגעבעטן, מע זאָל אים לאָזן אין שטוב. אליע האָט זיך אומגעקערט אן אומצופרידענע, וואָס זי האָט אים נאָך ניט געקאָנט אָפּנעמען אהיים. דאָס זײַנען, פארשטייט זיך, אלץ קלייניקײַטן, נאָר עס ווערט נאָך ביטערער אפן הארצן. די דאָזיקע נאכט איז די מאמע געבליבן בא אונדז. אליע האָט זיך גענומען פּאָרען בא דער פּליטע און איך האָב זיך ארײַנגעכאפּט צו א שאָכן — צו מײַן שול־כאווער מאגאריק.

זיי וווינען זאלבעפערט — ער, די פרוי, א זעקסיאָריק ייִנגעלע און די שוויגער. די שוויגער זעט אויס זייער יונג. זי איז, ווײַזט אויס, געווען אמאָל א שיינע פרוי. געזעסן איז זי עפּעס אין א זײַט, אומבאוועגלעך. פּלוצעם האָט זי זיך אופגעכאפּט פון אָרט, מיך גענומען אונטער דער האנט און געבעטן מיט איר ארויסגיין אין דרויסן. זי דארף מיר עפּעס זאָגן. מאגאריק מיט דער פרוי ווילן אונדז פארהאלטן, נאָר זיי באווײַזן עס ניט צו טאָן, מיר זײַנען שוין אין הויף, זי דריקט מיר שטארק די האנט און שעפּטשעט:

— הערט, איך מוז אײַך דערציילן, נאָר די קינדער זאָלן דערפון ניט וויסן: מע וועט אונדז אלעמען פארברענען. איך ווייס אפילע ווען, נאָר איך וועל דאָס קיינעם ניט זאָגן, דאָס איז מײַן סאָד. צוליב וואָס מאכט איר זיך א וווינונג? נייט טאכריכים, טאכריכים, זאָג איך אײַך. איך וואָרן אײַך, מע וועט אונדז אלעמען פארברענען! מיר דארפן שרײַען, שרײַען אזוי, אז די גאנצע וועלט זאָל דערהערן. איר פארשטייט, שרײַען אלע אינאיינעם, ווי אין שול שרײַט מען. דער פרוי אײַערער זאָלט איר דערווײַל גארנישט ניט זאָגן. ווען ס'וועט קומען די צײַט, וועל איך אליין אלעמען דערציילן, דאָס איז מײַן סאָד, געדענקט און שווײַגט.

כאָטש איך בין ארויס אָן דעם מאנטל אפן פראָסט, איז מיר הייס געוואָרן אין אלע אייוורים. איך האָב גלײַך פארשטאנען, אז די פרוי איז קראנק. איך האָב איר צוגעזאָגט, אז קיינעם וועל איך גארנישט ניט זאָגן, און זי ארײַנגעפירט אין שטוב. ווען איך האָב זיך שוין געקליבן אוועקגיין, האָט מאגאריק מיך פארהאלטן אף דער שוועל: „זי האָט דיר מיסטאמע געזאָגט, אז מע וועט אונדז אלעמען פארברענען. דו פארשטייסט, זי האָט געזען, ווי מע האָט פארברענט די סינאגאָגע אינאיינעם מיט די מענטשן. פון דעמלט אָן איז זי אראָפּ פון זינען. זי איז געווען זייער אן אינטערעסאנטע און קלוגע פרוי. איצט זיצט זי מערסטנס ווי א פארשטיינערטע אָדער זי שפּאנט ארום הין און צוריק איבערן הויף. ס'איז א שרעק צו זײַן מיט איר אין איין צימער“...

איך האָב געהאלטן וואָרט און אין שטוב קיינעם וועגן דעם ניט דערציילט.

עס גייט א שניי, נאָר דער פראָסט ווערט ניט קלענער. האָט זיך שוין טאקע געשטעלט דער ווינטער?

אליע האָט אָפּגעקאָכט קארטאָפל, אופגעזאָטן טיי. בא די דאנציגערס האָט זי געהערט נײַס פון „יזווא“. דאָס איינציקע, וואָס מע קאָן גלייבן, איז — אמעריקע וועט דערקלערן דײַטשלאנד א מילכאָמע.

---

פון קארטאָפל און טיי ווערט מען ניט זאט: מע עסט אָפּ און אין א שאָ ארום איז מען שוין ווידער הונגעריק. פון די פּאָרציעס, וואָס מע גיט ארויס די ייִדן, וואָלט מען געקאָנט לעבן נאָר באם באדינג, אז מע זאָל זיך ניט באוועגן, — בלויז שלאָפן. אָבער פאר א מענטשן, וואָס דארף

אַרבעטן, איז עס אַ געלעכטער. די פּאָרציעס זײַנען אין צוויי מאָל קלענער אַפילו פון די, וואָס עס באַקומען די קריסטן, און די פּראָדוקטן זײַנען פון שלעכטער קוואַליטעט.

מיר האָבן פאַרגרייט זייער ווייניק שפּײַז — צוויי קילאָגראַם אײַנגעזאַלצן פלייש, דרײַ קילאָגראַם פּוטער, פּופציק אייער, אַ קליין טעפּעלע כאַזער־שמאַלץ. אַפילו ווען מיר, די דערוואַקסענע, זאָלן זיך ניט צורירן צו דעם, וועט עס פאַר די קינדער אויך אויף לאַנג ניט קלעקן. אליע איז מעקאַנע יענע, וואָס האָבן פאַרגרייט מער פּראָדוקטן. איך בין איר פאַר דער שוואַכקײַט מוחל. זי זאָרגט זיך פאַר די קינדער.

אינדערפרי האָט אליע זיך געשטעלט וואַשן די טירן און די פענצטער. איך האָב זיך פאַרנומען מיט אויסלופטערן און אויסטריקענען די שטוב. בייס דער אַרבעט פאַרגעסט מען אויף אַ צײַט, ווו מען איז און ווער מען איז. אָבער ניט ווילנדיק גאַנוועט זיך אַרײַן אַ געדאַנק, צי לוינט פאַרנעמען זיך מיט דעם אַלעם. איינער פון אונדזערע שכיינים, אַ גרויסער אָפּטימיסט, האָט מיט מיר אַלץ אײַנגעטײַנעט, אַז אומזיסט אַרבעט איך, פאַרנעם זיך מיט נאַרישקײַטן. מע דאַרף גאָרנישט ניט טאָן, ווײַל אינגיכן וועלן מיר זיך אומקערן אין אונדזערע אַלטע וווינונגען. אין מיר לעבט אויך אַ שטיקל האָפענונג, נאָר אַזאַ אָפּטימיסט בין איך ניט.

ווי נאָר עס איז טונקל געוואָרן, איז געקומען סעריאָזשע, און מיר האָבן גענומען איבערטראָגן די קאַרטאָפל אינעם ערד־שטיבל. עטלעכע זעקלעך האָבן מיר געלאָזט פאַר זיך און פאַר פרידמאַנען, די איבעריקע האָבן מיר פאַרגראָבן און גלייבן, אַז זיי וועלן ניט פאַרפרוירן ווערן. מיט אַ האַלב יאָר צוריק פלעג איך שפּילנדיק אויסלאָדן אַ גאַנצע לאַסטמאַשין גיפּס פאַר מײַן וואַרשטאַט. איצט בין איך מַמעש געבליבן אָן קויכעס, שלעפּנדיק די זעק. אליע האָט פאַרענדיקט ראַמען. מאָרגן וועלן מיר אַרײַנטראָגן דאָס מעבל, אַלץ צעשטעלן אויף אָן אָרט און אָפּנעמען דימעטשקען אַהיים.

---

אונדזער וווינונג ציט צו די אויפמערקזאַמקײַט פון די שכיינים. אַלעמאָל קומט אָן אַנדערער אַ קוק טאָן, וויאַזוי מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט. אַ סך האָבן פריִער געזען אָט דאָס כורוועלע און קיינעם איז אַפילו ניט אײַנגעפאַלן, אַז מע קאָן פון דעם עפּעס מאַכן. איצט לייגן אייניקע פאַר זיך בײַטן מיט די דירעס. די שכיינים קומען זיך האַלטן אָן אייצע. דאָ זײַנען פאַראַן ווייניק מענטשן, וואָס זאָלן קענען מאַכן אַ רעמאָנט. אַ גרויסע צאָל מאַנצבלען איז פאַרפאַלן געוואָרן. די דירעס זײַנען אין זייער אַ שלעכטן צושטאַנד. אַ סך זאַכן זײַנען קאַליע. איך זאָג צו אַלעמען קומען צו הילף, ווען איך וועל פאַרענדיקן די אַרבעט בײַ זיך.

אַ טשיקאַווער טיפּ איז אונדזער שאָכן גורעוויטש. ווי נאָר ער איז אַרײַן צו אונדז, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ קאָרעוו. וווינען וווינט ער אין אַ געוועזענעם וואַרשטאַט. דאָס איז זייער אַ לאַנג צימער, ווו עס וווינען נאָך עטלעכע מישפּאָכעס, נאָר דער באַלעבאָס איז קלוימערשט ער, ווײַל דער אָרדער איז אויף זײַן נאָמען. אַלט איז ער זעכציק יאָר. אַ דיקער, אַ זשוואַווער, שאַמקעט שטענדיק מיט די אַרײַנגעשטעלטע ציין. מע זאָגט, ער איז זייער רײַך, נאָר שרעקלעך קאַרג. מיך וויל ער אויסנוצן ווי ווײַט ער קאָן, נאָר אַלס קאָרעוו, עס זאָל אים גאָרניט קאָסטן. ער הייבט אָן דערפון, וואָס ער איז מיך מעכאַבעד מיט אַ פּאַפּיראָס. דערנאָך נעמט ער לויבן אין טאָג אַרײַן סאַמויִל לוואָוויטשן און מײַנע „גאָלדענע הענט“. ערשט צום סאָף פאַרהיקעט ער זיך: „איר פאַרשטייט, די פּליטע, ס'אַ קלייניקײַט, אין אייוועלע איז אַ לאָך. קומט, וועט איר אַ קוק טאָן, איר וועט עס מאַכן אין איין מינוט, אַפילו ניט באַווײַזן אויסרייכערן דעם פּאַפּיראָס. שפּילנדיק וועט איר עס מאַכן. מיר זײַנען דאָך מיט אײַך עפּעס קרויווים, כע־כע...“

---

די שטוב האָט זיך אויסגעטריקנט און זעט איצט אויס ניט שלעכט. אליע און די מאַמע מעסטן די ווענט און אַמפּערן זיך, וויאַזוי צעשטעלן די זאַכן. ביסלעכווײַז געוווינען מיר זיך צו צום נײַעם אָרט. אינדערפרי האָבן מיר זיך גענומען צעשטעלן דאָס מעבל. ווי איך האָב פאָרויסגעזען, איז אַ סך פונעם מעבל געבליבן אין קאַמער און אין הויף. די בעטן אַליין האָבן פאַרנומען דאָס גאַנצע אָרט. נאָר ס'מאַכט ניט אויס. איבער די מעס בעטעלע הענגען זײַנע באַליבטע „קאַרטינקעס“ — אַ יִינגעלע מיט אַ הונט און די פאָטאָגראַפיע פון אליען מיט טשאַרלין. אליעס „מאָנאַ ליזאַ“ הענגט אויך אויף דער וואַנט.

אליע האָט זיך געפלײַסט, אַז אַלץ זאָל דאָ זײַן ענלעך אויף דער פאַרלאָזטער היים. אין אַ ווינקל שטייט איר דרײַקאַנטיקע עטאַזשערקע מיט ביכער, אַלבאָמען מיט אַלע אירע באַליבטע פאָטאָגראַפיעס. אויפן פענצטער שטייען אַפילו עטלעכע קאַקטוסן. קעדיי דאָס מיידעלע זאָל זיך ניט פאַרקילן, האָט אליע צונויפגעלייגט אינפירען דעם טעפּעך און אים אויסגעשפּרייט אויפן דיל.

אונדזער „צימער“ האָבן מיר אָפגעטיילט פון דער קיך מיט א פאָרהאַנג. עס האָט זיך באַקומען א גאַנץ ווילע ווינונג. אַלץ איז דאָ געמאַכט מיט די אייגענע הענט, פילן מיר זיך געמיטלעך. די געטאָ איז ווי אָפגעטראָטן ווײַטער. צײַטנווײַז דוכט זיך, אַז מיר זײַנען ערגעץ אין א זומער־ווינונג אָדער אין א פרעמד לאַנד. דימעטשקען וועלן מיר אָפנעמען נאָך הײַנט, דאָס מיידעלע וועט אליע ברענגען מאָרגן.

---

דימעטשקע איז גליקלעך. ער איז ווידער מיט אונדז, מיט דער באָבען, מיט דער מאַמען, מיט טשאַרלין, מיט דער קאַץ. א שאָד, וואָס איך קאָן זיך מיט אים ניט פאַרנעמען, שפּילן זיך מיט אים. מיר דוכט, אַז איך פאַרליר ביכלאַל יעטווידעס געפיל, מיר איז שווער אַרויסצוווײַזן צערטלעכקײַט און מיטגעפיל צו ווער־עמען־ניט־איז, כוץ צו אליען. אין הויף שפּילן זיך קינדער, יאָגן אַרום, שלאָגן זיך, און דימען קאָן מען ניט אײַנריידן, ער זאָל אויך גיין זיך שפּילן מיט זיי. ער האָט מוירע אַרויסגיין פון שטוב. ווען ער גייט אַרויס מיט מיר אָדער מיט אליען, טרעט ער ניט אָפּ פון אונדז אַף קיין שפּאַן...

אונדזער שטוב איז אין א זײַט, ס'איז דאָ זייער שטיל. אָבער אין צענטער פון געטאָ רודערט זיך, דאָרט איז גאָר ניט געמיטלעך. פון אינדערפרי ביז מיטיק־צײַט כאַפּט מען מענטשן אַף אַרבעט. דערמיט פאַרנעמט זיך א דרײַלינג — דער דײַטשישער לייטענאַנט סטאַנקע, דער פעלדפעבל טוכעל און איינער א היגער דײַטש — דראַלע. דאָס געיעג אַף מענטשן קומט פאָר אַזוי: דראַלע פאַרנעמט זײַן פּאָסטן אַף דער לודזאָס־גאַס, סטאַנקע און טוכעל גייען אַנטקעגן איינער דעם אַנדערן פון ביידע עקן גאַס. די יידן, וואָס לאָזן זיך לויפן, פאַלן אַרײַן גלײַך צו דראַלען.

ניט פאַר דער אַרבעט האָט מען מוירע, נאָר פאַר די קלעפּ, וואָס מע כאַפּט אַף דער אַרבעט. יידן האָפן, אַז נאָך דעם, ווי מע וועט פאַרשפּאַרן די געטאָ, וועט ווערן אַן אָרדענונג, און מע וועט אַף דער אַרבעט ניט שלאָגן.

אַף אונדזער מאַזאַ־קאַלנר־גאַס איז אויך געוואָרן אומרויִק. הײַנטיקע נאַכט זײַנען געווען ניט קיין געבעטענע געסט. אין הויז נומער 8 האָבן עטלעכע היטלעריסטן אויסגעזעצט א פענצטער און זײַנען אַרײַן אין א דירע, וווּ עס וווינט אַן אַלט פּאָרפּאָלק, א פרוי מיט א קליין קינד און א יונג מיידל. דעם זאָקן מיט דער זקיינע האָבן זיי שטאַרק געשלאָגן, געצווונגען אַרונטערקריכן אונטערן בעט. די פרויען האָט מען באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט און טאַנצן. נאָך די דאָזיקע פאַרווײַלונגען האָבן זיי צעבראָכן דאָס מעבל, אָפּגעטאָן זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן אינמיטן שטוב און זײַנען אַוועק.

פרידמאַן האָט מיך דעריבער געבעטן, איך זאָל אַראָפּנעמען פונעם טויער דאָס גלעקל. דעמלט וועט ער קאָנען אַכט אַזייגער פאַרנאַכט פאַרשפּאַרן דעם טויער און זיך מאַכן ניט וויסנדיק, אויב מע וועט קלאַפּן. א באַוואָרעניש איז עס א קנאַפּע. ס'איז א מיטל פונעם שטרויס, וואָס באַהאַלט דעם קאָפּ אונטערן פליגל.

---

אינדערפרי האָט אליע זיך געלאָזט אין זאַסענהאָף נאָך אונדזער מיידעלע. אין איינוועגס וועט זי אַרײַנגיין צו איר שול־כאַווערטע ליוסיע. זי וויל זיך מיט איר דערריידן וועגן אײַנשטעלן קאָנטאַקטן נאָך דעם, ווי מע וועט פאַרשפּאַרן די געטאָ. איך אײַסעק זיך דערווײַל אין קאַמער.

אליע האָט געבראַכט לידעטשקען נאָך מיטיק. ס'איז דעם מיידעלע געווען שווער זיך געזעגענען מיט מימי. מימי, ווי איר טעווע איז, האָט מיט דער גאַנצער טמימעס און אָפנהאַרציקײַט אויסגעמאָלט אליען אין די שוואַרצסטע פאַרבן די געפאַרן, וועלכע לויערן אַף אונדז. זי האָט אונדז אַלעמען שוין מעקאַבער געווען. „אָדער מע וועט אײַך אַלעמען, האָט זי געזאָגט אליען, אָפּסאַמען מיט גיפטגאַזן, אָדער מע וועט פאַרברענען די געטאָ“. די דאָזיקע פּערספּעקטיוו האָט שטאַרק צערודערט אליען. מיט ליוסיען האָט זי זיך באַגעגנט און זיי האָבן זיך דערעדט צו טרעפן זיך אַלע זונטיק באַם שטעכדראָט, קעגן דעם גריכיש־קאַטוילישן צווינטער אַף דער גרויסער באַרג־גאַס. כאָטש זעלטן און פונדערווײַטנס, וועלן זיי דאָך זען איינע די אַנדערע. מימי און די הויז־וועכטערן האָבן צוגעזאָגט, ווי ווײַט זיי וועלן קאָנען, אונדז איבערגעבן דורך די דראָטן פּראָוויזיע. אליע פאַרהאָפט, אַז מיט דער צײַט וועט זיך אײַנשטעלן אַן אומלעגאַלע פאַרבינדונג מיט דער שטאָט. אויב די געטאָ וועט עקזיסטירן, וועט, אָן ספק, עפּעס ענלעכס זײַן. אין דעם צווייפלט קיינער ניט.

---

ענדלעך האָט מען פאַרשפּאַרט די געטאָ. מע האָט אָפיציִעל געמאָלדן, אַז צו אַלע קאָנטאַקטן מיט דער אויסערלעכער וועלט נעמט א סאָף. פאַר פירן געשפּרעכן אָדער עפּעס איבערגעבן דורכן שטעכדראָט — שיסן. די וואַך באַ די טויערן באַזוכט, ווען מע גייט אַף דער אַרבעט און ווען

מע קומט צוריק. באַזונדערס זאָרגפעליק באַזוכט מען די יונגע פרויען. מיט קאַלטע, קויטיקע און פאַרגרעבטע הענט, כּאָכמעגענדיק זיך און לאַכנדיק, קריכן זיי אַרונטער אונטער די קליידער, שאַרן איבערן הוילן לײַב. נאָך אָט די אונטערזוכענישן פאַרבלײַבן אויף לײַב בײַ אַ סך פרויען בלוטיקע שראַמען. די מאַנצבלען באַזוכט מען ניט אַזוי אויפמערקזאַם, נאָר שלאָגן שלאָגט מען שרעקלעך.

אויפן צווייטן טאָג נאָכן פאַרשפּאַרן די געטאָ האָט מען אין שטאָט געכאַפּט אַ ייִדישן באָכער, וואָס האָט געגעכטיקט בײַ אַ זײַנער אַ כאַווערטע — אַ קריסטלעך מיידל. מע האָט אים געבראַכט אין געטאָ, דערשאָסן אין הויף פונעם קאַראַול און דעם טויטן קערפּער ניט דערלויבט צו נעמען.

דאָס געיעג אויף מענטשן הערט ניט אויף. מע כאַפּט שוין אַפילו בײַנאַכט אין די וווינונגען. ס'איז אַ מין פישפאַנג אין אַן אַקוואַריום, צי אַ יאַגד אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. אַז מע גייט אויף געיעג אין וואַלד, קאָן די כײַע אַנטלויפן, ווידערשטעלן זיך. אָבער דער מענטש אין געטאָ? וואָס קאָן ער טאָן? פון אַלע זײַטן שטעכיק דראָט, הינטערן דראָט באַוואָפנטע וואַכמענער. מיר זײַנען אין דער לאַגע פון פי, וואָס מע האָט פאַרטריבן אין בוינע.

ווי נאָר מע האָט פאַרשפּאַרט די געטאָ, האָט מײַן פּאַפּירל וועגן אַרבעט פאַרלוירן די ווערט. נאָר דאָס אַרט מיך ווייניק. צוליב אַ סך טײַמים ווילט זיך מיר אַפילו ניט אַרבעטן אויסער דער געטאָ. ערשטנס, דער קאָנטראָל בײַ די טויערן. כוץ דעם, וואָס מע כאַפּט דאָרט קלעפּ, קאָן מיך לײַכט עמעצער דערקענען. ברענגען עפּעס מיט זיך פון שטאָט איז פּאָשעט אוממעגלעך, ווײַבאַלד בײַ די טויערן באַזוכט מען. אינוווייניק אין געטאָ וועט זײַן בעסער פאַר מיר. איך פאַרהאָף, אַז צום לעבן וועל איך פאַרדינען. פאַר געלט און פאַר ווערטפולע זאַכן קאָן מען דאָ אַלץ קריגן. צווישן אונדז, ייִדן, פעלן ניט קיין פּיפּיקע פאַרשווינגען, ס'האָבן זיך שוין אַפילו באַוויזן מאַכערס, וואָס פירן אַ קאָמערץ מיט די פּאָליציאַנטן. נאָך דעליקאַטעסן יאָג איך זיך ניט, נאָר דאָס סאַמע נייטיקע פאַר די קינדער האָף איך צו באַקומען פאַר מײַן אַרבעט.

פאַר דער וואָך, וואָס איך בין ניט געווען אין יודענראַט, זײַנען דאָרט פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. דער יודענראַט זעט איצט אויס, ווי אַן עמעסער אַנשטאַלט: פאָרמולאַרן, צירקולאַרן, אַנקעטעס... ס'מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז מע אָרדנט זיך אײַן ערנסט און אויף לאַנג. דאָס באַאומרויִקט און אין דער זעלבער צײַט באַרויִקט עס.

איך בין אַוועק אין טעכנישן אָפּטייל, צום אינזשעניער אַנטאָקאָל, וואָס האָט אַ יאָר צוואַנציק געאַרבעט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַלס בוי־אינזשעניער. אַנטאָקאָל האָט מיר געזאָגט, אַז אין געטאָ איז ניטאָ קיין איין מוליער, וואָס זאָל קאָנען פאַרריכטן אַן אויוון, און אויב איך נעם זיך אונטער צו פאַרריכטן די אויוונס, וועט עס זײַן „אַ גליק" פאַר דער געטאָ. פאַרריכטן אַלטע אויוונס איז אַ קויטיקע און פּאַסקודנע אַרבעט, נאָך פּאַסקודנער, ווי זײַן אַ קוימענקערער. נאָר די אַר־בעט איז זייער נייטיק. איך האָב אויסגעפילט אַן אַנקעטע און געקראָגן אַ פּאַפּירל, ווו עס איז געווען פאַרצייכנט מײַן נײַער ראַנג: „טעפּפער אין געטאָ". אויפן פּאַפּירל שטייט אַ שטעמפּל פונעם דײַטשישן „אַרבעטסאַמט".

דעם זעלבן טאָג בין איך אַרײַנגעגאַנגען צו מײַן שעף — דעם אַרכיטעקטאָר הערצמאַרק, וואָס פירט אָן מיט די רעמאָנט־אַרבעטן אין געטאָ. פון דער ערשטער באַגעגעניש האָבן מיר זיך מיט אים באַפרײַנדעט. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, אַז איך וועל זיך געפינען צוויי מיטהעלפער און פון מאָרגן אָן זיך שטעלן צו דער אַרבעט. הערצמאַרק ווײַזט מיר אַ צעטל, בײַ וועמען מע וועט דאַרפן מאַכן רעמאָנט.

די ייִעדיִע, אַז דער יודענראַט האָט אַ „טעפּפער", האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין געטאָ. איך האָב נאָך ניט באַוויזן אָפּעסן, זיך געקליבן דערציילן וועגן מײַנע דערפאָלגן אין יודענראַט, ווי מע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. עפּעס אַ מאַנצבל וויל מיך זען. וואָס איז? ניט ווײַט פון אונדז האָט ער געדונגען אַ געוועזן געוועלבל און באַזעצט דאָרט די מוטער און אַ שוועסטער. אין געוועלבל איז אָבער ניטאָ קיין הרובע. האָט ער געקראָגן אַ קליין אייוועלע, נאָר עס איז ניטאָ, ווער ס'זאָל עס שטעלן. אָנהייבן זיך מיטן יודענראַט וויל ער ניט, ווײַל דאָס איז אַ מײַסע אויף לאַנג. בעט ער, איך זאָל אויף אַ פּריוואַטן אויפן אים וואָס גיכער עס מאַכן. מיר ווילט זיך שטאַרק רייכערן, נאָר קיין טאַבעק האָב איך ניט. ער זאָגט מיר צו פאַר דער אַרבעט אַ פּעקל מאַכאָרקע און צוויי אייער — דאָס איז אַזאַ פּרײַז, אַז איך קאָן זיך ניט אָפּזאָגן. איך שטים אײַן מאָרגן נאָך פיר אַזייגער קומען צו אים. ער אַוואַנסירט מיך מיט דרײַ פּאַפּיראָסן. האַקלאַל, ס'איז אַ מעלאָכע מיט גרויסע פּער־ספּעקטיוון. דער קונד איז נאָך געווען אין שטוב, ווען ס'איז אַרײַנגעקומען מיט אַ באַקאָשע מײַן קוזינע ראָזע הירשבערג. אין דער שטוב, ווו זי וווינט צוזאַמען מיט אירע באַקאַנטע, פאַרמאַכן זיך ניט די פענצטער, ס'איז אַ קעלט, ווי אין דרויסן. קורץ גערעדט, איך ווייס גאָר ניט, צי איך וועל זיך ספּראַווען מיט אַלע אַרבעטן.

אַ געהילף האָב איך געפונען. דאָס איז פרידמאַנס אַכצניאָריק באָכערל. געצײַג האָט זיך אויך אָפּגעזוכט. פון מאָרגן אָן טרעט איך צו צו מײַנע נײַע פליכטן.

א נײַע גזיירע. מע האָט פאַרווערט ארויסגעבן מילך. יִידישע קינדער מעגן זיך באַגיין אָן אַזאַ לוקסוס. איך שטעל זיך ניט פֿאָר, מיט וואָס וועט מען אין אונדזערע באַדינגונגען האָדעווען די פּיצלעך, אויב ס'וועט קיין מילך ניט זײַן. גייענדיק אַנומלטן איבער דער געטאָ, האָב איך באַמערקט, אַז דאָ זײַנען פאַראַן אַ סאַך טויבן, אויף יעדן פאַל האָב איך מיטגענומען מיט זיך אַ ראָגאַטקע. קינדווײַז האָב איך גוט געשאָסן פון איר. מיט טויבן־פלייש וועלן מיר זײַן באַוואָרנט.

דאָס „נאַציאָנאַלע יִידישע מײַכל" אין געטאָ איז אַ קוגל פון קאַרטאָפל. כאָטש איך בין איצט דער מוליער, נאָר מיר האָבן דערווײַל ניט קיין באַק־אויוועלע. אַליע גייט באַקן דעם קאַרטאָפל־קוגל צו די פרידמאַנס.

די מאָגן־פּראָבלעם איז אין געטאָ אַפן ערשטן אָרט. אַלע רייד זײַנען נאָר וועגן עסן. די וואָך האָט באַמערקט, אַז מע גיט פונדעסטוועגן איבער דורך די דראָטן זאַכן און פּראָדוקטן, האָט מען אַרום דעם פּלויט געמאַכט נאָך איין דראָט־פאַרצוימונג. אין אייניקע ערטער, אויף גערסיקאַס, לאַזדאַנאַס, זײַנען די טראָטואַרן איבער דעם געוואָרן אַזוי שמאָל, אַז מע קאָן קוים־קוים דורכגיין די גאַס.

מיטן יִינגעלע פון אונדזער זאַסענהאָפער שאָכן איז פאָרגעקומען אַזאַ פאַל: ער איז געגאַנגען אויף דער גרויסער באַרג־גאַס. פּלוצעם גיט צו אים דער פּאָסטן אַ געשריי: „זשיד, שטיי, וויפל איז דער זייגער?" דאָס יִינגל פאַרקאַטשעט די הענטשקע, גיט אַ קוק אַפן זייגער און ענטפערט. נאָר דער פּאָסטן האָט שוין אָנגעשטעלט אויף אים די ביקס. „אַצינד דערלאַנג שנעלער דעם זייגער און פאַרנעם זיך". נאָך גוט, וואָס מע האָט אים ניט באַצאָלט מיט אַ קויל פאַרן זייגער. אַזעלכע פאַלן זײַנען שוין אויך געווען.

פאַרנאַכט האָבן מיר געבאָדן דאָס מיידעלע. זי ווייסט פון גאָרנישט ניט. דאָס קינד איז זיך געזעסן אין וואַנעלע, זיך געפּליושקעט, ווי אַן ענטל, געשפּילט און געפרייט זיך. זי איז אַ געזונט קינד, אַ פּוכקע, ס'איז אַ פאַרגעניגן זי אַ קניפּ צו טאָן. דימעטשקע האָט זי זייער ליב. ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז מיר שווער אַרויסצוווײַזן אויסערלעך מײַן געפיל צו די קינדער. עפּעס איז אין מיר ווי אָפּגעשטאָרבן. איך האָב בלויז איין געפיל — טאָן אַלץ, זיי זאָלן בלײַבן לעבן. מע זאָגט, אַז אַ פרײַנט דערקענט מען אין אַ נויט. בײַ אונדז מיט אַליען האָט די נויט דערוויזן, אַז מיר קאָנען איינער אָן דעם אַנדערן ניט זײַן. מיר זײַנען פריִער קיינמאָל ניט געווען אַזוי צאַרט, ניט אַרויסגעוויזן אַזויפיל זאָרג און אויפמערקזאַמקײַט איינער צום צווייטן, ווי איצט. די מינוטן, וואָס מיר זײַנען צוזאַמען, גיבן אונדז צו מוט און האָפענונג.

איך האָב באַשלאָסן בײַ זיך ווערן אַ האַרבער מענטש. קיינעם פון מײַנע פרײַנט און באַקאַנטע וועל איך אומזיסט גאָרניט מאַכן. פאַר דעם יודענראַט אַרבעט איך ביז פיר אַזייגער, נאָכדעם בין איך פרײַ און קאָן גיין צו מײַנע פּריוואַטע באַשטעלער. קיין איין מינוט וויל איך ניט פאַרלירן אויף אומזיסטע טויוועס. דאָס געוויסן לײַדט דערפון, נאָר איך האָב ניט קיין רעכט צו זײַן אַ גוטינקער. אַליעס עלטערן זײַנען געבליבן בײַ אונדז אויף די הענט, די מישפּאָכע איז גרויס. איך שטעל זיך ניט פֿאָר, ווי איך וועל אַלעמען אָנקאָרמענען.

נאָכן מיידעלע האָט אין דעם זעלבן וואַסער זיך „געבאָדן" אַליע. זי איז אַזוי אויסגעדייוועט, אַז דאָס קינדער־וואַנעלע איז איר ווי אָנגעמאָסטן. אַליע האָט זיך אויסגעבאָדן, נאָר דאָס וואַסער ניט אויסגעגאָסן. מיר שפּאָרן אײַן זייף. זי האָט אײַנגעווייקט אין דעם וואַסער וועש.

צו אַלץ ווערט דער מענטש געוווינט. פון אָנפאַנג איז אונדז געווען ניט אָנגענעם, וואָס די מאַמע הערט פון יענער זײַט ווענטל אַלץ, וואָס בײַ אונדז טוט זיך. איצט אַרט עס אונדז ניט. זיבן אַזייגער פאַרטאָג. די מאַמע איז שוין אויפגעשטאַנען. זי הייצט אײַן די פּליטע, קאָכט קאַרטאָפל, זידט אויף טיי. מע דאַרף אויפשטיין און גיין אויף דער אַרבעט. עס גלוסט זיך ניט אַרויס פונעם וואַרעמען געלעגער. אין דרויסן איז אַ גרויסער פראָסט און אין שטוב איז גאַנץ קאַלט. עס קומט צו גיין פרידמאַנס זון איזקע מיט זײַנעם אַ כאַווער — דאָס זײַנען מײַנע „געזעלן". איך נעם דאָס געצײַג, די יִינגלעך דאָס שליטעלע מיטן קאַסטן פאַר דעם מאַטעריאַל, און אונדזער דרײַלינג לאָזט זיך צו הערצמאַרקן. דער פראָסט ברענט. דער שנײ סקריפּעט, די נאָז פרירט. ביכלאַל בין איך ניט קיין ליבהאָבער פון פרעסט, נאָר דער הײַנטיקער ווינטער פרייט מיך. עס וואָלט מיך ניט געאַרט, די פרעסט זאָלן זײַן נאָך שטאַרקער.

הערצמאַרקן טרעף איך נאָך אַ האַלב־אָנגעטאָנענעם. ווי אַלע, וואָס פאַרנעמען הויכע שטעלעס, הייבט ער אָן זײַן אַרבעטסטאָג שפּעטער. ער איז אַ גוטער מאַן און אַ גוטער פאָטער. כאָטש ער זעט אויס גאַנץ יונג, האָט ער שוין צוויי דערוואַקסענע טעכטער. זײַן. איידעם איז אַ יִידישער פּאָליציאַנט. קעדיי ניט באַאומרויִקן די שטוביקע, טוט אויף הערצמאַרק אַלע אַרבעטן אינדערפרי אַליין. ער הייצט אײַן די הרובע, קאָכט קאַרטאָפל.

הערצמאַרק ווײַזט מיר אָן, ווּהין איך דאַרף גיין אַרבעטן, שרײַבט אויס אַן אָרדער אַף מאַטעריאַלן. איך מיט דער כעוורע לאָזן זיך גיין אַף דער סאַרקאַנאַ־גאַס. ס׳איז גיכער אַ פּוסטער פּלאַץ, איידער אַ גאַס. פון איין זײַט — עטלעכע הײַזער, פון דער צווייטער — צעבראָכענע פּלויטן. אַ נידעריקע שטאַל לעבן דעם מוישעוו־זקיינים. אין שטאַל זיצט אַ פאַרפרוירן באָכערל — דער פאַרוואַלטער פון שפּײַכלער. איך גיב אים דעם אָרדער און זוך בייסמײַסע מיט די אויגן, ווּ געפינט זיך דאָ די ליים. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין דרויסן, הינטערן טיפן שניי. עס געדויערט לאַנג, ביז מיר זוכן אָפּ דאָס אָרט, נאָר די ליים איז אַזוי פאַרפרוירן, אַז מע דאַרף זי שטיקערווײַז אָפּשפּאַלטן. איך לאָז איבער די ייִנגלעך בא דער אַרבעט און אַליין גיי איך אַף „יאַגד‟. מע דאַרף זיך דערמאָנען די ייִנגלשע יאָרן און אונטערשיסן אַ טויב. אַ טשאַטע טויבן גריבלט זיך אינעם מיסט אַפן הויף פונעם מוישעוו־זקיינים. איך גיי צו נעענטער און לאָז דאָס גומקעלע. אַ רגע, און דאָס לעבן פון אַ באַשעפעניש ווערט פאַרלאָשן. דערווײַל האָבן די ייִנגלעך אָנגענומען ליים. אַפן וועג צום אָרט, ווּ מיר דאַרפן אַרבעטן, באַווײַז איך אַרײַנלויפן אַהיים און אופהענגען מײַנע טראָפּייען אין קעמערל. זאָל עס זײַן אַ סורפּריז פאַר אַליען.

דער טראָטואַר אַף דער קראַנקאַס־גאַס איז ערטערווײַז אַזוי שמאָל, אַז מיר שלעפּן קוים דורך דעם קאַסטן. אַף יענער זײַט דראָטן גייען באַנאַנד מיט אונדז אַף דער אַרבעט פּונקט אַזעלכע מענטשן, ווי מיר. נאָר אונדז טיילט איצט אָפּ אַן אָפּגרונט. איך באַמי זיך ניט קוקן אַף די מענטשן, וואָס שפּאַנען פון יענער זײַט. אַזאַ געפיל האָבן מיסטאַם כײַעס אין די שטײַגן פונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן.

אָט איז דאָס הויז נומ. 5. אַלטע מאַסיווע טויערן. אַ קרומע פּאָרטקע. פון רעכטס — אַ גרויס הויז, פון לינקס — אַן אַלטע, האַלב־כאָרעווע הײַזקע. שמאָלע הילצערנע אויסגעטראָטענע טרעפּ. איך שטויס זיך אָן אַף אַ טיר, וואָס איז פאַרשטעלט מיט אַ ברעטל. איך קלאַפּ אָן איין מאָל, אַ צווייט מאָל. ענדלעך עפנט זיך די טיר. אַ מאַנסאַרדע־צימער. קרומע שוואַרצע ווענט. אין די פענצטער זײַנען עטלעכע טאַפּליעס אויסגעזעצט און פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר. קאַלט, ווי אין דרויסן. דער דיל איז, ווי אַ לאַטגאַלער וועג, — פול מיט גריבער. אין די ווינקלען — מײַזן־לעכער, פאַרשטעקט מיט פלעשער. אינמיטן צימער — אַ טיש, אַ טאַבורעט, צו וועלכן ס׳איז צוגעשפּאַרט אַן אַלטע גרויסע האַק. בא דער וואַנט — אַן אײַזערן בעטל, פאַרוואַלגערט מיט שמאַטעס. די באַלעבאָסטע פון אָט דער וווינונג האָט מיך אַרײַנגעלאָזט און אַליין איז זי גלײַך אַרײַן צוריק אין בעט. זי האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אונטער די שמאַטעס און ערשט דעמלט זיך אָנגעפרעגט, ווער זײַנען מיר און צוליב וואָס זײַנען מיר געקומען. איך האָב געמיינט, אַז זי וועט זיך דערפרייען, כ׳האָב אָבער אַ טאָעס געהאַט. זי איז צו אַלץ גלײַכגילטיק. אין אָט דעם צימער וווינט זי שוין אַ סאַך יאָרן. דער אויוון און די פּליטע זײַנען שטענדיק קאַליע געווען. אַז דער אויוון טשאַדעט שוין גאָר שטאַרק, גייט זי נעמען הייס וואַסער בא אַ שכיינע. „רעמאָנטירן דעם אויוון? — דאָס איז אַ פאַנטאַזיע פון דער דאַמע, וואָס מע האָט צו מיר אַרײַנגעזעצט. ווי גלײַך מע קאָן דאָ אַזוי ניט ווױנען... וואָלט נאָר געווען האָלץ‟...

מיט נײַגער קוק איך אַף דער זקיינע. זי איז אַלט אַ יאָר זיבעציק, צי עפּעס ווייניקער. די אונטערשטע ליפּ הענגט אַראָפּ. די אויגן זײַנען גרויסע, שוואַרצע, אָבער זיי דריקן גאָרנישט ניט אויס. אַזויפיל גלײַכגילט אין אָט דעם פּאָנעם, אַז עס ווערט שווער אַפן האַרצן.

איך באַקוק דעם אויוון און די פּליטע. אַ פריש־געבאַקענער „ספּעציאַליסט‟, וועל איך דאַרפן גוט ברעכן דעם קאָפּ, ביז איך וועל זיך דערטראַכטן, וויאַזוי דאָס אַלץ פאַריכטן. נאָר אַן אָנשטעל מאַך איך פון אַ גרויסן קענער. די ליים איז האַרט, ווי אײַזן, און איך מוז האָבן הייס וואַסער. איך זאָג וועגן דעם דער אַלטער. מיט דעם זעלבן גלײַכגילט קריכט זי אַרויס פונעם געלעגער און גייט צו די שכיינים. אַז זי קערט זיך אום, זאָגט זי אָן די בסורע, אַז וואַסער וועט זײַן.

איך אײַסעק זיך באַם אויוון און פאַרפיר מיט דער באַלעבאָסטע אַ שמועס. דאָס, וואָס אַף דער וועלט קומט פאָר, גייט איר ווייניק אָן. זי האָט קיינעם ניט. דער מאַן איז געשטאָרבן נאָך בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. וועגן זײַן טויט רעדט זי אויך, ווי וועגן אַ קלייניקײַט. „ער איז געווען אַ געזונטער מאַנצבל, געזונטע און דיקע טראָגן שלעכט איבער הונגער. ער איז געשוואָלן געוואָרן און געשטאָרבן. איך בין דאַפקע קעסיידער געווען די קראַנקע, אָבער פון הונגער שטאַרבט מען ניט אַזוי גיך‟.

בא דער אַרבעט ווערט מיר הייס. איך נעם אַראָפּ דעם מאַנטל און זוך אַן אָרט, ווּ אים אופצוהענגען. „זאָגט מיר נאָר, באָבעניו, אַף דער וואַנט זײַנען ניטאָ קיין וואַנצן? מע מעג אופהענגען דעם מאַנטל?‟ „וואָס פרעגט איר, וואָס? אַוודע פאַראַן אי וואַנצן, אי לײַז. נאָר מוירע האָבן דאַרף מען ניט. אין אַזאַ קעלט קריכן זיי פון די לעכער ניט אַרויס. אַז די מאַדאַמעטשקע

וועט אויסהייצן, וועלן זיי ערשט דעמלט אַרויס־קריכן אַף דער וואַנט. אַצינד זײַנען זיי נאָר אַט אַ־דאָ״, און זי באַווײַזט מיט דער האַנט אַף איר בעט. עס ווילט זיך מיר מיט איר ניט שמועסן און איך גיי אַליין נאָך הייסן וואַסער. איינוועגס וועל איך כאַפּן אַ קוק אַף אירע שכנים.

די טיר בא די שכנים איז באַשלאָגן מיט אַן אַלטער קאָלדרע. אין שטוב לאָזט מיך אַרײַן אַ קליין מיידעלע. מע דערקענט באַלד, אַז דאָ וווינען מענטשן דאָס גאַנצע לעבן. דאָס צימער און די קיך זײַנען קימאַט אין דעם זעלבן צושטאַנד, ווי בא דער זקינע. נאָר אַף די פענצטער הענגט עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף דערמאָנען פאָרהענגלעך: איך וואָלט זיך אָבער ניט אונטערגענומען טרעפן, וואָס פאַר אַ פאַרב זיי האָבן געהאַט, ווען זיי זײַנען געווען נײַ.

די מישפּאָכע איז אַ גרויסע: עטלעכע פּיצעלעך קינדער, נאָך עטלעכע עלטערע קינ־דער, דערוואַקסענע און זקינים. די בעטן, ווײַזט אויס, פאַרבעט מען דאָ קיינמאָל ניט. אין שטוב שמעקט מיט קינדערשעווינדעלעך, מיט ציבעלע, שוייס, סאַזשע. די דאָזיקע מענטשן לעבן אַזוי פון דויר־דוירעס.

אין געטאָ.

סקולפּטור פון ע. ריוואָש.

דאָס וואַסער האָט זיך נאָך ניט אָנגעוואַרעמט און איך קער זיך אום צו מײַן באַלעבאָסטע. מײַנע געהילפן האָבן קימאַט ניט וואָס צו טאָן, קוקן זיי ווי איך אַרבעט. פון דער קאַלטער ליים פרירן די הענט. איך מוז זיי אַלעמאָל אײַנטונקען אין הייסן וואַסער. איך אײַל זיך, באַלד איז שוין פיר אַזייגער און איך דאַרף נאָך הײַנט גיין צום קונד, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט מאַכאָרקע און צוויי אייער.

---

אַ גרויס שטיינערן הויז. אַמאָל איז דאָ געווען אַ קלייט. דער דיל איז פון צעמענט. די ווענט — שטיינערנע. עס הענגען נאָך די פּאָליצעס. מאָדנע זעען אויס די פּראַקטיקע ווייכע אָטאָמאַנקעס און די עטאַזשערקע פון רויטן האָלץ — סימאָנים פון פריִערדיקן ווױלטיק. מײַן קונד, זײַן מוטער און די שוועסטער זעען אויך אויס ווי מענטשן, וואָס דאָס לעבן האָט זיי געבאַלעוועט. איצט האָט זיי פאַרוואָרפן אין דעם דאָזיקן געוועלבל. דער באַלעבאָס אַרבעט אין שטאָט בא די דײַטשן. ער האָט אַ מעגלעכקײַט לייענען זייערס אַ בלעטל. אָפן גאַנצן פראָנט שלאָגן די דײַטשן אָפּ אַטאַקעס פון די סאָוועטן. אין איניקע ערטער האָט די רויטע אַרמיי דערפּאָלגן. די דײַטשן פרירן געפערלעך. זיי זײַנען ניט צוגעגרייט צו דער ווינטער־קאַמפּאַניע. ווײַזט אויס, אַז דאָס איז טאַקע די סיבע, וואָס לעבן טויער האָט מען אָנגעהויבן נאָך מער שלאָגן. וואָס ערגער עס איז די לאַגע אָפן פראָנט, אַלץ מער צערייצט ווערן די דײַטשן, אַלץ ערגער ווערט אונדז אין געטאָ. דאָס איז אַ זיכערער באַראָמעטער. דער קונד מײַנער קוקט אַף זײַן געוועלבל פון פילאָסאָפישן שטאַנדפּונקט, ווי אַף אַ צײַטווײַליקער וווינונג. ער איז ביכלאַל פול מיט לעבן און אָפּטימיזם. ס׳איז אָנגענעם באַגעגענען אַזעלכע מענטשן.

פאַר אַ שאָ האָב איך דאָ אַלץ אָפּגעטאָן. אַ גוט שטיקל אַרבעט. פאַרן ערשטן טאָג איז דאָס זייער גוט: צוויי טויבן, צוויי אייער פאַר די קינדער און אַ פּעקל מאַכאָרקע — וואָס קאָן זײַן בעסער?

אַליע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט די טויבן. זי האָט זיי שוין אָפּגעקאָכט. איך בין פאַרשמירט, ווי אַ קוימענקערער, נאָר די שטימונג איז אַ גוטע. איך האָב זיך הײַנט איבערצײַגט, אַז ווינטער־צײַט איז אַ מוליער אין געטאָ פונקט אַזאַ וויכטיקע פּערזאָן, ווי אַ דאָקטער בעשאַס אַן עפּידעמיע. כ׳האָב זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעגעסן און בין אַוועק צו פרידמאַנען. מע דאַרף צאָלן כוויוועס. ער האָט מיר אַנומלטן געגעבן אַ ביסל מאַכאָרקע אין אַ שאַכטעלע פון שוועבעלעך. און איצט בין איך דער גוויר און קאָן אים מעכאַבעד זײַן. פרידמאַן האָט אַ גאַנץ ווילע וווינונג: אַ צימער און אַ קליין קיכל. זײַן פרוי איז אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ און אַ גרויסע בעריע. אין שטוב גלאַנצט. ווי פיל מישפּאָכעס אין געטאָ, האָבן זיי אויך זייער אייגענעם אומגליק. כאָץ די

צוויי יִנגלעך, — מײַן געהילף און נאָך אַ יִנגל פון אַ יאָר זעכצן, — איז בא זיי דאָ אַ מיידעלע פון צוועלף יאָר, נאָר זי איז נעבעך אַ קאַליקע, מיט טרוקענע פיסלעך. זי איז ניט העכער פון דימען. גאַנצע טעג זיצט זי און שנײַדט אויס שפּילעכלעך פון פּאַפּיר, נייט שמאַטקעלעך, סילעט קאַרעלן. זי רעדט מיט פאַרשטאַנד, ווי אַ דערוואַקסענע, און איז שטענדיק טרויעריק. זי האָט ליב, אַז ס'קומען צו איר קינדער. דאָס מיידעלע האָט מען אין דער מישפּאָכע זייער ליב.

בייס איך האָב געשמועסט מיט פרידמאַנען, איז אַרײַנגעגאַנגען זײַנער אַ שאָכן. ער האָט דערציילט, אַז הײַנט האָט ער געאַרבעט אין ביקערניִעקער וואַלד. כאָטש ער איז שטאַרק דער־פרוירן געוואָרן, איז ער מיט דער אַרבעט צופרידן. מע האָט אין וואַלד געגראָבן טיפע טראַנשייען, ניט אַנדערש, אַז מע קלײַבט זיך בויען פאַרפעסטיקונגען. און דאָס באַטײַט, אַז מע וואַרט אָף אַ סאָוועטישן אָנגריף. בא אונדז, בא די אָפּטימיסטן, האָט זיך אַנטוויקלט די אייגנשאַפט צו זען אין אַלץ, וואָס עס קומט פאָר, נאָר דאָס גוטע. איך ווייס ניט, צי ס'איז קלוג, צי נאַריש, יעדנפאַלס ווערט דערפון לײַכטער צו לעבן. איך האָב זיך געמאַכט פאַר אַ קלאַל: ווען איך זאָל ניט זײַן צווישן מענטשן, זאָל איך זײַן שטענדיק מונטער, האָפערדיק. מענטשן האָבן ליב, אַז אַנדערע האַלטן זיי אונטער אין זייערע האָפענונגען. איך בין זיכער, אַז מע גראָבט די טראַנשייען ניט צוליב בויען פאַרפעסטיקונגען. נאָר צוליב וואָס? דאָס ווייס איך ניט. צי דען צוליב אונדז?.. איך טרײַב פון זיך אָפּ די אומזיניקע געדאַנקען.

---

בא אונדז אין שטוב איז דאָס לעבן געוואָרן סטאַביל. איין טאָג איז ענלעך אָפּן צווייטן. אין מײַן אָפּוועזנהײַט זײַנען בא אונדז געווען אַ סאַך באַקאַנטע. בא אַלעמען דאַרף מען עפּעס פאַריכטן. אַליע האָט פאַרשריבן די באַשטעלונגען. די מאַמע האָט אויך פאַר מיר אַ דרינגענדיקע אַרבעט: גריגאָרי יאַקאָוולעוויטש ראַם נייטיקט זיך אין מײַן הילף. ער דאַרף, מע זאָל אים אין אַ בענקל אויסזעגן אַ לאָך, ער איז זייער קראַנק. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַלט זיבעציק יאָר, פאַרבט ער אויך איצט די וואָנצן. דאָס איז אַ טיפּ פון אַ רוסלענדישן אינטעליגענט פון די יאָרן 1900—1905. אין דער יוגנט — אַ רעוואָליוציאָנער, נאָכדעם — אַן אידייִשער לערער (איך האָב זיך אויך בא אים געלערנט לייענען און שרײַבן). בייס די קאַניקולן פלעגט ער אַרומפאָרן אַלס טוריסט. ביז איצט רעדט ער מיט טרערן אין די אויגן וועגן פּאָמפּיי, ציפּערן, לוווּר. זײַן גאַנץ לעבן איז אַוועק בא ביכער, קונסט. ער האָט זיך קעסיידער אַרומגעטראָגן מיטן טרוים וועגן אידעאַלער פרויען־שיינקײַט. איצט וועט גריגאָרי יאַקאָוולעוויטש אין זײַן קליין קעמערל אין דער אָנוועזנהײַט פון זײַן פרוי מוזן אָפּטאָן אַלע באַדערפעניש.

פאַראַן קלייניקײַטן, וואָס ווירקן שטאַרקער איידער גרויסע געשעענישן. עמעצער האָט פאַר צירונג אָפּגעקויפט בא אַ פּאָליציאַנט אַ צעטל פון די ייִדן, וואָס געפינען זיך אין טורמע. אינעם צעטל פיגורירט אויך זאַכאַר לוואָוויטש. מאַריאַ איוואַנאָוונאַ גייט אַרום אַ צעטומלטע. סעריאָזשע פּרוווט זיך דערוויסן עפּעס גענויער. גיכער פאַר אַלץ איז דאָס אַ ליגן. די פּאָליציאַנטן פאַבריצירן אַזעלכע צעטלען לויט דעם טעלעפאָן־בוך און שלעפּן פאַר זיי אַרויס דאָס לעצטע ביסל גוטס בא די ייִדן, זיי האָבן דערפונדן אַ נײַעם מין סכוירע — ביטאָכן. פאַר ביטאָכן צאָלט מען מיט גאָלד.

אין געטאָ איז שטאַרק אַנטוויקלט דער אויסטויש־האַנדל. האָלץ בײַט מען אָף קאַרטאָפל, שקאַרפּעטקעס — אָף טאַבעק, אַ העמד — אָף גלאָז פאַר די פענצטער... איך האָב אויך אויסגעביטן עטלעכע אַלטע ברעטער און אַ ביסל האָלץ אָף שטיוועלעך פאַר אַליען. זיי פּאַסן איר זייער און ס'וועט איר זײַן וואַרעם און טרוקן אין די פיס. איך בין אַזוי פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, אַז איך באַוויַז ניט אַלץ אָפּטאָן פאַרן טאָג. דעם גאַנצן אָוונט פאָרע איך זיך באַם ווערסטאַק. פאַר איינעם מאַך איך ראַמען צו די פענצטער, פאַרן אַנדערן אַ שליסל. הרובעס פאַריכט איך שוין גאַנץ פלינק. די קונדן זײַנען צופרידן. טויבן קלעקן אויך. אַלע טאָג שיס איך אונטער אַ פּאָר. אויב ס'וועט אַזוי גיין ווײַטער, וועלן מיר ניט שטאַרבן פון הונגער.

מיט יעדן טאָג ווערט אין געטאָ אַלץ מערער אָרעמעלײַט. מע גייט איבער די הײַזער. ס'איז זייער שווער צו וויסן, ווער איז אַן „עמעסער" אָרעמאַן. פאַראַן דרײַ קאַטעגאָריעס אָרעמעלײַט: די ערשטע — בעפיירעש אָרעמע מענטשן, וואָס לעבן פון צופעליקע נעדאָוועס. די צווייטע — פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס קלײַבן נעדאָוועס איז זייער פאַך. זיי לעבן, אַלס קלאַל, בעסער איידער יענע, וואָס שענקען זיי אַ נעדאָווע. די דריטע קאַטעגאָריע איז די סאַמע טשיקאַווע — אַ פּראָדוקט ספּעציעל פון געטאָ. דאָס זײַנען מענטשן, וואָס בא זיי האָט די שרעק צו שטאַרבן פאַר הונגער אָנגענומען אַ פּאַטאָלאָגישן כאַראַקטער. צו זייערע אייגענע שפּײַז־פּראָדוקטן רירן זיי זיך ניט צו. איבער דער קאָנקורענץ לײַדן איבערהויפּט יענע, וואָס הונגערן אינדערעמעסן.

פאַראַן אויך אַנדערע מינים אָרעמע מענטשן. זיי בעטלען ניט. איינעם אַזאַ האָב איך געזען אין אַ הויף אָף סאַרקאַנאַ־גאַס. ער האָט געזוכט אין אַ מיסטגרוב קאַרטאָפל־שאָלעכץ. דער מענטש

האָט זיך געהיט, מע זאָל ניט זען, וואָס ער טוט. איך האָב גלײַך דערקענט, אַז ער איז ניט קיין בעטלער און אַז ער טוט עס, מעגלעך, צום ערשטן מאָל. מיך האָט ער באַמערקט, ווען איך בין שוין געשטאַנען לעבן אים. ער האָט זיך פֿאַרשעמט און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זוכט עפּעס אַנדערס. צי דאַרף מען זיך נאָך אין אונדזער לאַגע שעמען?

ביכלאַל איז זייער אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן מענטשן. אַ מורעשקעס־בערגל אין וואַלד מאַכט אַף אַ צופֿעליקן דורכגייער קיין שום רושם ניט. אַלע מורעשקעס זײַנען אַלצייניס. אַ באַהאַוונטער מענטש ווייסט אָבער, אַז אין אַ מורעשקעס־בערגל גייט אָן אַ פֿאַרשיידנאַרטיק לעבן: פֿאַראַן דאָרט אַ קיניגן, אַרבעטער, ליידיקגייער, געפֿאַנגענע, קנעכט. אַזוי איז אויך אין געטאָ. אויסערלעך איז אַלץ גרוי, מעטושטעש, אָנגעשראָקן, האַלב־הונגעריק. ווען מען עס קומט אָבער אויס, ווי מיר, אַשטייגער, צו זײַן אין אַ סאַך שטיבער און האָבן צו טאָן מיט אַ סאַך מענטשן, זעט ער, אַז עס איז ווײַט ניט אַזוי איינאַרטיק. עס איז פֿאַראַן דאָ אַ טורמע, וווּהין מע זעצט אײַן גאַנאָווים, פֿאַראַן פּראָסטיטוטקעס, אַפֿילו געהיימע שאַנדהײַזער, גלײַכצײַטיק זײַנען אין שפּיטאָל אַף לודזאַס־גאַס פֿאַראַן דאָקטוירים, וואָס מאַכן שווערע אָפּעראַציעס, אין מוישעוו־זקיינים אַף סאַדאָוויקאָווער גאַס זיצט אין אַ קעמערל דער פּראָפֿעסאָר דובנאָוו און שרײַבט זײַן ייִדישע געשיכטע...

אַלע טאָג קומען פֿאַר אין געטאָ עטלעכע לעווײַעס. דעם באַרמינען באַגלייט אין לעצטן וועג נאָר די מישפּאָכע. מערסטנטייל זעט מען, ווי איבער לודזאַס־גאַס, וואָס פֿירט צום בעסוילעם, שלעפּן זיך נאָך דעם שליטן מיטן שוואַרצן קאַסטן אַ צוויי־דרײַ מענטשן. אָפֿט טראָגט זיך דער שליטן מיטן אָרן אַפּגיך. דאָס באַטײַט: דער מענטש האָט אינגאַנצן קיין קרויווים ניט.

---

אַף דאָוגאַווּפּילסער גאַס האָב איך געאַרבעט אין צוויי וווינונגען, באַ צוויי שכיינים — לאַכלוטן פֿאַרשיידענע מענטשן.

די ערשטע וווינונג געהערט צו יאַעלסאָנען, וואָס האָט געהאַט אַמאָל אין ריגע אייגענע הײַזער און אַ שירעם־פֿאַבריק. לעבן דער טיר האָט זיך געפֿאָרעט אַ שלאָסער. ער האָט אַרײַנגעשטעלט אָן ענגלישן שלאָס, געמאַכט אַ קייטל און פֿאַרוקערס. יאַעלסאָן איז געשטאַנען לעבן אים און געגעבן „אייצעס“.

די פּליטע איז דאָ אין אָרדענונג, זי פֿרעסט נאָר אַ סאַך האָלץ און מע דאַרף זי איבערלייגן, זי זאָל ווערן שפּאָרעוודיקער. הייס וואַסער קריג איך באַם הויז־וועכטער. די ייִנגלעך גרייטן צו די ליים. איך צעוואַרף די פּליטע.

יאַעלסאָן איז אַליין פֿון קורלאַנד, ער האָט באַקומען אַ דײַטשישע דערציִונג. ער איז אַלט אַ יאָר זעכציק, האָט אַ פֿרוי, אַ טאָכטער און אָן אייניקל. זיי האָבן פֿאַרגרייט אַ סאַך פּראָדוקטן. אין דער קיך זײַנען אָנגעשטעלט פֿאַרשיידענע קאַסטנס, באַנקעס. עס שמעקט מיט קאַקאָ און עמעסן ייִדישן וווּרשט.

באַ דער אַרבעט האָב איך פֿײַנט, אַז מע קוקט מיר אונטער די הענט און מע האַלט מיר אין איין געבן אייצעס, דערצו נאָך נאַרישע. יאַעלסאָן האָט אָבער מוירע אַפֿילו אַף אַ מינוט פֿאַרלאָזן די קיך, מע זאָל עפּעס כאָלילע ניט אַוועקלאַקכענען. מיך קען ער ניט, איך וועגן אים האָב אָבער אַ סאַך געהערט. איך בין זײַנער אַ שטיקל קאָרעוו, כאָטש ער ווייסט ניט דערפֿון.

מיר פֿאַרפֿירן אַ שמועס: „זאָגט, איך בעט אײַך, איר זײַט פֿריִער אויך געווען אַ מולייער?“ „ווי אַנדערש, ס׳איז דאָך מײַן פֿאַך“. „איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז ס׳זײַנען פֿאַראַן ייִדן־מולייערס... ווי רופֿט מען אײַך?“ „ריוואָש“. „אַ קענטלעכע פֿאַמיליע, פֿון וואָס פֿאַר אַ ריוואָשעס שטאַמט איר, וויִאַזוי האָט געהייסן אײַער פֿאָטער?“ „יוסעף“. „וואַרט אַ רעגע, אײַער מאַמע רופֿט מען ריווקע?“ „יאָ“. „גאָט מײַנער! אַנע, אַנע, קום נאָר אַהער, אָט דער מולייער איז יאָסל ריוואָשעס אַ זון!“

ס׳קומט אַרײַן זײַן פֿרוי און קוקט אַף מיר, ווי אַף אַ בייז־ווונדער. מע זעט מאַמעש, ווי זיי באַדויערן מיך. „איך פֿאַרשטיי ניט, איר האָט זיך ניט געקאָנט אויסלערנען עפּעס לײַטישערס? יאָסל ריוואָשעס אַ זון — אַ מולייער!“ איך ענטפֿער אים: „איצט איז שוין ניט קיין גרויסער אומגליק פֿאַר אײַך האָבן אַ קאָרעוו אַ מולייער, אַלנפֿאַלס איז דאָס מער קאָוועד, ווי צו זײַן אַ פֿאַבריקאַנט“. מיר ווילט זיך נאָך אַ רייץ טאָן אים: „זאָגט נאָר, הער יאַעלסאָן, וואָס דאַרפֿט איר אַזוי נייטיק די אַלע פֿאַרוקערס און קייטעלעך. איר האָט מוירע פֿאַר אַ גאַנעוו, צי עפּשער פֿאַר־שפּאַרט איר זיך פֿון די דײַטשן? איר קלאָגט זיך דאָך, אַז איר האָט דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן אָנגעווירן, איז דאָך ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן פֿאַר אַ גנייווע, און פֿון די דײַטשן וועט איר זיך סײַווי ניט פֿאַרשליסן“...

אַך, ס׳אַרא אויסוווּרפֿן עס זײַנען פֿאַראַן אַף דער וועלט! איך וויל שוין גיכער זיך אָפּפּאַטיקן מיט דער אַרבעט, ווײַל דער דאָזיקער פֿאַרשוין האָט מיך אַרויסגעפֿירט פֿון די קיילים. פֿאַר זײַן

געלט וויל ער באקומען וואָס מערער, ער קוקט נאָך, אז איך זאָל די ארבעט מאכן פײַנער און שנעלער. ער האָט נאָך געוואָלט, אז מײַנע ייִנגלעך זאָלן אים וואשן דעם דיל, נאָר איך האָב עס ניט דערלאָזט, דאָס זײַנען מיר ניט מעכויעוו צו טאָן.

מיר גייען אריבער ארבעטן אין דער צווייטער וווינונג. איך קלאַפּ אָן, קיינער ענטפערט ניט. איך נעם זיך פאר דעם הענטל פון דער טיר — זי איז ניט פארמאכט. א קיך. נאָך א טיר. פון הינטער איר דערהערט זיך א קאָל: „ריבוינעשעלוילעם, ווען וועל איך שוין פּאָטער ווערן פון די צאָרעס, ווען וועט נעמען אָן עק?״ דאָס קאָל איז פול מיט ייִעש. און ווידער: „כאַיִם, כאַיִם, דאָס ביסטו? גיי שוין ארײַן. וואָס האלטסטו אין איין ארומלויפן?״

איך עפן די טיר. דאָס ערשטע, וואָס איך דערזע, איז א בעט, אין וועלכן ס׳ליגט אָן אויסגעמאטערטע פרוי, לעבן איר אונטער דער קאָלדרע — א קינד מיט א פארבונדענעם האלדז. אפן דיל לעבן די פיסלעך פון בעט זיצן צוגעדריקט איינס צום אנדערן נאָך דרײַ קינדער. אין שטוב שטייט אָן עמער און א בענקל, דאָס איז דאָס גאנצע פאַרמעגן. איך זאָג דער פרוי, אז מיר זײַנען געקומען צורעכט מאכן די פליטע און די הרובע. „גוט, ס׳איז אוואדע גוט, נאָר בעסער וואָלט שוין דער מאלעכהאמאָוועס צו מיר געקומען. אוי, גאָט אין הימל, וואָס וועט זײַן דער סאָף דערפון?״ איך פרעג זי, מיט וואָס זאָל איך איר העלפן. „מיר האָבן ניט, מיט וואָס צו הייצן און וואָס צו עסן. נאָר דער מאלעכהאמאָוועס קאָן אונדז שוין העלפן״. אין קיך שטייט א דערשלאָגענער, א נעבעכדיקער מענטש, ווײַזט אויס איר מאן, כאַיִם הייסט ער. לאנג זיך פארנעמען מיט באַאבאכטונגען האָב איך קיין צײַט ניט. מע דארף ארבעטן. כאַיִם הייבט אָן ארומהאַווען. ער איז אוועק נאָך הייסן וואסער. איך זע מאמעש, ווי ער האָט אופגעלעבט. ס׳איז אים, אפּאָנעם, שרעקלעך צו זײַן אליין מיט דער מישפּאָכע און ער איז צופרידן, וואָס מענטשן זײַנען געקומען.

אין קיך איז האלב-פינצטער. א שטיק פענצטער איז פארקלעפּט מיט פאפיר. אפּן דיל שטייען עטלעכע טעפּלעך, קויטיק געפעס, א קוישל מיט געפרווירענע קארטאָפל, א קעסטל און — דאָס גאָר. ס׳איז מוירעדיק קאלט. ווידער דערהערט זיך פון הינטער דער טיר: „כאַיִם, כאַיִם, אָף וועמען לאָזט איך דיך איבער, וואָס וועסטו טאָן אָן מיר מיט אָט די ווערעמלעך, ביסט דאָך אזא שלימאזל, אזא טויגעניכטס. גאָטעניו, לאָמיר שוין אלע באקומען די מיסע-מעשונע!״

אָט שילט זי אים, אָט קלאָגט זי איבער אים, ס׳איז שווער צו הערן אירע געשרייען. און ווי שווער דארף זײַן כאַיִמען! כאַיִם קוקט מיט נײַגער, ווי מיר ארבעטן. ווו ער קאָן, העלפט ער אונדז, טראָגט עפּעס צו, דערלאנגט. ער וויל מיט עפּעס צוניצקומען. דאָס איז ניט יאָעלסאָן.

מע קלאַפּט אין טיר. כאַיִם עפנט אוף. עס קומט ארײַן א יונגערמאן. ער רעדט דײַטש מיט א מאָדנעם אקצענט. שוין דרײַ טעג, אז ער האָט גאָרנישט ניט געהאַט אין מויל. אין געטאָ האָט ער קיינעם ניט. ער איז א טשעכישער עמיגראנט. עפשער קאָן מען אים עפּעס געבן. ניט ריידנדיק קיין וואָרט, שלעפּט כאַיִם פון ערגעץ ארויס א ווארעם טעפל מיט געקאָכטע קארטאָפל און דערלאנגט זאלץ. „עסט פונעם טעפל, וועלן זיי ניט פארקילט ווערן. עסט, וויפל איר ווילט. קארטאָפל האָבן מיר״. דער מענטש זעט, אז דער באלעבאָס איז א ביטערער אָרעמאן, נאָר ער איז הונגעריק, עסט ער. ווען ער האלט שוין באם אוועקגיין, שטופּט אים כאַיִם ארײַן אין קעשענע מיט גוואלד נאָך עטלעכע קארטאָפל.

פארנאכט גיי איך אף פריוואטער ארבעט צו רעוועקא אבראמאָווונא ליכטענבערג. אליע וויל, איך זאָל בא איר גאָרנישט ניט נעמען פאר דער ארבעט, ווײַל זי איז ליוסיעס א נאָענטער פרײַנט. נאָר איך בין ניט מאסקים. איך בין ניט אזוי באפרײַנדעט מיט ליוסיען, איך זאָל פּאַטערן צײַט און מאטעריאל פאר אירע באקאנטע. אליע זאָגט, אז איך בין א כאַזער. זאָל זײַן אזוי!

רעוועקע ליכטענבערג וווינט מיט נאָך א פרוי אף לודזאס-גאס אין א קליין נידעריק צימערל, אָן שײַן און אָן וואסער. איך פיר בא זיי דורך עלעקטרע. וואָס שײַעך וואסער, קאָן איך ניט העלפן. רעוועקא אבראמאָווונא זאָרגט זיך וועגן דעם, ווו עס וועט וווינען איר זון, ווען ער וועט קומען. ער איז אין טורמע. זי לעבט נאָר מיטן געדאנק וועגן זון און קלערט גאָר ניט, אז עס קאָן טרעפן, ער זאָל ניט קומען. זי היט אָפּ אלע זײַנע זאכן. אפילע טאבעק און סיגארעטן האָט זי צוגעגרייט פאר אים. זי בעט, איך זאָל באהאלטן זײַנע מאלבושים. פאר דער ארבעט באקום איך א שאכטל מיט פערלגרויפּן און א פּעקל טאבעק. איך זאָג איר צו אומצוקערן דאָס פעקל טאבעק ווי נאָר דער זון וועט ווערן באפרײַט.

ביסלעכווײַז ווער איך א „קאָמבינאטאָר״. איינער דארף ארײַנשטעלן א שויב, נאָר ער האָט קיין גלאָז ניט. ער זאָגט מיר צו דערפאר א סלאָי אײַנגעמאכטס. אָן אנדערער דארף, מע זאָל אים מאכן פּאָליצעס. איך ווייס, אז ער האָט אָנגעגלאָזטע פּאָרטרעטן פון די עלטערן. נעם איך בא אים דאָס גלאָז פון די פּאָרטרעטן און מאך דערפאר פּאָליצעס. דאָס גלאָז נוץ איך אויס אף ארײַנשטעלן די שויב. האָב איך שוין א סלאָי אײַנגעמאכטס פאר דימען און דעם מיידעלע. עס

פאסירט, אז איך פארפלאָנטער זיך אין די כעזשבוינעס און ווייס ניט, וואָס בא וועמען דארף איך באַקומען און בא וועמען וואָס דארף איך טאָן.

א נײַער באפעל: אלע יידן זײַנען מעכויעוו דרינגענדיק מעלדן דער פּאָליציי וועגן די ניט־יידן, וואָס באהאלטן זיך אויס אין געטאָ. אויב דער דאָזיקער באפעל וועט ניט אויסגעפילט ווערן, וועט פּאָראַנטוואָרטלעך זײַן די גאנצע געטאָ. מע זאָגט, אז אין געטאָ באהאלטן זיך אויס דײַטשישע דעזערטירן. א באקאנטער יידישער פּאָליציאַנט האָט מיר דערציילט, אז ס'איז געווען אן אַבלאַווע. צוויי דעזערטירן האָט מען געכאַפּט. וועדליק ער האָט אויסגעמאָלט, איז איינער פון זיי יענער אָרעמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעגעבן פאר א טשעך.

---

שאבעס ארבעט איך ניט פארן יודענראַט, בין איך דערפאר אָבער נאָך מער פארנומען מיט דער פּריוואַטער ארבעט. אין דעם טאָג באדין איך מײַנע גוטעפרײַנט. בא זיי נעם איך איצט פאר דער ארבעט גאָרניט. איך האלט זיך מער ניט אזוי שטרענג בא מײַן פּרינציפּ. אָבער הײַנטיקן שאבעס האָב איך באשלאָסן אָפּרוען זיך און אינערגעץ ניט גיין. פאר דער וואָך האָב איך פארגרייט טויבן העכער דער נאָרמע. די מאמע באלעוועט אונדז הײַנט. זי דערלאנגט אונדז טיי אין בעט.

מיר ליגן אינדרײַען — איך, אליע און דימע. די מאמע ברענגט נאָך צו טראָגן דאָס מיידעלע. גוט, וואָס דאָס בעט איז ברייט. איך האָב ניט באמערקט, ווי גיך לידעטשקע איז פאר די לעצטע וואָכן אויסגעוואַקסן. זי איז שוין גאָר ניט די, וואָס אין זאַסענהאָף. זי רעדט עפּעס אָף אן אויסלענדישער שפּראַך, אין וועלכער עס טרעפן זיך אויך איניקע באקאנטע ווערטער. ס'איז א קליין, נאָר שוין א פּאָלנע מענטשעלע. דימע האלט, אפּאָנעם, אז זי געהערט צו אים, און שטאָלצירט מיט איר גוואַלדיק. ער באמיט זיך באַווײַזן מיר אירע מײַלעס.

דאָס פּאַפּיר אָף די פענצטער איז פארהייבן, און די זון פארפלייצט דאָס גאנצע צימער. אין דרויסן איז אלץ ווײַס. אָף די סלופּיקלעך פונעם פּלויט — גרויסע ווײַסע היטלען. א שיינער ווינטער־טאָג. אָט אין אזעלכע מינוטן, אין דער ווארעם, צוזאמען מיטן ווײַב און מיט די קינדער, פארגעסטו, וואָס פון יענער זײַט וואַנט קומט פּאָר.

ס'וווערט שפּעט. צײַט אופשטיין. ביז מע וועט אופראמען און דורכלופטערן די שטוב, גיי איך ארויס מיט דימען אין דרויסן. דימע זעצט זיך אפן שליטל און מיר לאָזן זיך שפּאצירן. די זון און דער שניי שנײַדן די אויגן. מיר ווילן מאכן א שניי־מענטש, נאָר דער שניי איז טרוקן.

אז מיר קערן זיך אום, זעץ איך זיך אוועק באקוועם אפן בעט, נעם דימען צו זיך אָף די קני און לייען אים פּושקינס א מײַסעלע. די מאמע און אליע פּאָרען זיך בא דער פּליטע. צו אונדז דערגייען די רייכעס פון געקעכטס. אפן טעפּעך שפּילט זיך לידעטשקע מיט טשארלין. זי וויל אים אלץ אָנכאפּן באם עק, וואָס ער האָט ניט. די קאץ זיצט אפן פענצטער און קוקט מיט גיריקע אויגן אָף די שפּערלעך. ס'איז הײַנט געמיטלעך בא אונדז אין דעם קליינעם שטיבעלע. די צײַט גייט. אָט קלאפּט שוין סאמויל לוואָוויטש מיטן שטעקן אין פענצטער.

אונדזערע אלטע לײַט זײַנען געקומען מיטיק עסן. טשארלי דרייט זיך בא דער טיר און באגעגנט זיי מיט א פריילעכער בילערײַ. איך האָב די אלטיטשקע שוין א טעג פינף ניט געזען. מיר שטעלן א טישל צווישן דעם פענצטער און דימעס בעטל. באם טישל איז אזוי ענג, אז נאָר אליע קאָן זיך אופהייבן פון אָרט. אלע איבעריקע מוזן זיצן אומבאוועגלעך, אז ניט וועט דאָס גאנצע געבײַ זיך צעפאלן. אליע און די מאמע היטן נאָך אלץ די קולטור־טראדיציעס: זיי דערלאנגען מעסערס, גאָפּלען, סערוועטקעס. אלץ, ווי אמאָל. א מיטיק איז הײַנט בא אונדז, ווי אין „רוימישן קעלער": א זופּ פון צעריבענע פּערלגרויפּן, געבראָטענע טויבן מיט קארטאָפל, טיי מיט אײַנגעמאכטס, וועלכע אליע דערלאנגט נאָר לעקאָוועד דעם זעלטענעם שאבעס, ווען איך בין אין דער היים.

נאָכן מיטיק איז געקומען ציליע און אוועקגעפירט דימען שפּאצירן. אנא גריגאָריעוונא ניאנטשעט דאָס מיידעלע. די מאמע איז אוועק צו אירע פרײַנט, און איך מיט אליען האָבן זיך צוגעלייגט. מיר לייענען. אזוי פארברענגען מיר א גאנצן טאָג „אויסער דער געטאָ", קיין איין מאָל ניט פארפירט קיין שמועס וועגן אונדזערע צאָרעס. א שאָד, וואָס די ווינטער־טעג זײַנען אזוי קורץ. באלד וועט ווערן נאכט. און מאָרגן — ווידער געטאָ. לייענענדיק, זײַנען מיר אנשלאָפן געוואָרן. די מאמע האָט מיך אופגעוועקט, איך זאָל פארמאסקירן די פענצטער. די אלטיטשקע אונדזערע זײַנען שוין ניטאָ. דער טאָג איז פארבײַ. אונדזער יאָמטעוו איז אוועק. ער איז געווען דער איינציקער. מער וועלן אזעלכע טעג ניט זײַן. עס וועט אפילע ניט זײַן, ווער ס'זאָל זיך דער־מאָנען אין זיי.

קלאַנגען. קלאַנגען אָן אַ שיר. איך גיי צו הערצמאַרקן נאָך אינסטרוקציעס וועגן דער אַרבעט. ער איז אין יודענראַט אַן אייגענער מענטש און ווייסט, וואָס עס טוט זיך דאָרטן. הערצמאַרק איז אויסער זיך. די אַרבעט גייט אים הײַנט ניט אָן. עס זײַנען דאָ וויכטיקערע זאַכן. די דײַטשן האַלטן, אַז אַ גרויסער טייל פון דער יִדישער באַפעלקערונג ווערט ניט אויסגענוצט ווי עס באַדאַרף צו זײַן. זיי ווילן אַרויספירן פון אונדזער געטאָ אַלע אַרבעטספײַיִקע מאַנצבלעך, איבערלאָזן בלויז יענע, וואָס אַרבעטן פאַר דעם יודענראַט. דאָס וואָלט נאָך געווען אַ קליינע צאָרע. עס איז אָבער פאַראַן אַן אַנדער וואַריִאַנט: אין געטאָ איבערלאָזן נאָר די אַרבעטספײַיִקע מאַנצבלעך, און די איבעריקע, צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער, אָפשיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, מעגלעך אַפילו אין רעזערוואַט — דאָס הייסט קיין לובלין. די געטאָ דאַרפן די דײַטשן, קלוימערשט, פאַר אַנדערע צוועקן. דאָס זײַנען דערווײַל ניט מער ווי קלאַנגען, נאָר עפּעס אַ גרונט האָבן זיי.

עס איז שווער צו פאַרשטיין, וואָס האָבן אײַנזינען די דײַטשן מיט זייערע פאַראָרדענונגען. ערשט די טעג האָט דער יודענראַט באַקומען אַ באַפעל אויסבויען אַ באָד, אַן „ענטלאַוזונגס־אַנשטאַלט“, אָרגאַניזירן פאַרשיידענע וואַרשטאַטן, מע האָט אָנגענומען נײַע יִדישע פּאָליציִאַנטן. צוליב וואָס זשע האָט מען געדאַרפט אַף עטלעכע כאַדאָשים שאַפן אַ געטאָ, אַרויסזעצן פון דאָרט אַלע ניט־יִדן? צוליב וואָס?!

מיטאַמאָל האָב איך פאַרלאָרן דעם כיישעק צו דער אַרבעט. אויסערלעך האַלט איך זיך זאָרגלאָז, נאָר אַפן האַרצן איז ביטער. הײַנט אַרבעט איך אין דער פרויען־צוזאַמענוווינונג. אַמאָל איז דאָ געווען עפּעס אַ שפּײַכלער. ס'איז אַ נידעריקע לאַנגע געבײַדע. די בעטן זײַנען צעשטעלט, ווי אין אַ קאַזאַרמע אָדער ווי אין אַ שפּיטאָל. עס וווינען דאָ פופציק פרויען פון פאַרשיידענעם עלטער. אין באַראַק איז פאַראַן נאָר איין גרויסע פּליטע און אַ הרובע.

ס'איז פרי. אַלע ליגן נאָך אין די בעטן. דאָ איז פאַרהעלטניסמעסיק ריין. נאָר די לופט איז זייער אַ שווערע.

איך האָב דאָ אַרבעט אײַנגאַנצן אַף עטלעכע שאָ. מיט די פרויען פאַרפיר איך אַ שמועס. זיי האָבן נאָך ניט געהערט די לעצטע נײַעס. איך שפּאַס מיט זיי, רייד זיי אײַן, אַז אײַנגיכן וועט זיך אַלץ ענדיקן צום גוטן.

מיט די יִנגערע פרויען רייד איך אַף מער לײַכטזיניקע טעמעס. איך באַמי זיך אויפהייבן בא זיי די שטימונג. די פרויען טוען זיך אָן אין מײַן אָנוועזנהײַט. עס דוכט זיך שוין אונדז, אַז אַזוי דאַרף עס זײַן. ס'גייט צו מיר צו מאַדמואַזעל לענאַ, די געוועזענע דערציִערן פון מײַן פּלעמעניצע. אַזוי, אַז אַנדערע זאָלן ניט באַמערקן, גיט זי מיר איבער אַ קליין שאַכטעלע, אין וועלכן ס'ליגט אַ פינגערל און אַ גאָלדן זייגערל, און בעט, איך זאָל עס באַהאַלטן אונטער דער פּליטע. דאָס איז איר גאַנץ פאַרמעגן. איך וויל זי אָפּריידן דערפון, ווײַל ווער ווייסט, וואָס עס קאָן נאָך פאָרקומען, נאָר איך טו עס ניט. איך פאַרבאַהאַלט דאָס קעסטעלע הינטער די ציגל און באַווײַז איר, וויִאַזוי עס אַרויסצונעמען.

הײַנט רייכער איך אַ ציגאַר נאָך אַ ציגאַר. אויב איך וועל ווײַטער אַזוי רייכערן, וועט מיר די מאַכאָרקע אַף לאַנג ניט קלעקן.

נאָך דער אַרבעט גיי איך אַרײַן צו די גוטמאַנס. בא זיי דאַרף מען עפּעס פאַריכטן. גוטמאַן באַגעגנט מיך מיט טרערן אין די אויגן. זײַן פרוי איז אין שפּיטאָל. נעכטן האָט מען זי אָפּערירט. ווי וועט זײַן, אויב מע וועט אַרויסשיקן פון געטאָ? מע זאָגט, אַז די יִדישע דאָקטוירים האָבן באַקומען אַ באַפעל אָפּסאַמען די כאַלאָיִם. עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז אין דײַטשלאַנד סאַמט מען אָפּ מיט זיסער קאַווע אַלע געפערלעך קראַנקע. דאָס זײַנען קלאַנגען, אָבער, ווידעראַמאָל, מיסטאַם ניט אָן אַ גרונט. איך דערמאָן זיך, אַז ליזע דאַרף הײַנט־מאָרגן געלעגן ווערן... וואָס וועט זײַן מיט איר?

אין געטאָ דאַרף עפּעס פאָרקומען, נאָר גענוי וואָס ווייסט קיינער ניט. די גאַנצע געטאָ איז אין אומרו. מע הערט מער ניט קיין טומל, קיין געשרייען, קיין הויכע רייד. ס'איז שטיל, ווי אַף אַ לעווײַע. מע האָט מוירע זאָגן אַ וואָרט. מע האַלט זיך אין איין שושקען. קיין נײַע פאַראָרדענונגען זײַנען ניטאָ, און דערפון וואַקסט אויס דער פּאַכעד נאָך מער. ס'איז שוין באַלד נאַכט און — קיינע נײַעס. עפשער איז דאָס אַן אומזיסטע שרעק? עפשער וועט דער הימל זיך נאָך אויסלײַטערן?

צוגעגרייט צום דרוק דורך א. גאָנטאַר און מ. שולמאַן.

(סאָף קומט)

# נײַע שטימען

## װלאַדימיר דאַנקאָ

מיר באַקענען אונדזערע לייענער מיט די ערשטע לידער פון װלאַדימיר דאַנקאָ, איינעם פון די ייִנגסטע ייִדישע סאָװעטישע דיכטער. ער איז נאָך ניט אַלט קיין פולע זעקס און צװאַנציק יאָר.

װ. דאַנקאָ איז געבױרן אין דער שטאָט קראַמאַטאָרסק. ער האָט פאַרענדיקט דעם מאָסקװער בארג־אינסטיטוט און אַרבעט אַלס אינזשעניער אין סאַמאַרקאַנד. אין דאַנקאָס ערשטע לידער דערפילן מיר גלײַך דאָס קענטיקע „אָדערל" פון אַ טאַלאַנטפולן מענטשן. לאָמיר האָפן, אַז זײַן װײַטערדיקע שאַפונג װעט עס נאָך מער באַשטעטיקן.

# לידער װעגן פרילינג

## װאַרעמע רעגנס

װוּהין זאָל מען פאָרן,<br>
װוּהין זאָל מען גיין<br>
די קינדערשע יאָרן באַגעגענען...

און עפשער אַרויסגיין<br>
און גלאַט אַזוי שטיין<br>
אונטער די װאַרעמע רעגנס;

און עפשער אַ לאָז טאָן זיך<br>
גלײַך אײנעם סקװער<br>
און דאָרט אין די גראָזן אַ פאַל טאָן;

און עפשער די שטילע,<br>
די גאָלדענע טרער<br>
באַהאַלטן...

## אַ פאָלקס־מאָטיװ

שפּילט דער װינטער אַף אַ פידל,<br>
אָט ער װיינט, און אָט ער לאַכט,<br>
װיגט און װיגט דער װינט אַ װיגל,<br>
און אין װיגל שלאָפט די נאַכט.

גייט אַרויס פון הויז אַ מיידל,<br>
איינע־איינינקע אַליין,<br>
װיל זי פרעגן בא דעם פויגל:<br>
ס'גייט שוין פרילינג, אָדער ניין?

נאָר פאַרפראָרן ליגט דער פויגל<br>
און דאָס מיידל שטייט פאַרטראַכט...<br>
גיי אַהיים, טו אויס דײַן קליידל,<br>
לייג זיך, ס'איז נאָך גרויס די נאַכט.

# אן עמעס

אן עמעס,
ס'איז טאקע אן עמעס! —
פארגעס זיך, פארוויג זיך און לאך:
אין צענדליקער פריילעכע עמערס
רינט ווינטער אראָפ פונעם דאך.

יאָ, יאָ, דאָס איז טאקע אן עמעס,
אן אייביקער עמעס דאָס איז.
און ס'ווילט זיך ארויסזאָגן עפעס
אזוינס, וואָס עס פרייט און פארדריסט...

# מע פירט א ציג

מע פירט א ציג,
מע פירט זי קוילען.
פון ביידע זײַטן
קוקן אפ איר ביימעלעך,
און בלעטלעך שווימען איבערן קאָפ,
כאָטש רײַס זיי, פרישינקע, אראָפ...

מע פירט א ציג,
מע וועט זי קוילען
און קיינער וועט נאָך איר ניט וויינען.

נאָר פרי־פארטאָג,
ווען אלץ איז ריין,
דאָס לעצטע שטערנדל וועט שטיין און שטיין...

# פאָעזיע

מיט זון איז דער הימל צופרידן,
די ערד — ווי געבוירן אפסנײַ,
און זילבערנע העמערלעך שמידן
שוין גאָלדענע לידער צו מײַ.

אין דרויסן צעגיסט זיך דער פרילינג,
דאָס הארץ, די נעשאָמע פארכאפט.
דו מיינסט, אז דו האָסט ניט קיין פליגלען?
צי אויס נאָר די האנט, טו א טאפ!..

ניט שווער איז אן אויסטראך צו ווערן,
און גרינג איז צו שאפן א ליד,
מע דארף נאָר אין שטילקײַט דערהערן
דעם קליינינקן זילבערנעם שמיד.

עליע שעכטמאַן

# ערעוו

★

ראָמאַן

★

## VIII

ווי נאָר איווע האָט זי, די מומע ליבע, הינטנארום פון מויערל און פון יענער זײַט סאָד ארויסגעפירט, באַגלייט זי א היפשן שטיק וועג, איר גוט דערקלערט, וויאַזוי און וווהין ווײַטער צו דעם באַלעגאָלעס שטוב גיין, זיך מיט איר אײַנמיטן דער גאַס געזעגנט און צעקושט, זי איבערגעלאָזט איינע אליין אין דער ערעוו־פרילינגדיקער שטאָט, וואָס טומלט פון דעם גרויסן יאָר־יאריד, — די לופט איז אָנגעפילט מיט קלאנגען און מיט רייכעס, די צעגריבלטע גאסן ליגן אין פעטע גלאנציקע וואסערן, און דער לויטער־אויסגע־בלויטער הימל אין זוניקע ווײַס־געקרײַזלטע זילבער־שוימיקע רויכן, — האָט די מומע ליבע אָפּגעזוכט א זײַטיק ווינקעלע, הינטער א הויז־טיר, און זיך דאָרטן שטיל, נאָר גוט אויסגעוויינט — דאָס הארץ זאָל ניט דערטרונקען ווערן אין טרערן...

זיך דערקליבן צום באַלעגאָלעס שטוב, טרעפט זי דאָס פערד שוין געשפּאנט. אווראָם, אָן דער באָרד, איבערגעלאָזט נאָר א פּאָר וווּיליונגערישע וואָנצן, זיצט אין שליטן, האלט אין ביידע הענט, באטראַכט און שפיגלט זיך אין א בײַטש רויטע קארעלן, ער רעדט עפּעס מיט זיך אליין. דערהערט טריט, הייבט ער אוף דעם קאָפּ און דערזעט די מומע ליבע. פארוקט ער אפגיך די קארעלן אין בוזעם ארײַן, נאָר דערבײַ, ווי אפצולאָכעס, פאלט פון דאָרט ארויס א קײַלעכדיק שפּיגעלע אין א באַגילדעטע רעמעלע. ווערט אווראָם פארויטלט און פארשעמט. די אויגן־ווינקלען שטראַלן אָבער מיט זוניקער פרייד. פאר דער מומע ליבע איז קיין סאָד ניט: דער באָכער איז פארליבט... דאָס פירט ער פאר דאָבציען מאטאָנעס פון דער שטאָט. טוט זי צו אים א שמייכל:

— נישקאָשע, אווראָם, נישקאָשע, גלייב מיר, אז ס'איז דאָ ניטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען. דאָבציע האָט די ווערט שענערע מאטאָנעס. ווען פארבעטסטו מיך אפן קנאסמאָל?

— ווען ס'זאָל זײַן געווענדט אין מיר, וואָלט איך אײַך שוין פארבעטן. איך ווייס אָבער ניט, צי זי וועט בא מיר וועלן נעמען די מאטאָנעס. איך רייד און רייד, און זי שווײַגט.

— נארעלע, אז א מיידל שווײַגט, איז מער ווי גערעדט. דאָס איז דאָך, אווראָם, דאָס גאָל־דענע שווײַגן...

— טאקע?.. וועט זי בא מיר נעמען די מאטאָנעס?

— פארוואָס זאָל זי בא דיר ניט נעמען? וואָסי, דו ביסט, כאָלילע, א שלעכטער באָכער? אזא יאָר אף מיר. ווייסעך־וואָס, וואָס ווײַזסטו מיר אף דײַן שטעקן? דער פוס וועט מיט גאָטס הילף זיך אויסגיין... און אויב דו וועסט אפילע א קאפּעטשקע אונטערהינקען, איז אויך א קליינער גוואלד. יאנקעוו־אָווינו איז געווען א ביסעלע מער כאָשעוו פון דיר בא גאָט און האָט אויך געהונקען אף א פוס. וואָס זשע, איז די מוטער ראָכל ניט געגאנגען מיט אים אונטער דער כופּע? — זי שטעלט ארײַן איר קאָשעקל אין שליטן און וויל בא אים פרעגן: „ווו איז דער טאטע?“ זי דארף איר הארץ פאר אים אויסריידן. איין יִיצכאָק, מיינט זי, קאָן איר דאָס גלײַכע וואָרט זאָגן, די גוטע אייצע געבן.

---

סאָף. — זע „סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 1, 2, 3 און 4 פון 1962.

נאָר דאָ דערזעט זי, ווי פון דעם באַלעגאָלעס שטוב גייט אַרויס יִצחאָק און טראָגט אַ קינד אַף די הענט. הינטער אים גייט אַקיווע. בײַ דער שטוב־טיר — דער אַשמעדײַ מיט דעם ווײַב.

יִצחאָק באָיאַר איז פאַרן מעסלעס, דוכט זיך, נאָך גרויער געוואָרן. ער שפּאַנט צום שליטן גיך און ברייט:

— ליבע, — זאָגט ער, — כ'האָב שוין געמיינט, אַז איך וועל דאַרפן פאַרפאָרן נאָך דיר. נו, נו, פאַרענטפער זיך ניט. כ'ווייס, וואָס בײַ די לאַנדעס האָט געטראָפן. דאָס איז שוין אַזאַ צאָרע, אַזאַ קלאָלע... כ'ווייס, ליבע, כ'ווייס אַלצדינג. דו האָסט מיר ניט, וואָס צו דערציילן. מ'אַנטלויפט פון אונדז, ליבע. אונדזערע קינדער אַנטלויפן פון אונדז. מע לויפט, וווּהין די אויגן טראָגן. מע לויפט, וווּהין ווער ס'קען... אַפילע אין קייוועֶר אַרײַן. שטיי ניט, ליבע, זעץ זיך אין שליטן אַרײַן. ווי מיינסטו, דעם קינד וועט ניט זײַן קאַלט? נו, דו זיצסט גוט? נאַ, נעם צו זיך דאָס קינד... אַ גוטן־טאָג! — דרייט ער זיך אויס צו דעם באַלעגאָלע און צו זײַן ווײַב. — אַ גרויסן דאַנק אײַך, זאָל גאָט אײַך באַצאָלן פאַר אײַער גוטסקײַט. זײַט געזונט, ליבע מענטשן! און דו, אַקיווע פרײַנט, פאַרגעס ניט דעם וועג צו אונדז, כאַפּ זיך אַמאָל אַראָפּ אַף אַ טאָג. דאַניִעל איז טאַקע ניטאָ... נו, פאָר, אווראָם. פאָר, מײַן זון, דער טאָג שטייט ניט. וואָס בעטסטו זי, דערלאַנג איר מיט דער בײַטש, זי קאָן אַזוי שטיין און פאָכען מיט די אויערן נאָך דרײַ שאָ. אַז אַלץ מוז זי הערן און וויסן...

יִצחאָק באָיאַר גייט שווײַגנדיק נאָך דעם שליטן, וואָס שלעפּט זיך צווישן די פאָרשטאָט־שמאָלע געסלעך, איבער די קימאַט צעגאַנגענע קויטיקע שנייען. דער געקאָוועטער שליטן ראַצט איבער די שטיינער. אַנטקעגן־אָנגעפּאָרענע געלאָדענע פורן מײַדן זיך קוים אויס. די פורמאַנעס קנאַלן מיט די בײַטשן, זידלען זיך גראָב. און קינדער, האַלב־נאַקעטע, אָן היטלען, פאַרפאַליעטע און פאַרטראָגענע, פאַרטאָן מיט לײַב־און־לעבן, פײַפן ווילד און פאַרשײַט — זיי טרײַבן טויבן אין הימל אַרײַן. פון די בערגלעך לויפן די ערשטע פרילינגדיקע וואַסערן. די קראָען שרײַען היל־כיק, ציטערן מיט די פליגל, צעשפּרייטן די עקן. די סאָראָקעס פּילדערן, לאָזן זיך מאַכנעסווײַז אַראָפּ אַף די פּלויטן. די גאַלקעס פליִען פאָרלעכווײַז, זעצן זיך אַף די קוימענס פון די הײַזער, פאַרקוקן אַהין — זיי זוכן שוין אַן אָרט אַף צו נעסטן זיך. ס'שמעקט מיט אָנגעקוואָלענע ווערבע־קנאָספּן און מיט פריש־געבאַקענעם ברויט.

— ליבע, — זאָגט יִצחאָק, — אַז מירן אַרויספאָרן פון שטאָט, דאַרף מען אונטערלענען דאָס האַרץ. איך זע לויט דײַן פּאָנעם, אַז דו האָסט נאָך הײַנט אין דײַן מויל ניט געהאַט. דו טאָרסט ניט דערלאָזן, אַז דאָס האַרץ זאָל דיר איבערכאַלעשן... צאָרעס אַהער, צאָרעס אַהין, נאָר עסן דאַרף מען. מ'טאָר זיך ניט פײַניקן. דו, ליבע, דאַרפסט אַוואַדע היטן דײַן געזונט...

זי לאָזט אַראָפּ די וויִעס און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. זי פאַרשטייט זייער גוט, וואָס יִצחאָק מיינט. אונטער איר האַרץ גייט אויף אַ נײַ לעבן. יִצחאָקן האָט זי געגעבן דאָס וואָרט, קימאַט אַ שוווּע: אויב ס'וועט געבוירן ווערן אַ יִינגל, וועט ער זײַן אַ נאָמען נאָך דאַניִעלן.

— מײַן וואָרט, רעב יִצחאָק, וועל איך ניט ברעכן.

— כן יקום (קיין יאָקום), זאָל עס מעקוייעם ווערן!..

אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט אין דעם ראַכוועס־בלענדנדיקן פעלד, קריכט יִצחאָק אין שליטן אַרײַן און זוכט אָפּ אונטערן היי די טאָרבע: — לאָמיר אָקאָרשט זען, וואָס האָט אונדז די מאַמע מיטגעגעבן? הרעטשענע לאַטקעס, געבראָטן קאַלבן־פליייש. וואָס זשע קרימסטו זיך, מײַן זון, ס'געפעלט דיר ניט?

— ווער זאָגט דען, אַז ס'געפעלט מיר ניט? נאָר אונטערוועגנס, אַף דער קעלט...

— אַ־האַ, איז גוט, מיינסטו, צו נעמען אַ ביסל בראַנפן? איז הייב זיך, זײַ מויכל, אונטער, אין סיטשקע־קעסטל דאַרף עפּעס יאָ ליגן... פאַראַן?

אווראָם טוט צופרידן אַ גלעט די וואָנצן: — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. קאַלט פליייש מיטן קאַלטן בראַנפן קאָן נאָך אַ סאָלדאַט איבערטראָגן...

— וואַרט, זעץ זיך נאָך ניט, אווראָם, דאָרט דאַרף ליגן דער נאַקלאַדנער בעכער. ליבע, אָט ווייס איך ניט, דיר זאָל מען אויך געבן אַ ביסעלע?

— ניין, טרינקען וועל איך ניט, נאָר אַ שטיקל לאַטקע וועל איך אײַנטונקען...

יִצחאָק טוט אַ שמוך אין באָרד אַרײַן:

— בעסער, ליבע, טרינק, אַף טונקען איז ניטאָ אַזויפיל בראַנפן. דיר, אווראָם, ווען מיר געבן דעם ערשטן. אין דער טוירע שטייט: כרחם אב על בנים [1]. זע נאָר, אַ פאָטעכע, די „ווײַסע" האָט זיך שוין גאָר אָפּגעשטעלט. אווראָם, זײַ זי מעכאַבעד מיט דער בײַטש, אַניט וועסטו איר דאַרפן אונטערטראָגן אַ בעכער בראַנפן. ניט אַזוי שטאַרק, אווראָם, ס'איז אַ צאַרבאַלעכײַים... ס'איז אויך אַ גאָטס באַשעפעניש, נאָ־אָ, ווײַסע, נאָ־אָ!

---

[1] — קעראַכעם אָוו אַל באָנים — ווי אַ פאָטער האָט ראַכמאָנעס אַף זײַנע קינדער.

דער ווינט אין פעלד שטאַרקט זיך. דער שניי ווערט האַרטער, די לופט טריקענער און דורכזיכטיקער. די אָלכע־ווערלדלעך באַם וועג רוישן אַף דער זון, וואָס פאַרנעמט זיך אַף מיזרעח. — דער צאָפנדיקער ווינט טרײַבט אָן שאָטנס אָפן שניי. ערגעץ דאָרטן, אין דעם גרויסן וואַלד, וואַרט שוין די פראָסטיקע נאַכט מיט דער שפּעט־אופגייענדיקער לעוואָנע.

ייִצכאָק באַיאַר וואַרפט מיטן צוגעזשמורעטן אויג אַ בליק אָפן קינד און טרינקט אויס דעם צווייטן בעכער בראָנפן. דעם קרעטשמאַרס טרינקען, זײַן הויך רײדן נאַרט און פאַרפירט אָבער ניט די מומע ליבע. זי זעט גוט: בײַ ייִצכאָקן איז די רעכטע ברעם די גאַנצע צײַט אונטערגעהויבן און די רויט־צעקאַרבטע האָריקע הענט ציטערן. פאַרשטייט זי: דאָס האָט אַ שײַכעס צום קינד, וואָס זיצט אין שליטן. די מומע ליבע כאַלעשט צו וויסן, וואָס איז עס פאַר אַ קינד? אַ סוואָרע, אַז דאָס איז יענץ קינד, וועגן וועלכן שיפרע האָט דערעכאַגעוו גערעדט? קאָן זי אָבער, די מומע ליבע, זיך ניט פאָרשטעלן און גלייבן, אַז דער פרומער ייִצכאָק, דער, וואָס האָט אויסגעוואָרצלט פון זײַן שטוב אַלצדינג, וואָס קאָן נאָר דערמאָנען אָן איר, דער נאָמען אירער האָט ניט געטאָרט פאַר אים אַרויסגעבראַכט ווערן, זאָל ער, ייִצכאָק, נעמען דער געשמאַדטער טאָכטערס קינד צו זיך?.. ניין, דאָס איז אומעגלעך. ס'איז ניט כיירוסעס קינד. מאַלע וואָס שיפרע האָט דאָרט אַ זאָג געטאָן. פאַר אַלע יאָרן, זינט כיירוס איז פון דער היים אוועק, איבערגעלאָזט אַ בריוועלע אין דעם פאָטערס טפילן־זעקל: „איך וויים, טאַטע, אַז די גרעסטע צאָרעס פאַרשאַף איך דיר, אַז דו וועסט עס מיר קיינמאָל ניט קאָנען מויכל זײַן, נאָר אָפּלעבן אַזאַ לעבן, ווי די מאַמע מײַנע, קאָן איך אָבער אויך ניט...“, — פאַר אָט די אַלע יאָרן האָט מען ניט געהערט, זי זאָל האָבן אַ קינד. דאָס ערשטע יאָר האָט מען נאָך עפּעס־וואָס געהערט און געוווּסט פון כיירוסן: זי איז פאַרפאָרן קיין פעטערבורג. זי לערנט דאָרט. פון צײַט־צו־צײַט פלעגט פון איר אָנקומען אַ בריוו. קיין הילף האָט זי ניט געבעטן. נאָר ייִצכאָק פלעגט איר שיקן אַלע כוידעש פון דעם לעצטן. אַפילע גאַוורי׳על האָט איר איין מאָל אַוועקגעשיקט אַ פינף־און־צוואַנציקער. אַ מיידל וויל לערנען, דאַרף מען איר העלפן — זאָל פון די באַיאַרס אויך אַרויסגיין אַ דאָקטער...

אין דער מישפּאָכע האָט גערוישט און געטומלט. דאָך האָט מען געקוקט אַף כיירוסעס אַנטלויפן פון דער היים, ווי אַף עפּעס אַ גזאַר. די שולד איז אַרופגעוואָרפן געוואָרן אַף דאַני׳עלן. נאָך מער, און דעריקער, אַף זײַן כאַוווער אַקיווען, וואָס האָט איר ביכלעך געטראָגן און דעם קאָפּ פאַרדרייט. האָבן די באַיאַרס שטרענגער גענומען אַכטונג געבן אַף די זין און טעכטער, אָנגעהויבן פראַווען קנאַסמאָלן, און צוליב רויִקײַט און זיכערקײַט גלײַך אָפּגעשפּילט די כאַסענעס. ייִצכאָקן האָט מען אַפילע געטרייסט: אַלץ הענגט אָפּ פון מאַזל. אַזוי ווי זי איז אין אַ שיינעם טאָג אַנטלאָפן געוואָרן, אַזוי וועט זי אין אַ שיינעם טאָג זיך אומקערן צוריק אַהיים. קומט אָבער אין אַ שיינעם טאָג אַראָפּ אַבושל צו דער שוועסטער, צו נעכען, און ברענגט די יעדי׳ע: ייִצכאָקס טאָכטער האָט זיך געשמאַדט! נעמט אָפּ בײַ אַלעמען דאָס לאָשן. אָט דער וויסטער בסורע־אָנזאָגער, אָט דער אַבושל, זאָגט, צום באַדויערן, קיינמאָל קיין ליגן ניט... ווערט שוין אַצינד קלאָר פאַר יעדערן, פאַרוואָס זי לאָזט שוין אַ צײַט פון זיך ניט הערן. און ס'ווערט אויך פאַרשטענדלעך, לעמיי דאַני׳עלס בריוו און דאָס געשיקטע געלט קערט זיך אום צוריק. האָט זיך ייִצכאָק געזעצט שיווע, און ריווקע „דער שטילער זומער“ האָט זיך צוגעזעצט לעבן אים. שפּעטער האָט מען יאָ אין דער מישפּאָכע געהערט: זי איז שוין אין סיביר... פון כיירוסן איז ביכלאַל ניט גערעדט געוואָרן. אויב שוין יאָ אַמאָל דערמאָנט, איז ניט באַם נאָמען, נאָר מיטן אָנדײַט, פאַרשטעלט: „די, וואָס איז געשטאַנען אונטערן גלאָק“.

די זון פאַרגייט אַלץ ווײַטער אַף מײַרעוו, דער שליטן — אַף צאָפן. ייִצכאָק זיצט פאַרוואָרפן די פיס איבער דער דראַבינע, די נאַקעטע הענט אַף די קני, די אויגן פאַרמאַכט און „בענטשט“ נאָכן אונטערלענען דאָס האַרץ. אַווראָם טרײַבט אָן און זינגט זיך שטיל אין די וואָנצן אַרײַן: „וואָס האָסטו מיר אָפּגעטאָן, טײַער לעבן מײַנס, וואָס מײַן האַרץ ציט אַזוי צו דיר?“ דער באָכער איז פול מיט פרייד: אַרויס מיטן לעבן פון דער מילכאָמע. ער פאָרט איצט אַ געזונטער אַהיים. דאָרטן איז זי, דאָבציע...

די בײַכיקע שקאַפּע פריכעט, פירט מיטן צעשפּאָלטענעם אויער, פון די נאָזלעכער שלאָגט איר אַ ווײַסע פאַרע. זי לויפט איבערן געבערגלטן וועג פאַרבײַ די טונקל־ווערנדיקע סאָסנע־ווערלדלעך, איבער די פאַרפרוירענע טײַכלעך, וווּ דאָס אײַז קלינגט אָפּ הילכיק אונטער די פּאָדקעוועס. אינמיטן פעלד פּאָכעט איינזאַם אַ ווינטמיל מיט די פליגל — און קאָן זיך פון דער ערד ניט אופהייבן. אַרופצו לויִכטן זיך צוויי יונגע בערעזקעס אין אַ פלאַטער־גאָלדיקער שײַן.

די מומע ליבע האַלט אין איין באַטראַכטן דאָס קינד, וואָס זיצט אײַנגעוויקלט אין דער בורקע, קוקט פון דאָרט אַרויס שווײַגנדיק און שטיל. אַפּאָנעם, ס'איז שוין פאַר דעם גאָר קיין נײַס ניט אַרײַנפאַלן צווישן פרעמדע מענטשן. נאָך גאָר אַ קליין קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף־זעקס, אַזאַ ברעקל, און ס'האָט שוין קנייטשן אָפן שטערן. עפּעס טראַכט עס זייער אָנגעשטרענגט. עפּעס

וויל עס פאַרשטיין און באַנעמען. ס'איז אָבער צו זען, אַז וויפל ס'שטרענגט זיך ניט אָן דאָס מויעכל, פאַרשטייט עס, אפאָנעם, פאָרט ניט, וואָס אַרום טוט זיך און קומט פאָר. אין די אייגעלעך באַם קינד שרעק און טרויער. אַ קינד אָן אַ קינדהייַט ווערט געבוירן מיט טרויער אין די אויגן. זי, די מומע ליבע, קען גוט דעם טרויער פון אירע קינדערס אויגן. נאָר דער טרויער פון אָט דעם קינדס אויגן... ניטאָ קיין שרעקלעכערס אין דער וועלט, ווי דער שטילער טרויער אין קינדערשע אויגן. די מומע ליבע עפנט אין דער בורקע אַ גרעסערן כאַלעל — דאָס קינד זאָל קאָנען כאַפּן די לופט און זען דעם ליכטיקן טאָג. פּלוצעם רוקט דאָס קינד אַרויס דעם קאָפּ פון דער בורקע און פרעגט:

— ס'איז נאָך ווייַט צו מייַן מאַמען?

יִצחאָק באַיאַר וואַרפט זיך דורך, ווי פון שלאָף, פינטלט מיט די אויגן:

— האַ?.. צו דער מאַמען? אָט וועלן מיר דורכפאָרן יענעם וואַלד...

— און דאָרט איז מייַן מאַמע?

דער קרעטשמאַר טוט אַ קרעכץ:

— יאָ... וועלן מיר זייַן אין דער היים.

— און דאָרטן איז מייַן מאַמע? יאָ?

— יאָ, קינד, יאָ... ערגעץ דאָרטן... זייַ שטיל. ליבע, — פאַרוואַרפט יִצחאָק איין פוס אין שליטן אַרייַן. — נו, פרעג שוין, פרעג! דו ווילסט וויסן, וועמעס קינד איך פיר? טאָ וויס, ס'איז כיירוסעס קינד... דו דערקענסט ניט אירע גרויע אויגן? אַ בלינדער קאָן דאָך דערזען. איך האָב גלייַך דערקענט די צוויי גרויע אויגן. באַם קינד פאַרנעמען די אויגן אויך אַ האַלב פּאָנעם... אַז איך האָב זיי דערזען, האָבן מיר די הענט און פיס גענומען ציטערן. שוין אַכט יאָר, ווי אירע אויגן גייען מיר נאָך פּוסטריט. און דאָ דערזע איך זיי... כ'האָב גאָר באַ קיינעם ניט געדאַרפט פרעגן. כ'האָב גלייַך פאַרשטאַנען, אַז דער באַלעגאָלע איז נאַראָטשנע באַנאַכט אַרויסגעפאָרן מיך איבערכאַפּן. דאָס גאַנצע רופן מיך אין שטאָט אַרייַן איז געווען בעקיוון. אַוורעם וואָלט אַליין אויך געקאָנט קומען אַהיים. דער כעזשבן איז געווען אַ ריכטיקער. אַקיווע קען מיך גוט... כ'וועל דיר ניט מייַרעך זייַן, כ'וועל אָפּטרייסלען דעם בוים מיטאַמאָל...

די מומע ליבע פאַרגעסט אַלץ אין דער וועלט, רוקט זיך אַרוף העכער אַפן זאַק שטרוי. מויל־און־אויער — קיין וואָרט ניט צו פאַרלירן. אַלעמאָל פאָרט אָן אַנטקעגן אָדער ס'יאָגט אָן אַ פור פון הינטן און צעבויטעט די שטילקייַט פונעם סאָף טאָג. יִצחאָק גריסט זיך מיט די פּויערים, וואַרפט זיך מיט זיי איבער מיט אַ פּאָר ווערטער, און אָנשטאָט „אָפּצוטרייסלען דעם בוים מיט־אַמאָל", קלאַפּט ער לאַנגזאַם אָן דאָס ציבעקל און הייבט גאָר אָן צו דערציילן פון דעם באַלע־גאָלעס ווייַב:

— גאָט האָט געהאָלפן, מיר זייַנען פאַרפאָרן צו דעם באַלעגאָלע אין הויף אַרייַן, אויסגע־שפּאַנט, אָנגעפּויעט און פאַרשאָטן דער שקאַפּע פרעסן. מייַנסטו דאָך, אַז איך בין גלייַך אַרייַן אין שטוב? ווייסעך־וואָס, איך בין נאָך געשטאַנען העכער אַ שאָ אַפן פראָסט. די באַלעגאָלעכע עפנט ניט די טיר. כ'בין געשטאַנען, געקוקט אַפן באַלעגאָלע און געשטוינט: פונוואַנען נעמט זיך באַ אַ מענטשן אַזויפיל טערפּעניע? ער קלאַפּט מיט אַ פינגער אין פענצטער אַרייַן, קלאַפּט פּאַוואָלינקע און רופט שטיל: „מאַכליע, עפן אויף! מאַכליע, אַ פרעמדער מענטש שטייט באַ דער טיר!.." קיינער ענטפערט ניט, ווי די שטוב וואָלט אויסגעשטאָרבן. ער קלאַפּט און קלאַפּט, מאַכליע אַהער און מאַכליע אַהין. בעקיצער: גאָט האָט געהאָלפן און ס'האָט זיך סאָפּקאָלסאָף דערהערט פון דאָרטן אַ לעבעדיק קאָל: „ווער איז?" — דאָס בין איך, מאַכליע. „אוי, אַ בראָך איז מיר, לייזער, דו? דו שטייסט אַפן פראָסט?" מייַן איך, אַז אָט שפּרינגט זי אַראָפּ פונעם בעט און עפנט אויף די טיר. ווער, וואָס, ס'הייבט זיך אַפילע ניט אָן. אין שטוב ווערט ווידער אַזוי שטיל, אַז מע קאָן הערן, ווי ס'פּאַלט אַ פּוסטער זאַק...

— און דער באַלעגאָלע? — פרעגט די מומע ליבע מיט פאַרדראָס. — ער זעצט גאָר ניט אויס די טאַפּליעס?

— אָט דאָס איז עס דאָך, — רייכערט יִצחאָק פאַנאַנדער דעם ציבעק. — אין דעם ליגט דאָך דער כידעש. איך אַף זייַן אָרט וואָלט די שטוב צעטראָגן. דו וואָלסט אויסגעשלאָגן די פענצטער. און ער, דער אַשמעדײַ, אַזאַ גוואַר, וואָס קאָן איבערקערן אַ דעמב, שטייט ער, ווי אַ טאַם, פּיקט, ווי אַ פייגעלע, אין פענצטער, און בעט זיך: — מאַכליע, עפן מיר אויף! ניטאָ קיין ענטפער. אַ קאָל אין וואַלד. פּיקט ער ווייַטער מיטן פינגער, פּיקט און פּיקט, ביז גאָט העלפט און ס'דערהערט זיך ווידער איר קאָל: „אוי, אַ בראָך איז מיר... אַף אַזאַ קעלט שטייט ער אין דרויסן!.. סערל, סע־ערל, גיי, עפן דעם טאַטן די טיר". מייַנסטו דאָך, אַז די סערל איז געלאָפן עפענען די טיר? ס'הייבט זיך אַפילע ניט אָן. סערל ענטפערט ניט און די מאַכליע שווייַגט שוין אויך. פּיקט דער באַלעגאָלע ווייַטער מיטן פינגער אין פענצטער. מע זעט ניט, ער זאָל אויפגעבראַכט ווערן. ער פאַרענטפערט

זי: „ס'איז באַ איר ניט פון שלעכטסקײַט. זי האָט אַ גוט האַרץ, נאָר נאָכן טאָג האַרעוואַניע איז איר שווער אופהייבן דעם קאָפּ. ס'איז אַ ראַכמאָנעס זי צו וועקן״... קוקנדיק אפן באַלעגאַלע, האָב איך געטראַכט: וויפל ראַכמאָנעסן ס'איז דאָ אף דער וועלט... וואָס, פרעג איך באַ דיר, האָט די ווערט דער ראַכמאָנעס פון אַ „בראָך איז מיר״, „וויסט איז מיר״, ווען מע לאָזט דיך שטיין באַנאַכט אפן פראָסט?..

און יִיצכאָק באַיאַר ווערט אַנשוויגן. דער צאַפּנדיקער ווינט פאַרוויעט אַלץ מער און מער די ווײַסקײַט אין פעלד מיט גרינלעך־בלויע שאָטנס. די מומע ליבע זיצט פאַרוקט די הענט אין די אַרבל, די ליפּן פאַרפרעסט — פון יִיצכאָקס פלוצעמדיקן אַנשוויגן ווערן איר עפּעס שרעק־לעך. נאָר זאָל ער בעסער שווײַגן. ניט גרינג איז אים צוקומען צום איקער. זי ווייסט: ניט גרינג איז צו דערציילן יענעמס פון אַזאַ צאָרע, וואָס האָט גאָר קיין נאָמען ניט. דערציילן פאַר עמעצן, דאַרף מען דאָס אומגליק אופרודערן, די צאָרע אף דער שײַן אַרויסטראָגן, און ערשט דעמלט ווערט דאָס אומגליק פאַר דיר אַליין קלאָרער. דו דערזעסט עס, דאָס אומגליק, אין דער גאַנצער גרייס. נאָך שרעקלעכער ווערט, אַז מע הייבט דיך אָן צו טרייסטן. די מאָס פון יענעמס טרייסט־רייד באַווײַזן, אף וויפל דו אַליין האָסט נאָך דאָס אומגליק דײַנס ניט פאַרשטאַנען און באַנומען. גלײַ־כער, אַז די צאָרע ליגט באַ דיר אין האַרצן, — דאָרטן ווערט זי אויסגעוואָרעמט, געשטילט און מיט דער צײַט געהיילט. פלוצעם דערהערט זיך ווידער יִיצכאָקס קאָל:

— ליבע, דאָס קינד שלאָפט?

— ניין, רעב יִיצכאָק, ס'שלאָפט ניט. ס'זיצט און ס'קוקט. ס'איז, ווײַזט אויס, שוין געווינט געוואָרן צו זײַן צווישן פרעמדע.

— יאָ, ס'ווייסט שוין פּאַטשאָם פונט ליכאָ. — און יִיצכאָק פאַרוואָרפט דעם צווייטן פוס אין שליטן אַרײַן, גלײַכט אויס דעם רוקן און נעמט די לאַנגע שמאָלע באָרד אין האַנט אַרײַן. — מיילע, די מאַכליע האָט סאָפּקאָלסאָף געעפנט די טיר. כ'האָב זיך צוגעלייגט אפן פעלצל און גע־כאַפּט אַ גוטן דרעמל. ווי נאָר ס'איז אָבער טאָג געוואָרן, האָב איך גענומען טאַלעס־און־טפילן און בין אַוועק זוכן אַ מאָקעם־קאָדעש. געוואָלט אַליין זאָגן קאַדיש נאָך די קינדער...

יִיצכאָקס רויט־נאַקעטע ברייטע און צעקאַרבטע האַריקע הענט ליגן ווידער מיט די דלאָניעס אַרוף אף די קני, און די פינגער בייגן זיך אײַן און גלײַכן זיך אויס.

— רעב יִיצכאָק, — בעט זיך באַ אים די מומע ליבע, — מע דאַרף ניט. שווײַגט. רודערט ניט אוף די וויטעקן...

אָבער יִיצכאָק באַיאַר ווערט שוין ניט געשטילט. ער רעדט ניט נאָר מיט קאַס — ער רעדט מיט צאָרן. ער שרײַט קימאַט איבערן גאַנצן פעלד, ווי ער וואָלט וועלן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל הערן און וויסן: אים, יִיצכאָקן, האָט מען צו דער סייפערטוירע ניט צוגעלאָזט...

— אַז איך בין אַרויס פון בעסמעדרעש, האָב איך ניט געקאָנט געפינען צוריק דעם וועג צום באַלעגאַלעס שטוב. איך האָב ניט געוווּסט, אף וועלכער וועלט איך בין. איך שטיי באַם טײַך, די זון גייט אוף, איך קוק אף איר, און ס'איז מיר פינצטער אין די אויגן. שטאָק פינצטער. אַלץ אַרום איז שוואַרץ. דו האָסט אַמאָל געזען אַ שוואַרצן שניי? ליבע, איך שווער דיר באַם לעבן פון מײַנע אייניקלעך די יעסוימים, איך זאָל אַזוי דערלעבן זיי אופּציִען, ווי איך זאָג דיר דעם ריינעם עמעס. איך שטיי און אַרום מיר ליגן שוואַרצע שנייען... אַקיווע פירט מיך פאַר דער האַנט, און איך גיי, ווי אַ בלינדער. ער האָט מיך פאַרפירט צום דאָקטער, און ערשט דאָרטן, ליבע, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר דער געהענעם, ער איז מײַן גרעסטער סוינע.

— ווער, רעב יִיצכאָק?

— אַקיווע. דאָס איז ער שולדיק אין מײַן גרויסן אומגליק. שווײַג, ליבע, זאָג ניט. וואָס ווייסטו? ניט דאַניִעל, ניין, ניט ער, אָלעווהאַשאָלעם, האָט זי פון וועג אַראָפּגעפירט. דאַניִעל פלעגט ריידן מיט איר, ווי מיט אַ קינד. און זי איז נאָך דעמלט טאַקע געווען אַ קינד. וויפל איז זי אַלט געווען? נאָך ניט געווען קיין פולע זעכצן יאָר... אַקיווע האָט גערעדט מיט איר ערנסט. ער, וואָס פון אַלץ מאַכט ער כויזעק, ער האָט גערעדט מיט איר, ווי מיט אַ דערוואַקסענער. דאָס האָט ער זי באַ מיר אין יענער נאַכט פון סאָד אַרויסגעגאַנוועט. דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט: פון זײַנע רייד מיט איר וועט קיין גוטס ניט אַרויס. האָב איך זי צוגענומען פון אים און זי געהאַלטן לעבן זיך אַ גאַנצן זומער אין סאָד. נאָר וואָס האָט עס געגעבן?.. ס'האָט ניט געהאָלפן. פון אַן אומגליק קאָן מען זיך ניט אויסבאַהאַלטן. ער איז געווען מײַן קוילער. דאָס האָט ער, דער „אַקיווע־פּרײַנט״, איר געהאָלפן אַנטלויפן פון דער היים. יאָ, יאָ, ליבע, ער האָט זיך מיר איינ־מאָל אַליין אין דעם מודע געווען. ער וויל זיך פאַרענטפערן: ניט אַזוי האָט ער געוואָלט, ניט דאָס האָט ער געמיינט... באַ אָט די לײַט איז דאָך דעריקער געפינען דעם טערעץ... עמעס, זי האָט אים אויך גוט צעבראָכן דאָס לעבן. פאַרוואָס, מיינסטו, האָט ער ניט כאַסענע? ער קאָן זיך אויך קיין אָרט ניט געפינען. ער שלעפּט זיך אַרום מיט דער בויד פון שטאָט צו שטאָט און

שפילט טריִאטער... פרעג בא אים, צו וואָס דאַרף ער די קאָמעדיִאַנטן, וואָס איז עס פאַר א לעבן? וועט ער דיר אָפּקומען מיט א וויץ, מיט א כאָכמעלע, מיט א ווערטל. ער זיצט, זאָגט ער, אַף א וועגעלע און פאָרט צו עפּעס א גאָלדן לאַנד... פּונקט ווי גאָלדענע לענדער וואַלגערן זיך אונטער די רעדער. מיך וועט ער אָבער ניט אָפּנאַרן. איך ווייס: ער וואַרט און האָפט נאָך אַלץ אַף איר... מיך, ליבע, כידעשט שוין גאָרניט. וואָס קאָנען מיר טאָן, אז דער, וואָס לעבט אייביק, זיצט אַפן הימל און שפּאַרט זיך אָן אַף אונדז מיט די פיס...

ייִצכאָק באָיאַר ווערט ווידער אַנשוויגן. דערפאַר אָבער ריידן זײַן פּאָנעם, די וויִע אַפן פאַרזשמורעטן אויג, דער פאַרקנייטשטער הויכער שטערן, די אופגעהויבענע ברעם, די ביינער, וואָס קראַכן אונטערן פעלצל, און אַפילע דאָס אַלטע סויבלענע יערושע־היטל, וואָס קריכט אַלץ מער צום האַלדז־און־נאַקן אַראָפּ. מער פון אַלץ ריידן באַם ייִדן די הענט...

די זון זעצט זיך. די שוואַרצקײַט פון וואַלד דערנעענטערט זיך. זעלטענער טרעפט זיך שוין א דאָרף באַם וועג. בלויז איינצלנע כאַטעס, ווי אָפּגעריסענע פון וועלט און לעבן, שטייען אַף די בערגלעך, און פינקלען פון צווישן די גרינע יעלן אַרויס מיט די פאַרגעלט־פײַערדיקע פענצטערלעך. ייִצכאָק בייגט זיך אָן צום קינד:

— ס'שלאָפט, דוכט זיך?

— יאָ, רעב ייִצכאָק, ס'איז אַנשלאָפן געוואָרן.

— ס'זאָל זיך, כאָלילע, ניט צוקילן. פאָר, אַוראָם, פאָר. ס'כאַפּט אַף באַנאַכט א גוט פרעסטל. — און ער נעמט פלוצעם אָן די מומע ליבע באַם עלנבויגן:

— זאָג מיר, ליבע, זאָג מיר, וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן דעם דאָקטער? זײַן יעדעס וואָרט עגבערט מיר דעם מויעך. פון זײַנע רייד באַגיסט זיך מיר דאָס האַרץ מיט בלוט. און ער שנײַדט און שנײַדט, ווי א גאַזלען... און „אַקיווע־פרײַנט“ שטייט בא דער זײַט, האַלט אין די הענט א שאַרבן פון א מענטשן און שמייכלט. אז אַלץ, וואָס דער דאָקטער זאָגט, ווייס איך עס פון פריִער. וואָס קאָן ער מיר זאָגן? ס'קאָן דען אַף דעם זײַן עפּעס א פאַרענטפערונג? ס'קאָן דען פאַר דעם זײַן עפּעס א טערעץ?.. איינס אָבער, די עמעסע סיבע, וואָס האָט זי געבראַכט צו שמאַד, האָב איך טאַקע פריִער ניט געוווּסט. כ'האָב עס ניט געוואָלט וויסן. ס'קאָנען דען אַף אַזעלכע זאַכן זײַן סיבעס? נאָר דאָ, אז כ'בין שוין אַרײַנגעפאַלן אין געהענעם, זיץ איך און הער. ווײַזט זיך אַרויס, אז ווען זי איז פאַרוואָרפן געוואָרן קיין פּעטערבורג, זי האָט זיך שוין דערשלאָגן אָנקומען ערגעץ שטודירן, פאַר א גלעגער און פאַר א ביסל קוליש איז זי געוואָרן ערגעץ א דינסט, אַלצדינג איז שוין, דוכט זיך, געווען גוט, האָט זי דאָך אָבער קיין פּראַוואָזשיטעלסטווע ניט. די פּאָליציי וויל זי אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ, אָדער זי זאָל זיי ברענגען יענץ ביכעלע...

— וואָסער ביכעלע, וועלכעס ביכעלע? — בלײַבט די מומע ליבע זיצן מיט אָנגעשטעלטע אויגן.

— וואָסער ביכעלע, וועלכעס ביכעלע... קרימט זי איבער ייִצכאָק מיט קאַס. נאָר דערפילנדיק, אַז אומזיסט פאַלט ער אָן און בייזערט זיך אַף ליבען, ער אַליין האָט דאָך געשטעלט די זעלבע שײַלע, און ווען דער דאָקטער האָט אים דערקלערט, איז אים, ייִצכאָקן, אַלץ אַרום ווידער שוואַרץ געוואָרן...

— וואָסער ביכעלע, פרעגסטו? — ער בייגט זיך אָן צו איר און רעדט קוים אַרויס. — אַז זי איז א נאַפקע...

די מומע ליבע פאַרברעכט די הענט:

— און אַזאַ האָט פּראַוואָזשיטעלסטווע?

— יאָ, ליבע, א נאַפקע האָט בא ניקאָלקע גאַנעוו אַלע פּריווילעגיעס... א קינד פון זעכצן יאָר... איינע אַליין... — ער פאַרמאַכט די אויגן. דאָס פּאָנעם ווערט אים אויסגעקרימט, אין האַלדז נעמט אים כאָרכלען.

— רעב ייִצכאָק, — שרײַט אויס די מומע ליבע, — גאָט איז מיט אײַך!

— שרײַ ניט, ליבע, שרײַ ניט, — זאָגט ייִצכאָק מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ. — מיר זיצן, ליבע, אַף די טײַכן פון באָוועל, און מיר דאַרפן נאָך אַלע טאָג זאָגן: מאַ טובו אוהליך יעקב[1]... — ער קלאַפּט אויס דאָס פאַרלאָשענע ציבעקל אין דער דראַבינע. — אין שטאָט דערציילט מען, ווען דער אַלטער לאַנדע האָט דערזען דעם מיזיניק ליגן אַף דער ערד אין בלוט, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען, אז ס'איז ניטאָ קיין גאָט אַף דער וועלט... אוי, ליבע, פאַרשטיי איך אים, דעם אַלטן דײַען. איך דאַרף זיך דיר מודע־אומיסוואָדע זײַן, אז ווען דער, וואָס לעבט אייביק, זיצט ניט אַזוי הויך, וואָלט איך אים אויסגעזעצט אַלע פענצטער.

ייִצכאָק באָיאַר טוט דערשראָקן א פיר מיט די אויגן איבערן הימל און נעמט ווידער אָן די מומע ליבע באַם עלנבויגן:

---

[1] — מ א ט ו י ו ו ו א ו י ה אָ ל ע כ אָ י א א ק ו י ו ו — ווי גוט זײַנען דײַנע געצעלטן, יאַנקעוו.

— אדעראבע, זאָג דו, ליבע, וואָס האָב איך געדאַרפט ענטפערן דעם דאָקטער? פון זײַנע רייד שטעלט זיך מיר אָפּ דאָס האַרץ, די האָר שטעכן אין קאָפּ. און ער שנײַדט און שנײַדט... ער דערציילט, וויִאזוי די זשאַנדאַרן האָבן זי געשלאָגן אין טורמע, ווי זיי האָבן זי געטראָטן מיט די פיס. מע פלעגט זי אָפּגיסן מיט קאַלטן וואַסער און ווײַטער פײַניקן. זיי האָבן געוואָלט פון איר, אַז זי זאָל אויסגעבן, ווער ס'איז נאָך געווען מיט איר?.. נאָר זי האָט געשוויגן. הא, ליבע, אַ קויעך פון אַ מענטשן! איך בין גרייט געווען לויפן אין טורמע, גיין פאַר איר אַף דער טליִע, זיך ווארפן פאַר איר אין פײַער אַרײַן, נאָר אין מײַנע אויערן זײַנען געשטאַנען די געשרייען פון אַ בעסמעדרעש מיט ייִדן: „איבער איר איז שיר ניט אויסגעשאָכטן געוואָרן אַ שטאָט. דער כאַלעף הענגט נאָך איבערן קאָפּ“... און איך זיץ, ליבע, און ריר זיך ניט פון אָרט. מ'טאָר ניט, ייִצכאָק, — זאָג איך צו זיך אַליין, — מע טאָר ניט. זאָל דער דאָקטער טויזנט מאָל זײַן גערעכט: די שוואַרצע מייִע וועט סײַווי עפּעס צוטראַכטן. אויב ניט כיירוס, וועט מען צוטראַכטן אַן אַנדער בילבל. דאָס אַלץ, ליבע, פאַרשטיי איך. נאָר פאַרוואָס וויל די זשאַנדאַרמעריע זי אָפּגעבן אַף פּאָרוקע נאָר מיר? פאַרוואָס גיט מען זי ניט אָפּ צו דעם קרעסטנעם באַטקע אירן?.. זי הייסט דאָך שוין: כריסטיא וואַסיליעוונאַ... ניין, ליבע, איך זאָל נעמען מיט מײַנע הענט און אַרײַנלייגן פײַער אין אַ סקירדע היי? ניין, דאָס, ליבע, וועל איך ניט טאָן. איך וויל ניט זײַן אַפילע אַף אַ האָר, אַפילע אַף אַ טויזנטכיילעק פון אַ האָר, וויל איך ניט זײַן די סיבע פון אַ בילבל... ניין, ליבע, ניין. דער, וואָס ס'העלפט מיט אין אַ בילבל, דער דאַרף ביפנײ קאָל אַם וואָיידאָ פאַרשטיינט ווערן. זײַן נאָמען דאַרף פאַרשאָלטן ווערן אַף דויר־דוירעס...

די שקאַפּע שטייט אינמיטן וועג, די מאָרדע אויסגעדרייט צום שליטן, די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעהאַנגען, און פירט מיטן צעשפּאָלטענעם אויער. די זון, אַ פײַערדיקע ראָד אין הימל, האַלט באַם זעצן זיך. אַווראָם, מיטן פּאָנעם צום פּאָטער, באַמערקט שוין לאַנג ניט, ווי זיי זײַנען שטיין געבליבן. די מומע ליבע זעט עס אַוודע ניט. פון ייִצכאָקס רייד וואַרפט זי פון קעלט אין היץ אַרײַן.

— זע נאָר, — כאַפּט זיך ייִצכאָק. — מיר שטייען דאָך, פּאָר, אַווראָם.

נאָר זעענדיק, ווי דער באָכער טוט זיך ניט קיין ריר, קריכט ער אַליין פונעם שליטן אַרויס, פאַריכט די שלייע אַפן פערד און פּלאָנטערט אַרויס די לייצעס:

— נאָ־אָ, — זעצט ער זיך צוריק אַרײַן אין שליטן, די פיס איבער דער דראַבינע. — נ־נאָ־אָ! מיט דיר, ליבע, איז מיר גרינג צו ריידן. מיר עסן מיט דיר ביידע שוואַרצע זאַלץ. נאָר מיט זיי, מיט די פּאַטלאַטע נעוויִים, קאָן איך ניט ריידן. פאַר זיי נעמט מיר אָפּ דאָס לאָשן. וואָס קאָן איך, אַ פּאָשעטער דאָרפסייִד, ריידן מיטן אַדוואָקאַט? באַ אים איז די צונג אײַנגעטונקען אין גאָלד, די פאַרנאָסע ליגט באַ אים אין מויל... אָבער עפּעס ענטפערן דאַרף איך דאָך? דערצייל איך זיי וועגן דעם קאָדעש — וועגן יאָנטלען. זאָלן זיי זיך טראַכטן, וואָס זיי ווילן... איך נעם אַווראָמען, בעט איוועגן, אַז זי זאָל דיר איבערגעבן, אויב דו טראַכסט פאָרן אַהיים, זאָלסטו זיך ניט פאַרהײַען. אַף מיר ברענט די הויט. איך וויל וואָס גיכער אַוועקפאָרן פונדאַנען... און ריווקע מיט מאַלקען זײַנען דאָרט אויך אײנע אַליין, מיט די יעסוימים. ריווקע קוקט דאָרטן אויס די אויגן אַף אַווראָמען. נ־נאָ, נ־נאָ־אָ! דעם באַלעגאָלע האָבן מיר אין שטוב ניט געטראָפן. די באַלעגאָלעכע, וואָס באַנאַכט האָב איך געמיינט, אַז זי שלינגט לעבעדיקערהייט מענטשן, זיצט באַם טיש, האַלט אַ קינד אַף די קני און האָדעוועט עס מיט אַ טיקווענער קאַשע. ליבע, ווי נאָר דאָס קינד האָט אופגעהויבן אַף מיר די צוויי גרויע אויגן, אַזוי האָט מיר גלײַך אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט אין קאָפּ אַרײַן. ס'האָבן זיך מיר אונטערגעהאַקט די פיס. זעץ איך זיך צו, הייס אַווראָמען גיין שפּאַנען דאָס פערד, און אַליין נעם איך זיך אין די הענט אַרײַן: ווייניק קינדער מיט אַזעלכע גרויע אויגן? אין ראַבע בעהיימע אַף דער וועלט? און איך הער, ווי די ייִדענע קלאָגט זיך פאַר מיר: די שכיינים האָבן הײַנט ווידער אָנגעמיימעסט איר מיידל. איר סערל האָט עפּעס אַ מאָדנע כאַלאַס, זי האָט ליב צו שפּילן זיך מיט פײַער. פון אונטער דער ערד קריגט זי שוועבעלעך און צינדט. לאָזט מען זי צו קיין שטוב ניט צו... איך הער ווי די ייִדענע רעדט, נאָר די גאַנצע צײַט ברי'ען מיך דעם קינדס אויגן... פרעג איך זי:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ס'איז אײַער קינד?

— אַ מאָשל, נו, — ענטפערט זי מיט פאַריבל, ווי איך וואָלט איר אָנגערירט דעם קאָוועד.

— פונוואַנען קומען צו מיר אַזעלכע פיסקליאַטעס? דאָס ייִנגסטע איז באַ מיר אַלט עלף יאָר. דאָס האָט מיר אַקיווע געבראַכט אַ מאַטאָנע. אָט ווערט שוין באַלד פינף כאַדאָשים, ווי ס'איז באַ אונדז. קאַרג אייגענע צאָרעס... — מער, ליבע, האָב איך מיט איר ניט גערעדט. כ'שפּרינג אַרויס אין דרויסן צו אַווראָמען. — דו האָסט ניט געהערט, — פרעג איך אים, — וועמעס קינד דאָס איז? אַקיווע האָט דיר גאַרנישט ניט געזאָגט? — שווײַגט ער. — וואָס שווײַגסטו, — נעם

איך אַף אים שרײַען. שפּאַנט ער דאָס פערד, הייבט ניט אוף דעם קאָפּ צו מיר און זאָגט: — טאַטע, ס׳איז כּיירוסעס קינד...

אווראָם שאָקלט צו מיטן קאָפּ: עמעס, אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט.

— וואָס דען, — פרעגט ער דעם פאָטער, — כ׳האָב געדאַרפט פאַרלייקענען?

— זאָל גאָט היטן, — זאָגט ייִצכאָק, — כ׳האָב דען צו דיר טײַנעס? הע, ווען זיי הייבן מיט מיר גלײַך אָן פון דעם קינד... נ־נאָ, וועלף זאָלן דיך אופרעסן, ננאָ־אָ! אַז ס׳האַנדלט זיך אין אַ קינד... ליבע, ס׳שלאָפט? ס׳זאָל זיך, כאָלילע, ניט צוקילן. הא, ליבע, עפשער עס נאָך מיט עפּעס אײַנדעקן?

די מומע ליבע ווישט אויס אינדערשטיל די אויגן:

— ניין, רעב ייִצכאָק, מע דאַרף ניט. ס׳איז גוט אײַנגעדעקט.

ייִצכאָק באָיאַר בלײַבט זיצן מיט דעם אײַנגעבויגענעם רוקן, דעם קאָפּ אַפּן אונטערגעהויבענעם אַקסל, דעם אויער אָנגעשטעלט, די באָרד אין דער האַנט און הערט זיך צו, ווי ווײַט אין פעלד קלאַפּן איבער די רעלסן צוג־רעדער. דאָרטן ערגעץ געפינט זיך אַ פאַרוואָרפענע צווישנסטאַנציע, אַ ווערסט אָנדערהאַלבן פון איר — אָן איבערוואַנדערונגס־טפיסע. באַלד דערהערט זיך אַ לאָקאָמאָטיוו־פײַף, און דער ווינט פאַרטראָגט איבערן שליטן אַ שטיק ווײַסן דאַמף־וואָלקן. ייִצכאָק טוט אַ שטילן קרעכץ. די מומע ליבע, ווי טאָמיד, ווען זי באַגעגנט זיך מיט יענעמס אָן אומגליק, פאַרגעסט זי אָן אירע אייגענע צאָרעס און זוכט מיטלען, ווי־אַזוי און מיט וואָס יענעם, ניט מיט רייד, נאָר מיט עפּעס מאַמאָשעסדיקס צו העלפן. אווראָם, די פיס אונטער זיך, פאַרנורעט אין שינעל, אַפּן קאָפּ די לאַנגהאָריקע סאָלדאַטישע פּאַפּאַכע, נאָך אַלץ מיט דער קאָקאַרדע, — דער קרעטשמאַר האַלט, אַז אין אַזאַ אומרויִקער צײַט, דערצו נאָך אין אונטערוועגס, קאָן דאָס „קנעפּל״ דינען פאַר אַ סגולע, — ער זיצט, אווראָם, אָנגעשפּאַרט אין דעם פאָטערס פּלייצע און רייכערט זייער פאַרטראַכט דעם גראָבן קאָרעשקע־ציגאַר.

דער טאָג גייט צום סאָף. די זון לאָזט זיך פון הימל אַראָפּ. די אוירינגלעך פון דער אַלכע רויטלען זיך צווישן די שנייען. אַף די צווײַגן, קעגן דער פלאַמיקער שקיִע, הייבן אָן די פייגל זייער גרויסע פרילינגס־ליד — די הייסע ליד פון אומרו און פון ליבע.

די שקאַפע, ווי נאָר אין שליטן איז שטיל געוואָרן, קיינער רעדט ניט, לויפט זי פריילעכער, שפּרינגט אַפילע אונטער, פריכעט, און אין גרויסן בויך וואַרפט זיך איר הילכיק די מילץ. ס׳איז שוין ניט ווײַט צום הויכברוקירטן שאָסיי. מע דאַרף אים איבערשנײַדן — און אין וואַלד אַרײַן. דאָרטן איז דער ווינט שטילער, דער שליטוועגס בעסער. דער שניי אין וואַלד ליגט נאָך ניט גערירט.

ייִצכאָק באָיאַר זיצט אַלץ דעם רוקן געבויגן, דעם קאָפּ אַפּן אונטערגעהויבענעם אַקסל, דעם אויער אָנגעשטעלט, די באָרד אין דער האַנט, די אויגן פאַרמאַכט, די ברעם אָנגערוקט, און הערט, ווי פון ערגעץ גייט אַ שטילער טרויעריקער ניגן. פון אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז ס׳ווײַזט זיך אים אויס, נאָר וואָס ווײַטער קאָן שוין קיין סאָפעק ניט זײַן: פון דאָרטן, פון דעם טאָל, וווּהין אַ האַלבע זון איז שוין אַראָפּ, פון דאָרטן גייט און שפּרייט זיך, ווערט אַלץ נעענטער און קלאָרער דער ניגן.

—איר הערט? — ציט ער אָן די לייצעס. — אווראָם, ליבע, איר הערט?

זיי הערן. אוודע הערן זיי. נאָר קיינער פון זיי קאָן ניט זאָגן, פונוואַנען, פאַרנאַכט אינמיטן פעלד, ווײַט פון אַ ייִשעוו, גייט דאָס געזאַנג. דאָס געזאַנג טרײַבט אָן אַ פּאַכעד. אין דעם צאַרישן רוסלאַנד, אין דעם לאַנד פון טפיסעס און טליִעס, רופט אַלצדינג אַרויס שרעק און ציטערניש. די געגנט געפינט זיך דאָך אַף אויסעראָרדנטלעכן צושטאַנד. מע קאָן דאָך אינמיטן וועג אָפּשטעלן, באַזוכן, אַרעסטירן — דו זאָלסט ניט וויסן, פאַר וואָס און פאַר וועמען? דערנאָך וועט מען דיך אַ האַלב־לעבעדיקן אַרויסשיקן, פאַרשיקן, ערגעץ אומברענגען, און קיינער וועט אַפילע ניט וויסן, וווּהין דײַנע ביינער זײַנען אַהינגעקומען. די שרעק אין שליטן וואַקסט. דערצו נאָך, דערנעענטערנדיק זיך צו דעם הויכברוקירטן שאָסיי, צו דעם „קאַזיאָנעם טראַקט״ מיט די טעלעגראַף־ און געשטרײַפטע ווערסט־סטויפּעס, דערזעט מען, ווי פון הינטער דעם אויסגעבויגן־געבערגלטן וועג, אַרומגעריִנגלט מיט רײַטער־קאָזאַקן, טרײַבט מען מענטשן. אַף דרײַ גרינע וועגענער מיט הויכע רעדער זיצן פרויען. דער מומע ליבע טריקנט מיטאַמאָל איבער אין מויל, און יענער מין איבל קומט איר ווידער אַרונטער אונטערן האַרצן. פון דערשרעק טוליעט זי זיך צום שלאָפנדיקן קינד. אווראָם שטעלט זיך אין שליטן אַף די קני, — מע זאָל זען דעם שינעל און די פּאַפּאַכע מיט דער קאָקאַרדע...

ייִצכאָק באָיאַר, זײַן פּאָנעם ווײַסער פון דעם שניי אין פעלד, שטעלט מיטאַמאָל אָפּ דאָס פערד און קריכט פון שליטן אַרויס. ער שטייט אויסגעגלײַכט, די הענט פאַרלייגט אַפּן רוקן,

דעם קאָפּ אופגעהויבן,ביידע אויגן אָפן — ער קוקט אהין, פונוואנען די מענטשן האָבן זיך באוויזן.

— טאטע, — זאָגט אוראַם, — מע דאַרף פּאוואָלינקע פאָרן... מע פירט אַרעסטירטע.

יִצחָק באַיאַר רירט זיך ניט פונעם אָרט. זײַנע אויגן לויפן איבערן טראַקט — זוכן עמעצן צווישן די געטריבענע.

באַם טראַקט פאַרהאַלטן זיך נאָך עטלעכע שליטנס. די אַרעסטירטע, דערזען באַם וועג מענטשן פון דער פרײַ, הייבן זיי אָן צו זינגען העכער. די קאָזאַקן שרײַען, טראָגן זיך הין־און־צוריק אַף די פערד, אַנטבלויזן די שווערדן, נאָר איבער די שקיִע־רויטלעכע פעלדער גייט און הייבט זיך די צאַרנדיקע ליד:

Вихри враждебные веют над нами,
Темные силы нас злобно гнетут.

יִצחָקס ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן, קײַלעכדיק געוואָרענע, לויפן איבערן טראַקט, בלאָנקען איבער די פּנימער פון די פאַרמישפּטעטע און געטריבענע. ניין. ניטאָ. דאָ גייען בלויז מאַנצבילען. די מערהײַט פּויערים — יונגע, בערדיקע און אַפילו זקיינים. און פּלוצעם טוט ער זיך מיטן גאַנצן קערפּער א וויג אַף צוריק:

— אוראַם, גיב מיר דײַן האַנט!

— טאטע, וואָס איז מיט דיר?.. נאַ, איך גיב דאָך דיר די האַנט.

ער נעמט ניט די האַנט און ער ענטפערט ניט. זײַנע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, אַף דער לעצטער פור, מיט אירע גרויע אויגן.

— אוראַם, — רעדט ער קוים אַרויס, — ס'איז זי...

— טאטע, ווו?

— אַף דער לעצטער פור... פון פאָרנט. די דריטע... כ'האָב געפילט, אַז זי דאַרף דאָ זײַן. זי האָט אויך דערזען... זעסט, אוראַם, זעסט, זי האָט אַראָפּגעריסן פון קאָפּ דאָס טיכל...

יִצחָק באַיאַר זאָגט דעם רײנעם עמעס. כיירוס האָט דערזען און דערקענט דעם טאַטער. זי שטעלט זיך אויף, נאָר זי קאָן זיך אַף די פיס ניט אופהאַלטן און פאַלט. ווערט זי טייקעף פון אירע שכיינים אונטערגעכאַפּט און אונטערגעהאַלטן. זי וויגט זיך, אין דער גיך־גייענדיקער פור, אַף זייערע הענט, פאָכט צום טאַטער מיט דעם פון קאָפּ אַראָפּגעריסענעם טוך, רעדט עפּעס צו אים... נאָר צו יִצחָקס שאַרפן געהער דערגייען ניט אירע רייד. דאָס געזאַנג און דער הילך פון די קאָזאַקן פאַרטויבן איר קאָל.

טוט זיך יִצחָק באַיאַר א לאָז צום טראַקט. אָבער צוויי קאָזאַקן פאַרקערעווען אַף אים די פערד... בלײַבט ער שטיין. ניט קיין פּאַכעד האָט אים אָפּגעשטעלט. די קאָזאַקן האָבן אים בלויז דערמאָנט, אַז ניט צום טראַקט האָט ער דאָך געוואָלט לויפן, עפּעס אַנדערס האָט ער דאָך געוואָלט טאָן. נאָר וואָס? ער קאָן זיך בעשום־אויפן ניט דערמאָנען. די פּײַן, אין אַזאַ רעגע, פון וועלן עפּעס טאָן און פאַרגעסן, איז א ווייטעקדיק־ברײַענדיקע, אין קאָפּ רוישט אים, די אופגעריסענע קײַלעכדיק געוואָרענע אויגן זעען אַלץ און גאָרניט... די שנייען הייבן אָן ווידער שוואַרץ צו ווערן.

אוראַם, דערזען, ווי די צוויי קאָזאַקן פאַרקערעווען די פערד, שפּרינגט ער מיטן שטעקעלע פון שליטן אַראָפּ, לויפט צו און שלעפּט דעם טאַטער צוריק: — וואָס, דו ווילסט זיך מיט אָט די הינט פאַרטשעפּען? זיי קאָנען דאָך דיך דאָ אָפּן אָרט אַף טויט אוועקלייגן. זיי וועלן באַקומען דערפאַר א געאָרגי...

ערשט ווען יִצחָק איז צוריק צום שליטן געבראַכט געוואָרן, ערשט דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט פריִער געהאַט בעדייע צו טאָן. ער כאַפּט אַרויס דאָס קינד פון דער בורקע, און הייבט עס אויף אינדערלופטן... דאָס קינד, פון שלאָף און איבערשרעק, צעווײנט זיך אַף א קאָל.

— נישקאָשע, ליבע, נישקאָשע, זאָל עס וויינען... זאָל זי זען דאָס קינד און הערן דעם קינדס קאָל...

דאָס געזאַנג ווערט אָפּגעהאַקט. א שווערע שטילקײַט בלײַבט שטיין אין פעלד. אַלע, סײַ די פאַרמישפּטעט־געטריבענע, סײַ די אַנגעפּאַרענע באַם טראַקט, פאַרשטייען, אַז דאָ קומט פאָר א שרעקלעכע באַגעגעניש. אַפילו די קאָזאַקן פאַרלירן זיך. כיירוס, אונטערגעהאַלטן פון די כאַ־ווײרים, שטייט אין גרינעם וואָגן, אין איין האַנט די צעשאָטן־געוואָרענע האָר, אין דער צווייטער — דאָס טיכל. זי שרײַט ניט, זי רײַסט זיך ניט צום קינד. זי שאָקלט נאָר מיטן קאָפּ: זי זעט, זי זעט, זי זעט אַלץ.... די פור באַוועגט זיך אַלץ גיכער און גיכער. די קאָזאַקן נעמען הילכן נאָך שטאַרקער, נאָר איבער די פאַרנאַכטיקע פעלדער טוט ווידער א שטראָם:

В бой роковой мы вступили с врагами,
Нас еще судьбы безвестные ждут...

און יִצחאָק באַיאר, אנטקעגן דעם פלאמיק־פארגייענדיקן טאָג, מיטן וויינענדיקן קינד אף די אויסגעצויגן־אופגעהויבענע הענט, באַגעגנט זיך אף א רעגע מיט די צוויי גרויסע צעשײַנטע אויגן, וואָס פאָרן דורך פארבײַ. די צוויי אויגן פאָרן אָפּ אלץ ווײַטער און ווײַטער... איין וואָרט דערטראָגט זיך צו אים:

— טאטע...

דער מומע ליבע איז דערנאָך לאנג אויסגעקומען צו אײַנשטילן און צו בארויִקן דאָס קינד. זי האָט עס געוויגט אף די הענט, צו דעם עפּעס גערעדט און דערציילט, אליין ניט געהערט איר קאָל און אליין ניט געוווסט, פון וואָס און פון וועמען זי דערציילט. סאָפּקאָלסאָף איז דאָס קינד, מיטן צוקערלעקעכל אין הענטל, וואָס אווראָם האָט דעם פון דאָבציעס מאטאָנעס געגעבן, אנשלאָפן געוואָרן. אלעמאָל האָט זיך עס אָבער געוואָרפן פון שלאָף און געכליפּעט. מען איז געפאָרן שוויַיגנדיקע. אין די נעשאָמעס טרויער, אין די הערצער — אן אומבאהאָלפענער צאָרן.

— נ־נאָ־אָ, — שרײַט יִצחאָק אפן פערד און קלאפּט מיטן בײַטש־שטעקל איבערן שליטן.

— נ־נאָ־אָ!..

ארום האלבער נאכט האָט דער ווינט געבראכט אין וואלד ארײַן א רייעך פון רויך. אינגיכן האָט מען פון שליטן דערזען — ווײַט, און ווי פון דער ערד ארויס, רײַסט זיך א פײַער. דאָס פײַער באווײַזט זיך און באהאלט זיך, ווי מע וואָלט עס דאָרטן מיט עפּעס צוגעשטיקט. צום הימל הייבן זיך געקרײַזלטע גרוי־שווארצע וואָלקנס. באלד אָבער רײַסט זיך דאָס פײַער אין א צווייט אָרט ארויס, און דער פלאם הייבט זיך אלץ העכער און העכער, צינדט אָן די הימלען, פארכאפּט די לעוואָנע.

— רעב יִצחאָק, — האלט ניט אויס די מומע ליבע, — דער וואלד ברענט...

— זאָל ברענען, ליבע, זאָל ברענען... נאָר די סרייפע איז ווײַט. מיר דוכט, אז ס׳ברענט דער פאָרעץ באָגושעווסקי... נ־נאָ־אָ!

רויטע שאָטנס לויפן איבער די שווארצע שטאמען. די שקאפע כראָפּעט, ווארפט זיך פון וועג. אין וואלד הייבט אָן צו שמעקן מיט געברענטן וואָל און מיט געבראָטענע ארבעס. אין הימל ארײַן פליִען גאָלדענע סנאָפּעס פונקען, און איבער דער ערד הענגט די האלבע לעוואָנע, ווי א גלאנציק־אָנגעשארפטע פארבלוטיקטע האק...

## איטשע באָרוכאָוויטש

### אַזאַ ווי אַלע

איך ווייס: איך בין אזא, ווי אלע, —
איך טראָג קיין פליגל הינטער זיך,
אף קאָפּ אנטבלויזטן דונערס פאלן
און קעלט פארקריכט אין מײַנע שיך.

איך בין אזא, ווי דער, ווי יענער, —
דער זעלבער ווי די הויט מיר שינדט,
איך בין ניט בעסער און ניט שענער
און אויך ניט גליקלעכער, באשטימט.

נאָר פרווו זיך ווער מיט מיר פארגלײַכן,
ווען ליד רײַסט אוף מײַן שטומקײַט, ווען
די ווײַטן הייבן אָן זיך שלײַכן
בא מײַנע אויסגעשטרעקטע הענט;

ווען ערד און הימל, בארג און נידער
פארגעסן זייער שטרענגע וואך
און טרעפן זיך ווי גוטעברידער
בא מיר אין הארצן אומדערוואַרט;

ווען גאַר די וועלט מיט זאָרגן אירע,
אין פרייד און ליידן אָנגעטאָן,
מײַן פעסטן אקסל טוט בארירן
און גלויביק שפארט אף אים זיך אָן...

### רעגנבויגן

אָ, יענע זיבן ליבע פלאמען,
וואָס זיבן הימלען פארבן בונט! —
ס'איז קיינמאָל זיי ניט ענג צוזאמען,
כאָטש שטרענג געצוימט איז זייער בונד.

אין זיי — פון דונערן דער ציטער,
פון בליץ פארלאָשענעם די שאַרף,
אין זיי פארשפינט איז ערד און נידער,
ווי אינעם אָנהייב פון באשאַף...

* *
*

איך קאָן דיר גאָרנישט ניט פארגעבן —
פון פרעמדע הענט קיין איין באריר.
כ'וועד טויב,
כ'וועד טויב,
כ'וועד טויב פון יעדן
קלאַפּ דײַנעם אין א פרעמדער טיר.

פון פרעמדן גרוי אין ווײַסלען דײַנע,
פון פרעמדן אָטעם בא דײַן ליפּ —
כ'וועד בלינד,
כ'וועד בלינד,
איך זע קיין שײַן מער...
פארגיב מיר, טײַערע, פארגיב...

## א טראָפּן ליכט

דו האָסט געזען, ווי ס'פאלט א
שטערן
פון איימעדיקער הייך אראָפּ?
זײַן פלי צעגליטער, זײַן ניט ווערן —
איז ווי א שווערד איבער מײַן קאָפּ.

און ס'ווילט זיך קלאפּן אין די לאָדן
פון טויבער דרימלדיקער וועלט:
„שטיי אוף!
געשען עס האָט א שאָדן,
שוין נאָך א טראָפּן ליכט אונדז פעלט!..“

* * *

ס'האָט זון מיט רעגן זיך באגעגנט
אין ערעוומײַיקן מישמאַש,
פארשווענקט מיט שוים די רויע
וועגן,
צעפליקט די הײַטלעך אײַז מיט קאַס;

די שווארצע ערד האָט זיך געררייכערט
מיט גרינס, וואָס האָט נאָך קיין קאָליר,
און קאלטער שטיין ז'געוואָרן ווייכער...
— — — — — — — — — — — —
ווען ס'טרעפט דער גוס אין הארצן דיר!

## טרײַשאַפט

איך קוק אַף מײַנע הענט געזונטע,
אַף דלאָניעס ערדישע רעליעפן,
ווו הייכן בערגלען זיך באזונדער,
ווו ריטשקעס־וואנדערער זיך טרעפן.

איך לייג זיי דיר אַף צארטן אקסל,
די הענט מײַנע — מײַן שיקזאל שווערן.
ניט ווארף זיי אָפּ פון זיך פאראקשנט:
אזוינע הענט אַף טרײַשאפט שווערן.

* * *

איך גלייב אין אייביקײַט פון גוטסקײַט,
איך גלייב דעם רעגנדיקן גוס,
וואָס פאלט אַף דר'ערד, קעדיי צו נוץ זײַן
און אויסגיין אַף איר גרינער ברוסט.

איך גלייב אין אייביקײַט פון עמעס,
איך גלייב דער לויטערקײַט פון זון,
וואָס קלײַבט ניט אויס, מיט קאָפּ מיט וועמעס
צו שליסן איר באשערטן בונד.

איך גלייב אין אייביקײַט פון ליבע,
איך גלייב דײַן יעדן קער און ווענד,
אויב ניט — וואָלט גוטסקײַט זײַן פארטריבן,
אויב ניט — וואָלט עמעס זײַן פארשעמט.

## אווראָם וועלעדניצקי

מיר דרוקן דאָ דרײַ ניט פאַרעפנטלעכטע לידער, וואָס דער שרײַבער האָט אָנגעשריבן די לעצטע צײַט פון זײַן לעבן.

אווראָם וועלדעניצקי איז געווען ניט נאָר אַ באַדײַטנ־דיקער פּאָעט, ער האָט אויך אַ סאַך יאָרן פּרוכטבאַר געאַרבעט אַפן געביט פון ליטעראַטור־קענטעניש.

1959—1894

## די שטים פון פרידן

כ׳בין פאַרליבט אין פעלד אין ברייטן
מיט דעם ראַכוועס שײַן אינמיטן:
און עס דוכט מיר:
ניט פון ערגעץ —
פון די פעלדער קומט דער פרידן.

סײַ אין זומער־נעכט אין שטילע,
סײַ אין פראָסט — מיט ווינט
צעגליט,
טאָמיד כ׳הער אַ שטים, אַ ליד —
כ׳הער פון פעלד די שטים פון פרידן...

## צום בוים

איך קוק אַף דיר, פאַרשנייטער בוים —
די צווײַגן דײַנע
אין פראָסט און אין זאַווײ —
זיי גליִען.
ס׳איז יעדע אַף איר אויפן צעצווײַגט,
ס׳איז יעדע אַף איר אויפן צעצווילינגט.

איך זע איצט דײַן געדולד —
אָן אופהער וואַרטן,
וואַרטן
אַף דער צײַט פון בליִונג.
און כ׳שפּיר די אײַנגעשפּאַרטקײַט דײַנע
און דעם גלויבן
אין דעם פרילינג...

## דערהער איך די קלאַנגען...

דערהער איך די קלאַנגען פון דער גאָלדענער ליד,
ווערט פולער און פולער מײַן ערדישע גאָב.
מיר דוכט, כ׳בין אַ טויב — אין די הייכן איך פלי,
און גרינג פון די הייכן איך לאָז זיך אַראָפּ.

פון גאָלדענער ליד אָט דעם קלאַנג איך הער אײַן,
ווי דעם צאַרטן גערויש אין די שטראַלן פון זון.
פון איר,
פון דער פּרעכטיקער ליד,
עס רײַסט זיך אַ גאָלדענער ווונטש
אין וועלטן אין מײַנע אַרײַן.

יאַנקאַ בריל

געבוירן אין 1917 אין אָדעס. בײַם דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע אַנטיילגענומען אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1938. וווינט אין מינסק.

# אַן אויפשריפט אויף אַ געבײַ

1

די צוויי פישער־דערפלעך, וווּ עס וווינען דער זיידע וויאַטשעראַ און זײַן אייניקל מיכאַס, זײַנען צעטיילט דורך אַ גרויסער אָזערע. דעם זיידנס דערפל פּאַדוואַלאָקע געפינט זיך אויפן דאָרעמדיקן שיפּוי פון דעם שמאָלן האַלב־אינדזל, וואָס שנײַדט זיך טיף אַרײַן אין דער אָזערע ווי אַ לאַנגער זאַמד־פּאַס און צעטיילט זיך אויף צוויי אויס־גוסן. ניוואַשטשי, וווּ ס׳איז מיט אַ יאָר זיבן צוריק געבאָרן געוואָרן מיכאַס, זעט מען, אויב מע זאָל קוקן פונעם עק זאַמד־פּאַס, אויפן מײַרעוודיקן ברעג — אַ קילאָמעטער פינף ווײַטער מיטן וואַסער.

ס׳איז נאָך זייער פרי. די אויגוסט־זון הייבט אָן ערשט אויפגיין. אַרויפגעצויגן ביז די אויערן דער מאַמעס אָפּגעניצט פעלצל, שלאָפט נאָך מיכאַס אויפן היי אינעם שטעלכל. לאָמיר זיך פריִער דורכגיין צו דעם זיידן, אין פּאַדוואַלאָקע.

דער באָדן איז דאָ אַ שלעכטער, אַ זאַמדיקער, און בכלל איז דאָ פאַראַן זייער ווייניק באָדן — ניט מער ווי אַ העקטאַר אָדער צוויי אויף אַ כאַטע. פון דויר־דוירעס לעבן די פּאַדוואַלאָקער פון פישפאַנג — אַזוי איז געווען ביז די סאָוועטן און אַזוי איז אויך איצט, ווען די פּאַדוואַלאָקער זײַנען געוואָרן די בעסטע בריגאַדע פונעם גרויסן פישער־קאָלווירט. אַלץ איז דאָ דורכגעזאַפּט מיט פיש: מיט פיש שמעקט דער נאָמען פונעם דאָרף, ווי עס שמעקן די שלעפּ־נעצן (פּאַדוואַלאָקי איז דאָך די טײַטש שלעפּ־נעצן). מיט פיש שמעקן די אָזערע, דאָס זאַמד, די כאַטעס, די מעסערס, מיט וועלכע מע שנײַדט דאָס ברויט, די קישנס, וואָס מע לייגט אַוועק פאַר די געסט אין די היי־שטאַלן.

דעם זיידנס כאַטע קוקט מיט אַלע פענצטער אויף דער אָזערע, צו דער זון. הינטערן שײַער (און די שײַערס זײַנען דאָ, ווי די גערעטעניש, קליינינקע), אויף אַ הויך בערגל, סטאַרטשעט אַ פאַרוואַקסענער מיט ווילדגראָז דײַטשישער דאָט, וואָס איז דאָ פאַרבליבן נאָך פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. פון דעם דאָזיקן דאָט זעט זיך, ווי אויף דער דלאָניע, די אָזערע — די וואַסער־ראַכוועס, וואָס פאַרפילט קימאַט דעם גאַנצן רייף פונעם האָריזאָנט. ווען ס׳האָט נאָך געלעבט די אַלטע וויאַטשעריכע, פלעגט זי אָפט אַרויפגיין מיט דער סטעזשקע אויפן דאָט, און, פאַרשטעלנדיק מיט דער דלאָניע די אויגן, אַרויסקוקן אויף איר אומדערמידלעכן אָסטאַפּן. זי האָט אָפּגעלעבט, ניט צו פאַרזינדיקן, זיבן און זיבעציק יאָר. און אָט איז שוין צען יאָר, ווי דער זאָקן (ער איז געווען אַ ביסל עלטער פון איר) איז געבליבן אַליין. ערשט האַיאָר האָט ער אויפגעהערט פאַרנעמען זיך מיט פישערײַ. אָנגעהאַרעוועט האָט ער זיך אויף דער דאָזיקער שווערער פּראַצע ניט קיין דרײַ און דרײַסיק יאָר, ווי יענער, וואָס האָט געוואָלט דאָס גאָלדענע פישעלע כאַפּן, נאָר פונקט זיבן און זיבעציק. אַ סאַך פישער געדענקען שוין אפילו ניט, ווען האָט מען עס דעם זיידן געקרוינט מיטן נאָמען „קיניג פון די שלאַנג־פיש“ פאַר זײַן גרויסער בעריעשאַפט צו כאַפּן אָט די וווּנדערלעכע פיש, וואָס שווימען אַרויס פון דער טיף אין די שטורעם־נעכט אויפן בלענד פון די בליצן, שפּרינגען איבער די כוואַליעס, פויזען אַרויס אויפן ברעג אַ נאַש טאָן יונגן אַרבעס. לייגן רויק שווימען זיי

אוועק וויַט אין די וואַרעמע יאַמען. איצט פאַרקלײַבט זיך שוין דער זיידע אַליין אַף יענעם בערגל, ווו ס'פלעגט אים אַמאָל אַפּוואַרטן זײַן האַנוליע, און קוקט, פּונקט ווי זי, פון אונטער דער דלאָניע, נאָר מיט א שאַרפערן בליק, אַף דעם ליבן וואַסער, וואָס זײַן לאַסקע און קאַפּריזן ער האָט דערלערנט ניט ערגער, ווי די נאַטור פון זײַן פאַרשטאָרבענעם ווײַב, און דעם דנאָ פון דער אָזערע — בעסער ווי דעם דיל פון דער אייגענער כאַטע.

לויט דער אַלטער געוווינהײַט, האָט דער אויסגעדינטער „קיניג פון די שלאַנג־פיש" אויך הײַנט זיך אופגעהויבן א בליאַסק אַף טאָג. די אייניקלעך זײַנען נאָך געשלאָפן אַף דעם ברייטן געלעגער הינטערן אויוון — צעוואָרפן הענט און פיס. די שנור האָט זיך שטיל געייסעקט אַרום די קינדער. אַרופגעצויגן דאָס היטל אַף דעם ניט צעקעמטן סיוון קאָפּ, איז דער זיידע אַרויס פון שטוב, פאַרזיכטיק א סקריפּע געטאָן מיט דער טיר. ער האָט זיך געלאָזט מיטן שטעגל אַרופצו צום געוווינטעם באַאָבאַכטונגס־פּונקט. זײַנע טרוקענע פאַרבראַונטע פיס האָבן געשטעלט קרומלעכע טריט, ווי באַמיִענדיק זיך פעסטער באַטרעטן די ערד. די ברייטע קאַלאָשעס פון זײַנע גרויע הויזן האָבן אַראָפּגעשלאָגן דעם טוי פונעם קאַרטאָפל־גרינס. דער אַלטער האָט זיך געײַלט, נאָר ווען ער איז אַרויף אַפן דאָט, איז ער ווי פאַרגליווערט געוואָרן, קוקנדיק אַהין, פונוואַנען עס האָט אָט־אָט געדאַרפט זיך באַווײַזן די זון.

אַפן מיזרעך, פון הינטער די שטילע וואַסערן, פון הינטער די סאָסנעס אַפן ווײַטן בערגל איז אופגעגאַנגען א פלאַם. ניין, דאָס האָט זיך אים ניט אויסגעדוכט. דער פלאַם האָט זיך אָנגעהויבן צעוואַקסן, איז געוואָרן האַלב־רונדיק און ענדלעך זיך צעגאָסן אין א צונטער־רויטער ראָד, וועלכע האָט מאַמעש פאַר די אויגן זיך אָפּגעריסן פון דער ערד און גלײַך אַרײַנגעשניטן זיך מיטן אייבערשטן ראַנד אין א שמאָל כמאַרעלע, וואָס איז געהאַנגען אַפן האָריזאָנט.

הויך, הויך איבערן זיידנס קאָפּ איז א לײַכט וואָלקנדל געוואָרן ראָז. דאָס שמאָלע כמאַרעלע האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פאַרב, איז געוואָרן העלער, העלער, ביז עס האָט פאַרלאָרן די ראָזקײַט. די פײַערדיקע ראָד האָט דורכגעשניטן דאָס כמאַרעלע. די אָזערע האָט זיך פריידיק צעשײַנט.

אַפילע פונדאַנען, פונעם דאָט, האָט מען איצט געקאָנט זען, ווי הינטער דעם ריזיקן לינדנבוים, הינטער די שיטערע דאַרע סנאָפּעלעך קאָרן, הינטער דער אָפּבליִענדיקער הריקע און די בײַבריגיקע אָלכע־קוסטעס, בלאַנקען פון די ערשטע זונשטראַלן די פליגלען בא די מעוועס. אַף דאָרעם, הינטער דעם גרויסן אויסגוס, האָט זיך דײַטלעך אָפּגעשפּיגלט אינעם וואַסער דער סאָסנע־וואַלד, אַן אופגעהויבענער אַפן געלן שיפּויעדיקן ברעג. אַף צאָפן, דאָרט, ווו עס געפינען זיך דאָס דאָרף און דער פישער־קאָלווירט, האָט פאַזע דעם ברעג זיך געשפּרייט א נעפּל... מע האָט געקאָנט מיינען, אַז דער אַלטער אַקאַדעמיקער וואַסיל ראָמאַנאָוויטש, דעם זיידנס א גוטערברודער, האָט ווידער גענומען הייצן אין דער נײַער דאַטשע די הרובע און ווידער בורטשעט ער אַפן מאָליער, לעמײַ דער רויך ציט ניט אַף אַרויף. דער מיזרעך בלענדט די אויגן — די זון האָט גענומען דאָרט געוועלטיקן.

און איבער דער דאָזיקער גאַנצער שיינקײַט, אינעם ריינעם הימל, עטוואָס אָן א זײַט פונעם וואָלקנדל, וואָס האָט שוין פאַרלאָרן זײַן רויטקײַט, שטייט א פּולע לעוואָנע. זי לויכט שוין ניט. זי איז באַשיידן אָפּגעטראָטן פאַר דער אופגייענדיקער זון, בלאַס געוואָרן און גאָר גיך ווועט זי אײַנגאַנצן נעלעם ווערן.

נאָר דער אַלטער וויאַטשעראַ קוקט אַפן מיזרעך ניט קעדיי באַוווּנדערן די נאַטור. פון דאָרטן דאַרפן זיך באַווײַזן שיפלעך. די בריגאַדע האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט פונעם ערשטן האַיאַריקן פישפאַנג. ניט אַזוי אַף דער בריגאַדע וואַרט ער, ווי אַף זײַן זון. און ניט אַפילע אַזוי אַפן זון, ווי אַפן שיפל... אונטערן דאַשעק פון דעם צעקנייטשטן היטל, אונטער די גראָווע ברעמען זשמורען זיך אָנגעשטרענגט זײַנע אויגן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט פאַר זייער לעבן — סײַ אַף דער ליכטיקער זון, מיט וועלכער ס'איז פול דאָס דורכזיכטיקע וואַסער פון דער אָזערע, סײַ אַף דער קאַלטער געדיכטער פינצטערניש, ווען דאָס וואַסער און דער ווינט — שווער צו דערגיין, ווער איז אויבן און ווער אונטן — מאַכן זיך לוסטיק פון דעם מענטשנס אקשאָנעס. שוין מידע, אָבער אַלץ נאָך פישעריש־געדולדיקע, האָבן זײַנע ביסטרע אויגן פאַרט געפונען אינעם פריילעכן גאָלדענעם וואַסער־גלאַנץ דאָס, וואָס ער דאַרף.

— זיי גייען, — האָט דער אַלטער א שעפּטשע געטאָן.

די פיר שיפלעך זײַנען צוגעשטאַנען צום ברעג קימאַט אין א שאָ אַרום.

די ווײַבער און די אַלטע לײַט, אַפילע דאָס קליינוואַרג פון די פישער־מישפּאָכעס האָט זיך אַרויסגעשאָטן אַפן פײַכטן אײַנגעטאָפּטשעטן זאַמד. ס'האָט אויסגעזען גאַנץ מאָדנע: לעבנדיק באַם סאַמע וואַסער, האָט דאָס קליינוואַרג דאָך געהאַט פאַרמורזעטע פיס. גלײַך נאָכן אוילעם איז פון די כאַטעס, בוידעמער און פאַרשיידענע לעכער אַרויסגעקראָכן מעקאַבל־פּאָנעם זײַן די סיליאָווע די גאַנצע קעצישע באַפעלקערונג פון פּאַדוואָלאָקע.

די דערוואַקסענע האָבן הויך אָף אַ קאָל איבערגערופן זיך מיט די שיפלעך. פאַרקאַשערט די הייזלעך, אונטערגעהויבן די קליידעלעך, זײַנען די קינדער טומלדיק אַרײַן מיט די צערעפּעטע פּיסלעך אינעם ריינעם וואַסער, וואָס איז געווען לעבלעך, ווי די מאַמע וואָלט עס אָנגעוואַרעמט. די קעץ האָבן אָדער מיט אומגעדולד אַרומגעדרייט זיך צווישן די פישער, מיט די פאַריסענע עקן זיך געריבן אָן די פיס און הויך געמיאַוקעט, אָדער סאָליד, געלאַסן זיך באַלעקט, זשמורענדיק די פּויליאַקישע אייגלעך.

נאָר איינער זייער אַ דערפאַרענער קאָטער, דעם טיגערס אַ נאָענטער קאָרעוו, דער באַווּסטער אָפן גאַנצן דאָרף גאַנעוו טעראָשקע, איז געזעסן פונדערווײַטנס אָף אַ גרינעם בערגל און גלײַכגילטיק געקוקט סײַ אָפן וואַסער, סײַ אָף דער יאַבאָשע.

די פיר גרויסע שוואַרצע שיפלעך האָבן זיך אַרײַנגעשניטן מיט די נעז אינעם זאַמד. די ווײַבער, די זקיינים און די קינדער האָבן מיט אַ פריילעך געפילדער אַ לאָז געטאָן זיך צו זיי. די פישער — קאַרגע אין רייד, האָבן געשלעפּט די טונקל־ברוינע נעץ־זשמוטן, אין וועלכע עס האָבן שעמערירט שוין מיט אַ טויטן זילבער אָן אַ שיר סיליאַווקעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַרודנע אַרבעט — אַרויסציִען די פיש פון די נעץ־אייגלעך, אײַנפּאַקן זיי אין קאַסטנס, קעדיי נאָכדעם אָנלאָדן אָפן קאָלווירטישן קאַטער, וואָס דאַרף אונטערקומען.

דער אַלטער וויאַטשעראַ, כאָטש ער באַקומט אַ פּענסיע, קאָן ניט אײַנזיצן אין שטוב. נאָך נעכטן האָט ער זיך אויסגעקליבן אַ זיכער אָרט, קעדיי האָבן אין אויג אַלע פיר־און־דרײַסיק־מעטראָווע נעצן, וועלכע מע האָט, ווי אַן אומבאַמערקטע וואַנט, אַראָפּגעלאָזט אין דער טיף אָף אַנקערס און שווים־קלעצלעך און זײַנען איצט געווען געדיכט אָנגעפּיקעוועט מיט סיליאַווע. ניט איין פישסטײַע האָט, שפּילנדיק זיך אָדער אַנטלויפנדיק פון די העכטן, זיך אָנגעשטויסן אָף דעם פאַרבאָרגענעם קאַפּראָנעװון טויט. ווי געוויינלעך זײַנען די אַלטע סיליאַווקעס געבליבן שטעקן אין די נעץ־אייגלעך מיט די זשאַברעס און די יונגע — מיט די נאָפּלען. דאָס פעטע פישל איז שוין פון לאַנג אַנשלאָפן געוואָרן, ווי נאָר עס האָט זיך אַרײַנגעפּאַקט אין דער נעץ אַרײַן. אין די נעצן, אין די הענט, אין די קאַסטנס, וואָס זײַנען געשטאַנען אָפן זאַמד, האָט אָנגענעם געשמעקט מיט רייצנדיקער פרישקײַט.

— נו, באַטקאַ, שוין איינמאָל אַ געפאַנג, — וואָ!

וויאַטשעראַס זון, איוואַן, אַ הויכער בלאָנדער מאַנצבל פון אַ יאָר פערציק, וואָס האָט הײַנטיקן ווינטער פאַרנומען דעם טאַטנס אָרט אַלס בריגאַדיר, האָט אויסגעווישט די הענט אָן די פּלודערן און גענומען פאַרדרייען אַ ציגאַר.

— מירן הײַנט זיך לאָזן אַהין, אין דער זײַט פון מיטראָפאַניכע, — האָט דער אַלטער באַוויזן מיט דער לאַנגער האַנט אָף דער ענדלאָזער שפּיגלדיקער ראַכוועס פון דער אָזערע. — וועסט עפּשער אין שיפל רייכערן, איוואַן? לאָמיר פאָרן!

— וווּהין?

— כ'האָב דאָך דיר נעכטן געזאָגט.

— ווידער די זעלבע מײַסע!.. האַנאָטשקע! ניט צופּ אַזוי, מיידעלע מײַנס. דו קענסט ניט, טאָ קוק זיך בעסער אײַן ווי די מאַמע טוט.

אַ קײַלעכיק מיידעלע מיט גרויסע ליכטיקע אויגן, זייער אָן ענלעכע אָפן פאָטער, האָט זיך געפּאָרעט מיט אַ פישל, און ניט געקאָנט עס אַרויסשלעפּן פון דער נעץ. אַ יונגער ראַבער קאָטער, פונקט ווי ער וואָלט וועלן אַרויסהעלפן דאָס מיידעלע, איז האַסטיק אַ שפּרונג געטאָן און האָט אײַנגעקלאַמערט זיך אין דעם פישל, ביז מורמלענדיק דערבײַ. דאָס מיידעלע האָט אַ געשריי געטאָן: „אַקאָטאַ, אַ פּעגירע אָף דיר!“ און דער טאַטע האָט אונטערגעכאַפּט דעם קאָטער פאַרן בויך און אַ שלײַדער געטאָן אינעם וואַסער אַרײַן.

— נאָר דו האָסט דאָ געפעלט, אַ רוען אין דײַנע ביינער!

דאָס איז געווען אַן אַליאַרעם־סיגנאַל. טעראָשקע, דער סאַמע דערפאַרענער פון אַלע פּאָדוואָלאָקער קאָטערס, האָט זיך אַ לאָז געטאָן פײַל־אויסן־בויגן פון דער אָזערע און נאָך אים — דאָס גאַנצע קאַצן־פאָלק. ביז יענעם ראַבן שלימאַזל האָט, גיך־גיך אַרבעטנדיק מיט די פּיסלעך, קוים זיך אײַנגעגעבן אַרויסקריכן פון וואַסער, איז די גאַנצע קאַצן־קאָלאָניע שוין געזעסן אָף די פּלויטן און סטרעכעס און באַלעקט די וואָנצן, קוקנדיק מיט באַדויערונג אָף דעם פאַרשפּילטן גאַניידן.

קימאַט קיינער האָט ניט געלאַכט, כוץ האַנאָטשקען און דעם איבעריקן קליינוואַרג. קוקנדיק אָף זיי, האָט זיך אויך צעשמייכלט דער יונגער וויאַטשעראַ, באַהאַלטנדיק אונטער דעם שמייכל זײַן אופגעבראַכטקײַט.

— עך, באַטקאַ! וואָס האָסטו פאַרטראַכט? אָבער וואָס קאָן איך טאָן — כ'וועל גיין נעמען די זעג מיט דער האַק.

דער דאַרעמדיקער ברעג פונעם גרויסן אויסגוס, צו וועלכן עס האָבן זיך געלאָזן שווימען דער אַלטער און איוואַן, איז פול מיט שטענדיק־לעבעדיקן געררויש פון סאָסנעס.

ס׳ארא כּיעס דאָ איז. וואָלט נאָר צײַט געווען צו קוקן זיך מיט דער דאָזיקער שיינקייט!

אויך איצט: אונטן שפּרייט זיך אין דער פרימאָרגנדיקער רויטלעכער שײַן דער ווערעסק, און איבער אים הייבן זיך געדיכט אויף דינע סאָסנעס, אויך באַגאָסענע מיט זון. ווי גוט איז פאַרוואַרפן דעם קאָפּ און קוקן אַף זייערע גרוי־גרינע געקרײַזלטע קרוינען, וואָס אַפן פאַן פון דער וואַרעמער בלויקייט און פון די פּערל־קאַליריקע וואָלקנס זעען זיי אויס אַלע קימאַט ווי שטאַלענע. די סאָס־נעס רוישן, ווי זיי וואָלטן נאָכאַנאַנד דערציילט וווּנדערלעכע מײַסעס פון דער קינדהייט, — אַ מײַסע נאָך אַ מײַסע... געשיכטעס פול מיט כּאַכמע און מיט גרויסער רו. הײַנט שווײַגט די אָזערע. דער פלאַכער קלאָרער זאַמדיקער ברעג, וואָס איז ווו־ניט־ווו באַפלעקט מיט קופּקעלעך שיטערן גראָז, זופּט מיט שטילן טײַנעג אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע. די מעוועס שפּילן איבערן וואַסער־שפּיגל — אָט גיבן זיי זיך אַ לאָז אַראָפּ עפּעס וואָס אַ כאַפּ צו טאָן, אָט זעצן זיי זיך אַוועק אַפן פײַכטן זאַמד, וואָס איז אויסגעגלעט פונעם כוואַליעס־צופּלוס. דאָ און דאָרט זעען זיך פּעדערן פון מעוועס. דאָ קאָן מען אויך געפינען אַ צעבראָכן שיפל, וואָס אַ שטורעם־כוואַליע האָט אַרויס־געשלײַדערט אַפן ברעג. ליגט עס אַזוי פון קיינעם ניט באַמערקט און פוילט אַף דער זון. דאָס שיפל לאָזט מען ליגן דאָרט, ווו ס׳האָט מיט דעם געטראָפן דאָס אומגליק. אַזוי פירט זיך בא די פישער.

ווײַטער צו דאָרעם צו איז דער ברעג הויך און שטייליק. פון אונטן איז ער פול מיט יאַם־שטיינדעלעך, מיט אָנגעזייפּטן שוים. די גאַנצע צײַט, טאָג און נאַכט, יאָרנלאַנג שווענקט אונטער דאָס וואַסער די געלע שיכטן זאַמד, וואָס רוקן זיך אַראָפּ, אַנטבלויזנדיק פאַרטעטריש די וואָרצלען פון די סאַמע דרייסטע סאָסנעס, וועלכע זײַנען געדיכט אַרויס אָהער אַפן ראַנד פונעם ברעג־אָפּריס. זיי האַלטן זיך, די סאָסנעס, סײַ די גרעסערע, סײַ די קלענערע, מיט די לעצטע קויכעס אָט דאָ אַפן ברעג, נאָר סאָפּקאַלסאָף וועלן זיי מוזן פאַלן...

אויבן, אַפן ברעג, טרעשטשען, ווי שטענדיק, אונטער די פיס די דריבנע צווײַגלעך און די אויסגעטריקנטע בערעלעך. עס קוקן זיך איבער מיט די ליבע אייגעלעך די בלימעלעך „איוואַן דאַ מאַריאַ״. פון צײַט צו צײַט פײַפן זיך איבער אַף די ביימער־קרוינען שפּאַרבערס. נאָר דאָס פײַפן שרעקט קיינעם ניט.

ס׳איז מאַמעש אַ כּיעס, אַז אין אָט דעם ווילדן וואַלד מיט דעם וווּנדערבאַרן שטעגל, וואָס שלענגלט זיך לענגויס דעם ברעג, אַז אין דער דאָזיקער געדיכטעניש שנײַדט זיך מיטאַמאָל אַרײַן אַ פאַס שמעקנדיקער פעלד־קאָרן אָדער בליִענדיק קאַרטאָפל. אַ סימען, אַז אויך דאָ האָט אַ האָרעווע געטאָן דעם מענטשנס האַנט...

דער „קיניג פון די שלאַנג־פיש״ זיצט אין שיפל, ער רודערט מיט ניט קיין גרויסער וועסלע און קוקט זיך אײַן אינעם ברעג, וואָס איז באַוואַקסן מיט סאָסנעס. ער קוקט אַזוי, ווי ער וואָלט וועלן דאָרט עפּעס אויסקלײַבן. דער קין איז בא אים געדיכט באַוואַקסן. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ העכער ווי שטענדיק און דערפון איז זײַן רויִק געמיטלעך פּאָנעם געוואָרן בייז, אַפילע גיריק.

די סיבע פון דער בייזקייט זעט מען נאָך ניט. אָט־אָט וועט זי זיך אַנטפּלעקן באַם פּאַרקע־רעווען. נאָר דער אַלטער זעט שוין די סיבע: נאָך פון ווײַטנס־צײַט שטייט פאַר זײַנע אויגן דער שלאַנקער געדיכטער פײַיימער וואַלד, אַ צעקאַליעטשעטער פון די קאַרבן, וואָס מע האָט אויס־געהאַקט אין די שטאַמען, קעדיי טרײַבן די סמאָלע. נאָך אַ סימען פון אַ מענטשנס האַנט...

„אָפּגעדאַרט זאָל זי ווערן! זאָל גאָט באַהיטן פון אַ האַנט אָן אַ קאָפּ!״

אַזוי, דוכט זיך איוואַנען, טראַכט איצט זײַן אומרויִקער פאָטער.

און בא איוואַנען איז דער קאַס שוין אָפּגעפאַלן. פּאַוואָליע און געשיקט, מיט אײַנגעבוירענער פישערישער אַקשאָנעס אַרבעט ער מיט די וועסלעס און שמייכלט אונטער, קוקנדיק אַף דעם אָנגעבלאָזענעם טאַטן. עמעס, איוואַנען ווילט זיך איצט עסן, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? וועסט אים איבערשפּאַרן, דעם אַקשן? איוואַן זיצט מיטן רוקן צו יענעם אָרט, וווּהין זיי שווימען. פון הינטער דעם אַלטנס פּלייצע — אָט לינקס און אָט רעכטס — זעט ער בוילעט זײַן ליבע פּאַדוואַלאָקע. גרויסע סטרעכעס, שיטערע ביימער, אַ ליפּע, ווי אַ שוואַרצע כּמארע, הינטער זייער שײַער. לינקס אַ פאַרוואָרפענע האַלב־כּאָרעווע ווינטמיל. זי איז פאַרבליבן אינגאַנצן מיט צוויי אָפּגעפּליקטע פליגל און זעט אויס ווי אַ גרויסע לאָנקע־פליג. צווישן דער ליפּע און דער ווינטמיל סטאַרטשעט אַרויס, ווי אַ בראָדעוואָקע, דער דאַט. דער ברעג איז פול מיט שיפלעך און מענטשן. די מענטשן גייען זיך שוין פאַנאַנדער. עך, אַ רועך זאָל עס נעמען, אײַן, צווײַ, דרײַ. ווי גוט וואָלט געווען

איצטער אויסציִען זיך אף דעם פרישן היי אונטער דער קילבלעכער סטרעכע פונעם שײַער. מאַניע וואָלט אהין געבראכט אָנבײַסן, הא? די טיר וואָלט זיך נאָך איר אליין פארמאכט...

איוואן מיטן אלטן זײַנען שוין געווען ניט ווײַט פונעם ציל. עס האָט זיך שוין אפילו געהערט ניט נאָר דאָס וועסלע־געפּליעסק, — אויך דאָס טרויעריקע רוישן פון די אָנגעקארבטע סאָסנעס. און מיטאמאָל איז פאָרגעקומען אָט וואָס: איוואן האָט פלוצעם דערזען גאַנץ פּאַדוואלאָקע הינטער דעם רוקן פון דעם אלטן. דאָס דאָרף איז געשוואומען, געשוואומען, געשוואומען אף רעכטס.

— וווּהין האָסטו פארקערעוועט, באַטקאָ?

— וווּהין מע דאַרף. רודער א ביסל גיכער.

לעכאַטכילע איז איוואן בייז געוואָרן — ער איז שוין אינגאנצן ווי א קינד, דער אלטער! — דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט. זיי האָבן פארקערעוועט אהיים... מיילע, נאָכדעם, אז דער אלטער וועט זיך באַרוזקן, וועלן מיר זיך שוין דערוויסן, וואָס איז דאָס געווען פאר א מעשוגאַס... איוואנען האָט פארשמעקט מיט געפּרעגלטע פיש.

די קרײַזן אפן וואסער, וואָס דאָס שיפל האָט געמאַכט, גלאַנצן און שפּיגלען זיך אָפּ אפן זאַמדיקן דנאָ. א ביסל ווײַטער פונעם ברעג, אין דער טיף פון פיר־פינף מעטער, זעען זיך געדיכטע הויכע וואַסער־געוויקסן — פונקט ווי א וואַלד פון אונטער אן עראָפּלאַן־פליגל. דערנאָך גייט אוועק די „טיפעניש“ — א סוידעספּולער בלוי־גרויער אָפּגרונט. דאָרטן, אינדערשטיל, שמײַען ארום נאָך רויב גרויסע, ווי קלעצער, זוילעלוועסויוועניקעס — די העכט. זיי שמײַען ארום, א ניכפּע אף זיי, אָבער אין דער נעץ קריכן — דאָס ניט.

די סיליאַווע פרעגלט זיך אָן א נאָגל שמאַלץ. אויב דו אײַלסט, קאָנסטו זי אפילו ניט אָפּ־רייניקן, מע דאַרף בלויז גוט זי איבערוואַשן. פרעגלען זי איז בעסער פון אלץ אין אויוון, קעדיי דאָס פײַער פון די טרוקענע, ווי זאַלץ, סאָסנע־שײַטלעך זאָל צוברוינען די פיש.

די מאַנצבלען זײַנען ארײַן אין כאַטע. מאַניע האָט זיי נאָך דערזען פון פענצטער, ווען דאָס שיפל איז צוגעשטאַנען צום ברעג. זי האָט זיי טייקעף דערלאַנגט צום טיש א גרויסע, שמעקנדיקע, שיפּענדיקע סקאָווערעדע מיט פיש. איוואן האָט אָנגעשניטן גראָבע לוסטעס פריש ברויט און מיט אומגעדולד א רוף געטאָן פון פירהויז דעם טאַטן. דער אלטער איז ארײַן אין כאַטע מיט א פלעשל געלע פערצאָווקע.

— געלעבט האָט איינער א טשודאַק, — האָט ער געזאָגט, אוועקשטעלנדיק אפן טיש דעם האַלבן ליטער, — וואָס פלעגט מיט יעדן טיפּעש טיילן דעם ביטערן טראָפּן. גיב, מאַניע, א גלאָז און אליין זעץ זיך אויך אוועק.

ער האָט א זעץ געטאָן מיט דער דלאָניע אין דעק פון פלאַש, לײַכט ארויסגעקלאַפּט דעם קאַרטאָנענעם קאָרעק און אָנגעגאָסן דאָס ערשטע גלעזל. פײַערלעך האָט ער צוגעווונטשן דעם זון מיט דער שנור א גוטן געזונט און פּאַוואָליע, מיט האַנאָע אויסגעטרונקען.

— און וואָס איז געווען ווײַטער? — האָט א פרעג געטאָן איוואן מיט א פאַרבאָרגענעם שמייכל, קוקנדיק אף דעם זיך אויסלײַטערנדיקן פּאָנעם פון דעם אלטן.

— און ווײַטער האָט ער אָנגעהויבן אליין אויסטרינקען. מיט קיינעם זיך ניט געטיילט. — זאָל אונדז זײַן צו געזונט, זונעניו.

געשמאַק אָפּגעבריט דאָס מויל און דעם אינגעווייד מיט דער שטאַרקער פליסיקײַט, האָט איוואן גענומען רײַבן אף ביידע באַקן. אָט דאָס איז א פישל — די סיליאַווע! וועסט זיך מיט א ביינדעלע אפילו ניט צעשטעכן.

— זאָג איך דאָך, — האָט זיך א בייזער געטאָן דער אלטער, באַוועגנדיק ענערגיש דאָס סיווע בערדל. — כײַ וואָלט אָפּגעטריקנט יענץ הענטל, וואָס פּאָלגט ניט דעם קאָפּ.

— רעדסט ווידער וועגן די אָנגעקארבטע סאָסנעס?

— וואָסי? דאָס איז דען א טאָלק? אף אלע פײַריימער ביימער האָט מען אָנגעהאַקט קאַרבן, לעבן דער סאַמע אָזערע. איך בין נאָך, כ'בעט מעכילע, מיט א הוילן הינטן געלאָפן, און דאָרט איז שוין וואַלד געשטאַנען. צוויי מילכאָמעס איבערגעקומען. דאַרף זיך איצט געפינען א כאָכעם, וואָס קלײַבט זיך אים אויסהאַקן!..

— עסט בעסער, טאַטע, — האָט זיך שטיל אָנגערופן די פּולינקע שוואַרצברעמענדיקע מאַניע, — ער איז געשטאַנען און וועט שטיין...

— מע וועט אים אויסהאַקן, טאָכטערקע. נאָך א יאָר, צי נאָך צוויי, און מע וועט אים אויס־האַקן. צוליב דעם האָבן זיי דאָך די קאַרבן געמאַכט. און דו, וואָס שטשירעסטו די ציין? — האָט ער זיך געווענדט צו איוואַנען.

אָנגעלאַכט זיך, האָט איוואן א פרעג געטאָן:

— איז ווילסטו אף אים ראַכמאָנעס האָבן? מיט האַק און זעג?

דער אלטער האָט זיך אָנגעצונדן, אפילע א הייב געטאָן די האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן א שטיק ברויט.

— גרייטס, דאָס וואָס עס ליגט בא דיר אין הויף, קאָן דאָך יעדער שויטע נעמען! דו טיטשע מיר ניט מיט דעם דאַזיקן שײַט האָלץ אין פּאַנעם אַרײַן. איך פאַרשטיי אליין גוט. כ'ווייס, וואָס איך טו!

— אײַ, ס'אַרא פּערצאָווקע... טרינקען זי בא זיך אין שטוב איז א סאַך בעסער...

— וואָלסט בעסער צוגעשוויגן, — האָט זיך אָף איוואַנען אַרופגעוואָרפן זײַן ווײַב. — עס אָפּ און גיי זיך, וווהין דו דאַרפסט. איך וועל אײַך, טאַטע, נאָך עפּעס דערלאַנגען. געפונען אָף וועמען צו שטשירען די ציינער. — זי האָט זיך געגומען פּאָרען באַם פּריפּעטשיק און זיך אומגעקערט פון דאָרטן צום טיש מיט א גרויסן קופליק טיי, פּאַרקאַכט אָף ליפּע־צוויט. פון יענער זעלבער ליפּע, וואָס שטייט, ווי א כמארע, הינטערן שײַער. דערנאָך האָט זי געבראַכט אַן ערדענע קיילע מיט האָניק און א ריינעם לעפל.

— ווו זײַנען די קינדער? — האָט א פרעג געטאָן דער זיידע.

— העליע פּיטערט. און האַנאַטשקע איז ערגעץ אוועקגעלאָפן.

— טיי האָסטו זיי געגעבן?

— ווי זשע דען?

— מע האָט העליען באַדאַרפט געבן. זי האָט עפּעס באַנאַכט געהוסט.

דער ליפּע־צוויט מיטן האָניק זײַנען געווען אזוי גוט נאָך דער פּערצאָווקע מיט דער סיליאָווע, אז דער אלטער איז געוואָרן שטאַרק אופגעלייגט. ער האָט געקוקט אָף דעם איינציקן לעבן־געבליבענעם יינגערן, זייער גראַטענעם און פריילעכן זון, אָף דער שטילער האָרעפּאַשנער שנור. געקוקט און צוביסלעך געזופּט. ער האָט אפילע א קלער געטאָן: ס'וואָלט ניט שלעכט געווען זיך צולייגן א ווײַלע אָפּרוען. נאָר דערטרינקענדיק פונעם קופליק דאָס זיסע וואַרעמס, האָט ער אומדערוואַרט א קלאַפּ געטאָן מיט דער קיילע איבערן טיש און איז אופגעשפּרונגען.

— לאָמיר גיין. מירן נעמען אונדזעריקע. גיב נאָר עמעצן א רוף. — כראַפּונען אָדער סטעפאַנס יאַטן.

3

שענער פון אלץ איז דער מענטש דעמלט, ווען ער ווייסט אליין ניט דערפון. ווען ער זעט זיך אליין ניט. צום באַדויערן, קומט עס פאַר אָפטער דאַן, ווען קיינער זעט אים ניט.

דעם אלטן וויאַטשעראַ אין שיפּל האָט איצט געזען נאָר די פּינפּיאָריקע האַנאַטשקע. א קײַלעכיקע, א ווײַסינקע, דער ליבלינג פון דער מישפּאָכע, האָט זי זיך געדרייט, ווי א בלויערל, אָף דער מיטלסטער באַנק, פאַר דעם זיידן, זי האָט זיך געשפּיגלט אין אים. אָט נעמט זי עפּעס וואָרקען, אָט הערט זי זיך אײַן אין עפּעס. עס אַרט זי ניט, וואָס א סאַך זאַכן פאַרשטייט זי נאָך ניט.

און דער זיידע איז איצט געווען שיין...

אָן א היטל, אין א גרוי, ווי א צעאַקערט פעלד, צעשפּיליעט העמד אָף דער טרוקענער פאַרברוינטער ברוסט, די דאַרע שטײַפע פיס, ווי צווײַגן, דורכגעזאַפּטע מיט סמאָלע, אָנגעשפּאַרט אָן א ריפּ פונעם שיפּל, האָט דער „קיניג פון די שלאַנג־פיש" זיך געוויגט אַהין און צוריק, פּאַכנדיק מיט די שווערע וועסלעס. שפּאַרעוודיק און פּינקטלעך זײַנען געווען זײַנע באַוועגונגען אָף דעם שטילן דורכזיכטיקן וואַסער. פּונקט אזוי לײַכט, אויסגערעכנט און שיין פּאַכט מיט דער קאָסע א שניטער. אָף דעם ווײַסן געקנייטשטן שטערן, אָף די פאַרברוינטע קינבאַקן איז אַרויסגעטראָטן א שווייס. די גראָווע האָר, וואָס ער האָט צוגעקעמט איידער ער איז אַרויסגעפאָרן, האָבן, ווי נאָר ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ, ווידער זיך כוואַליענדיק צעשאָטן אין דער געוויינלעכער פאַר זיי אומאָרדענונג.

שיין איז געווען אָט די נאַטירלעכע פּראָסטקײַט פון זײַן לעבן, אָט די נאָך ניט צעטרענצלטע קראַפט, וועלכע עס האָבן ניט פאַרדאַרבן און ניט אויסגעשעפּט די נײַן צענדליק גיכער קאַטאָרזשנע, איידער פרײַדיקע יאָרן. שיין איז געווען דער בליק פון זײַנע העל־בלויע אויגן אונטער די געדיכטע גראָווע ברעמען, — אויגן אָפענע און ריינע, ווי אליין דער קלאָרער הימל, וואָס האָט זיך געלויכטן אין דעם שפּיגל פון דער ענדלאָזער אָזערע. שיין איז געווען אויך אָט דאָס פּראָסטע געוויינלעכע בילד: א גרויס שוואַרץ שיפל אָף דעם גלאַטן וואַסער־פלאַך, אין שיפל א גראָווער זאָקן און א ליכטיק קינד... נאָכן שיפל שלעפּט זיך אָפּן בוקסיר א לאַנגע סאַסנאָווע קלאָץ און נאָך א לענגערע כוואַליע, ווי א דרײַעק, ציט זיך אָף דעם גלאַטן פלאַך פון דער אופגעוועקטער אָזערע.

— ...האָבן זיי, אייניקל מײַנס, דעם זיידן פֿאַרשמידט אין קייטן און געבראַכט צו פֿירן אַזש קיין ווילנע. און זיי האָבן דאָס געצוומען דעם זיידן דײַנעם קאַטעווען אין אַ קעלער. מיט נאָהײַקעס מיימעסן. גיסן אין דער נאָז וואַסער מיט גאַזע.

— פֿאַר וואָס?

— עס זאָל ווי טאָן, אייניקל מײַנס. „דו ביסט, שרײַען זיי, אַ פֿאַרשאָלטענער קאָמוניסט, אַן אַפּיקורעס, אַ בונטאָווּשטשיק". וואָס בין איך, זאָג איך, פֿאַר אַ קאָמוניסט? אַלע געקריוודעטע, אַלע, וואָס לעבן בײַ דער אָזערע, האָבן זיך סבונטעוועט. מיר ווילן ניט, אַז איר זאָלט בײַ אונדז פֿאַר דער קאַזנאַ זי צונעמען — די אָזערע. „אַנשטאָט וואָר, שרײַען זיי, ניט נאָר די אָזערע, מיר קענען אײַך דײַן לײַב־און־לעבן צונעמען!". אָבער זיי האָבן ניט צוגענומען, אייניקל מײַנס, כאָטש מע האָט מיך פֿאַרהאַקט אין לוקישקי.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קישקע?

— לאַכסט, נאַרעלע! דאָס איז אַזאַ טורמע, וווּהין די פּאַנעס פֿלעגן אונדז פֿאַרזעצן.

— פֿאַר וואָס?

— מיר זאָלן דאָרטן פֿאַרפֿוילט ווערן, אייניקל, מיר זאָלן קעגן די פּאַנעס ניט גיין. און ווי קאָנסטו דאָס ניט גיין? די נויט טרײַבט דיך. ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: ניט צוליב יעזוסן גייסטו צום טויט, נאָר צוליב דעם שטיקל ברויט. וויפֿל מענטשן זײַנען געגאַנגען פֿאַרן ביטערן עמעס. אַי יונגע, אַי אַלטע, אַפֿילו מיידלעך און ווײַבער, און ער זאָגט: „דו ביסט אַ קאָמוניסט" און אין טורמע פֿאַרהאַקט, אַז אין דער היים, אייניקל מײַנס, זאָל די מישפּאָכע מיט בלוטיקע טרערן זיך באַוואַשן.

— און די באָבע דײַנע האָט זיך אויך באַוואַשן?

האַנאַטשקע ווייסט נאָר איר באָבן — דער מאַמעס מאַמען, וועלכע קומט צו פֿאָרן צו זיי צײַטנווײַז פֿון יענעם דאָרף, וווּ ס'איז גאָר ניטאָ קיין אָזערע. די צווייטע באָבע, וועגן וועלכער דער זיידע רעדט זייער אָפֿט, — איז עפּעס אַ סוידעספּולע באָבע, ווײַל לעבן האָט זי געלעבט אַמאָל־אַמאָל, און זי איז געווען נאָר דעם זיידנס.

— זיך באַוואַשן, אייניקל מײַנס, נאָך אַ מין באַוואַשן זיך.

— און דער טאַטע פֿלעגט זיך באַוואַשן?

— ס'האָט אים אויך געסטײַעט. אים, דער מומע נאַדיען און יענע דײַנע פֿעטערס, וואָס זײַנען אַף דער מילכאָמע אומגעקומען. דײַן טאַטע איז שוין דעמלט געווען אַ גאַנצער באַרדאַס. געהאָרעוועט שוין.

— און די מאַמע?

— די מאַמע, אייניקל מײַנס, האָט נאָך דעמלט געלעבט בײַ איר מאַמען אין וועראַביי.

— און זי פֿלעגט זיך באַוואַשן?

— איך ווייס ניט, וויפֿל איז אַף איר כיילעק אויסגעקומען. ווײַל געווען איז, אייניקל מײַנס, אַזוי: אַף וועמעס קאָפּ עס פֿאַלט איין שטיין און אַף וועמעס צוויי.

— זיידעניו?

— וואָס?

— אָט נעם איך באַלד און טו פֿונעם שיפֿל אַ שפּרונג.

— איך וועל דיר אַ שפּרונג טאָן, נאַרעלע, וועסט אַ שפּרונג טאָן און מער ניט אַרויסשפּרינגען.

— כ'וועל אַרויסשפּרינגען! כ'וועל אַרויסשפּרינגען אַף דער קלאָץ, וואָס שלעפּט זיך נאָכן שיפֿל. דערנאָך וועל איך לויפֿן, לויפֿן, לויפֿן איבער דער קלאָץ! און דערנאָך איבערן וואַסער — ווײַט, ווײַט, ווײַט וועל איך לויפֿן! אַן־אַ אַהינצו, וווּ דער וואַלד, אָדער נאָך ווײַטער — אַהינצו, וווּ די זון. כ'וועל זיך פֿאַרקלײַבן אַף אַ וואָלקן און — אַ שפּרונג!

דער זיידע ענטפֿערט שוין ניט מער אַפֿן קעלכל, וואָס קלינגט ווי דאָס געזאַנג פֿון אַ זשאַוואָ־ראָנאָק אינעם הימל. ער האָט פֿאַרהייבן די וועסלעס, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אַף הינטן און לאַכט שטיל. גיי דערציי איר! מענטשן האָבן געלעבט, וויפֿל שרעק, וויפֿל צאָרעס, וויפֿל ליידן. אַלץ אויסגעשטאַנען. און איצט וויל עס אַפֿילו ניט הערן, ווי דו וואָלסט אַ מײַסע דערציילט אַפֿן אויוון: אויב ס'איז טשיקאַווע — נעמט עס פֿון דיר די אויגן ניט אַראָפּ, אויב ניט — קערט עס זיך אָפּ און הערט ניט. זאָל זײַן אַזוי! שוין צוואַנציק יאָר איז אַריבער פֿון יענער צײַט, ווי מיר, די אָרעמע פּויערים, האָבן דאָ געבונטעוועט...

דער זיידע און דאָס אייניקל שווײַגן. און אַלץ אַרום שווײַגט — דאָס וואַסער, דער הימל. אַפֿן שליאַך, וואָס פֿירט פֿון ניוווישטשי אין שטעטל, — דער זיידע זעט עס גוט, — גייען מאַשינעס: איינע מיט היי, אַנדערע מיט סנאָפּעס, די דריטע — פּוסטע. זיי גייען אָבער שטיל. מע הערט אויך ניט דאָס קלאַפּן פֿון דער שנײַדמאַשין, וואָס פּאַכט מיט די פֿליגלען העט ווײַט אַפֿן געלן פֿעלד... און אויך די מעוועס פֿליִען קימאַט ניט. די פֿיש שלײַכן ניט. בלויז איין ווײַס באַבעלע פּלאַטערט אַנטקעגן דעם שיפֿל. אוי, פֿאַרבײַגעפֿלויגן. פֿון ניוווישטשי זיך לאָזן אַזש קיין פּאַדוואַלאַקע! אַזאַ

קליינס און האָט גאָר קיין מוירע ניט. וואָלסט בעסער, נארעלע, געזעגן זיך אַף דײַן קרויט. ווערסט זיך געזוג אַנפּאַכן — די וועלט איז דאָך אַזוי גרויס!.. עס שווײַגט און גיט וועגן זיך ניט צו וויסן דער פּישפּאַנג־שנור, וואָס איז טיף אינעם וואַסער אַראָפּגעלאָזן. דער עק איז צוגעפּעסטיקט צו אַ ברעטעלע, וואָס דער זיידע האָט אונטערגעלייגט אונטער זיך. כאָטש עס גלייבט זיך עפּעס ניט, אַז אין דער צײַט קאָן זיך אָפּזוכן אַ טיפּעש, וואָס זאָל דעם האַטשיק אַ כאַפּ טאָן אין פּיסק אַרײַן. נאָר זאָל זיך דער שנור נאָכשלעפּן... בייס די דײַטשן זײַנען געווען האָט אַ פּאַרטיזאַנער אים דערציילט, אַז בא זיי אין אָריאָלער גובערניע איז געווען אַ פּויער, וואָס פלעגט מיטנעמען מיט זיך אַ צײַמל, ווען ער פלעגט גיין אין קלויסטער, טאָמער טרעפט זיך אפן וועג אַ קליאַטשע — קאָן מען דאַן אונטערפאָרן.

דערנאָך דערמאָנט זיך דער זאָקן אַלץ, וואָס מיט אים איז אינדערפרי פאַרלאָפן. אומזיסט נאָר צײַט געפּאַטערט, און איצט זיך אויסגעקליבן אין וועג אַרײַן שפּעט, אַזש אינמיטן טאָג, ווען די כאַזיירים האָבן שוין אָנגעהויבן יושען. ער שווײַגט לאַנג. און האַנאָטשקע האָט זיך דערווײַל איבערגעבויגן איבערן שיפל און גענומען שווענקען די הענטלעך אין אָזערע.

— זעץ זיך, נארעלע. טאָמער כאַסוועשאָלעם טרעפט עפּעס — בין איך דאָך אַ קנאַפּער שווימער. איך בין אַזאַ העכט, אַז ביידע וועלן מיר גיין צום גרונט. זעץ זיך אַנידער גוט, ווי דו ביסט געזעסן.

זאָגנדיק דאָס, הערט ניט אויף דער זאָקן צו טראַכטן... און אים פאַרווילט זיך דערציילן זײַנע ראַיוינעס אַ מענטשן — אַ גוטן מענטשן.

— פאַראַן מענטשן — זיי ווייסן ניט, וואָס ס׳טוט זיך מיט זיי. אַזאַ וואַלד, אייניקל מײַנס, אַז די נעשאָמע פרייט זיך. די סאָסנעס ⸗ איינע אין איינע, בא דער סאַמע אָזערע. און מע האָט גענומען און זיי אָנגעקאַרבט. דאָס הייסט אַ „פּאָדסאָטשקע" געמאַכט.

— וואָס איז דאָס?

— מיט דער „פּאָדסאָטשקע" לאָזן זיי אַרויס די סמאָלע פון די סאָסנעס.

— צוליב וואָס?

— ווען עס רינט אַרויס די סמאָלע, הייבן אָן די ביימער טריקענען און מע האַקט זיי אויס. איך וואָלט זיי אַרײַנגעצימבלט מיט קראָפּעווע, זיי זאָלן אַ האַלב יאָר צײַט ניט קאָנען זיצן. ווען עס פאַרגלוסט זיך, דער וואָלגערט דעם וואַלד... איך בין געווען די טעג אין ראַיאָן, בין איך אַפן וועג פאַרגאַנגען צו וואַסיל ראָמאַנאָוויטשן. מיר האָבן האָלט אַרײַנכאַפּן אַ שמועס מיט אים. אָן־אָ אַהינצו בין איך פאַרגאַנגען! — ער האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער באָרד אין יענער זײַט, וווּ אַ זעקסזיבן קילאָמעטער פונדאַנען מיטן וואַסער האָט זיך געזען אַ נײַע דאַטשע. האַנאָטשקע האָט אופמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַהינצו און גאָרנישט ניט דערזען, אויסער אַ העלן פלעק אַף דעם בלויגרינעם פּאַס פונעם וואַלד. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— זיי האָבן אַ יינגעלע איגאָר?

— פאַראַן, אייניקל מײַנס, איך האָב דאָך דיר וועגן אים דערציילט. און אַליין וואַסיל ראָמאַנאָוויטש איז אויכעט אַ גוטער מענטש. אַן אַקאַדעמיקער. מיר וועלן, אָסטאַפּ איוואַנאָוויטש, זאָגט ער מיר, זיך דערקלײַבן צו די דאָזיקע „וואַלדהעקער"! טו איך זיך אַ טראַכט: ווען מיר וואָלטן געהאַט אַזאַ נאַטשאַלניק אין ראַיאָן! און נעכטן, אייניקל מײַנס, גיי איך מיר אַזוי ווידער פאַרבײַ דער דאַטשע. כ׳גיי אַרײַן. מײַן וואַסיל ראָמאַנאָוויטש איז דאָרטן. איר האָט דאָך געזאָלט פאָרן קיין מינסק, — זאָג איך צו אים. — שוין זשע וואַרט איר, ביז ס׳וועלן פון פּײַריימער וואַלד איינע פּניאָקעס בלײַבן? און ער לאַכט, זיצנדיק אין שאָטן אַף אַזאַ מין שטול, וואָס וויגט זיך אַהין און אַהער, אַהער און אַהין. „ס׳וועט אַלץ זײַן רעכט, אָסטאַפּ איוואַנאָוויטש, זאָגט ער צו מיר. ניט זײַט, זאָגט ער, קיין פּעסימיליסט". אַ כעוורעמאַן ביסטו, — גיב איך זיך אַ טראַכט, — ניט קיין פּיציקער. ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז ער איז שוין אַלט זעכציק. שוין זשע ביסטו אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָן קויכעס געבליבן?! אַליין פון זיך טוט זיך גאָרנישט. דו האָסט דאָך ניט געוואַרט, ביז עס וועלן אַליין זיך אָנהייבן האַקן די הונדערט קובאָמעטער געהילץ אַף דײַן דאַטשע. און דערצו נאָך אַ צוויי העקטאַר וואַלד זיך אָפּגעצוימט. מע זאָל נאָך אַ שוועמל אַף יענער זײַט פלויט, כאָלילע, ניט דאַרפן אַרויסגיין!

האַנאָטשקע פרעגט שוין מער גאָרניט. זי זיצט שטיל, קוקט אַפן זיידן, אַף דעם אַרום, זי טוט זיך ניט קיין ריר... דער זיידע שטויסט זיך אָן, אַז דעם קינד איז אומעטיק געוואָרן.

— באַלד, אייניקל מײַנס, וועלן מיר דערשווימען, ווען ניט די בערווענע, וואָלטן מיר שוין מיט דיר... זע נאָר!

דער זיידע האָט פּלוצעם אָפּגעלאָזן די וועסלעס און אַרויסגעכאַפּט פון אונטער זיך דאָס ברעטעלע.

— אהאָ! א גרויסער פיש, מיסטאמע! דו זיץ נאָר, אייניקל מײַנס. איך וועל באלד... גאָט זאָל געבן — וואָס גרעסער!

דער זאָקן האָט זיך אופגעשטעלט, ווי הויך ער איז געווען, און, מיט יונגער פרייד, ניט ווענדליק די יאָרן, גענומען שטײַף אָנוויקלען דעם שנור אפן ברעטעלע.

— ווארט צו! אנו, באווײַז, וואָס דו קענסט! האָסטו זיך שוין פארטשעפעט, נאר איינער וואָס דו ביסט, וועל איך שוין דיך... אהאָ!

אפן וואסער האָט זיך באוויזן א צעעפנטער אין טויט־שרעק רויבגיריקער פיסק.

דערזעענדיק אזא פרעס־מאשין, אזא צעעפנטן טויער, בארימען זיך געווײנלעך פישפאַנגער — „א קילאָגראם צען, ברודערקע!", און טרײַבן איבער, פארשטייט זיך, אין דרײַ־פיר מאָל. דער זיידע וויאטשעסלא שאצט פלינק אָפּ די וואָג אפן אויג. ער קאָן א טאָעס האָבן סאכאקל אַף עטלעכע גראם. דאָך איז ער איצט געווען אופגערודערט, ווי א יונגער. זיך פארטשעפעט אפן האַטשיק, האָט דער העכט, ווי א שטײַף־צוגעבונדענער לאָשעק, לאנג זיך ניט געבאָברעט. דער אלטער האָט אָפּגעלאָזן און ווידער אָנגעצויגן דעם שנור, דערנאָך דערוואַרט זיך אַף דער רעגע, אים א צי געטאָן אַף ארוף. ער האָט זיך אָנגעבויגן און ארויסגענומען פון אונטער די פיס א מין געפלאָכטענע טאָרבע און זי פלינק אונטערגעשטעלט אונטער דעם העכט, אָפּלאָזנדיק דעם שנור. דער אַף טויט איבערגעשראָקענער פיש האָט זיך בלינד א לאָז געטאָן אין דער טאָרבע און גענומען וויגן זיך אין איר אַף דער אויבערפלאַך פונעם וואסער. און אָט האָט ער שוין, א באפרײַטער פון דער געפענקעניש, זיך שווער א פליוכע געטאָן אפן דעק פונעם שיפל. דער זאָקן האָט זיך אײַנגעקלאמערט מיט איין האנט אין זײַן גראָבן, ווי א שײַט האָלץ, רוקן, מיט דער צווייטער — פעסט און האסטיק א בייג געטאָן דעם קאָפּ פונעם פיש. עס האָט זיך דערהערט א סקרוך — בא דעם העכט האָבן זיך א בראָך געטאָן די האלדזביינער. דער בלישטשענדיקער, גליטשיקער פיש האָט אופגעהערט שטײַף און אײַנגעשפארט זיך ווארפן אין די הענט און איז אין אָנמאכט געבליבן ליגן אפן שווארצן דורכגעסמאָליעטן דעק. א גרינגאָלדיקער, מיט ווײַסע ארבעסלעך.

— דריטהאלבן, דאָס גרעסטע צוויי מיט זעקס הונדערט, — האָט, איבערכאפנדיק דעם אָטעם און קוקנדיק אפן פיש, א זאָג געטאָן דער אלטער.

עטוואָס אן איבערגעשראָקענע בייס דאָס אלץ איז פאָרגעקומען, האָט האנאָטשקע ווידער שוין געלאכט, אונטערשפרינגענדיק אַף דער באנק, פאטשנדיק מיט די פולע פארברוינטע הענטלעך:

— מיכאסן! זיידעניו טײַערינקער, מיכאסן! דעם העכט און דעם זאק סיליאַוועס — אלץ מיכאסן.

— אלץ, אלץ, אייניקל מײַנס, אלץ אים, — האָט געענטפערט דער זיידע, שווער אָפּעטעמענדיק, און ווידער גענומען זיך פאר די ווײַסלעס.

4

די סיליאַוועס איז זייער געשמאַק, באזונדערס ווען דו מאכסט פון איר א יושקע. קיין גרויסע כאָכמע דאַרף מען דערצו ניט האָבן: אויסגעוואשן און — אין טשוהון. וואָס מערער דו וועסט זי אהינצו ארײַנווארפן, אלץ געשמאקער וועט זײַן. א ביסל זאלץ, א פאָר קארטאָפל, אויב ס'איז דאָ אונטער דער האנט א ציבלקע, פארשטייט זיך, פעפער און א לאָרבער־בלעטל איז גאָר אן אנטיק. און די יעניקע, וועלכע האָבן נאָך א מוסקאט־ניסל, איז דאָך שוין אָפּגערעדט... דאָס איז דער בעסטער מײַכל פארן בײַכל. באהיט גאָט פון א גרעסערן אומגליק, ווען די יושקע איז אָן יענעם ניסעלע, צי אָן פעפער...

הינטער די שײַערס פונעם דאָרף ניוישטשי, אפן טרוקענעם זאמד, דרײַ שפאן פון דער אָזערע, בא אן אָלכע־קוסט, בלינצלט און טרעשטשעט א שײַטערל. אינעם בלייכן פלאם שטייט אן אײַזערנער דרײַפוס און אַף אים א גרויסער טשוהון. די יושקע האָט מען נאָרוואָס צוגעשטעלט. וויאטשערעס טאָכטער, א רירעוודיקע, נאָך ניט קיין אלטע אלמאָנע — נאדיע איז נאָרוואָס געקומען צו לויפן פון פעלד אופקאָכן ווארמעס פאר די טעסליער, וואָס לייגן איבער איר כאטע. צוגעשטעלט די יושקע, האָט נאדיע גענומען רייניקן דעם העכט. „פיש מיט פיש... נו, מיילע! דאָס איז דאָך ניט בא זיך אין אויוון..."

מע הערט גוט ווי אינעם הויף האקן העק. דער טאטע איז ערגעץ דאָרטן, זאָל אים גאָט געבן געזונט. אזא בערוועגע געבראכט צו שלעפן. אפילע ניט געפרעגט, ווו האָט ער זי גענומען: צי אין וואלד, צי בא זיך אין דער היים. ס'איז קאָנטיק, אז זי ליגט שוין לאנג... קאָנטיק, אן אייגענע. פאר די פענצטער, זאָגט ער, איז זי ווי צוגעפאסט. מע בויט דאָך ניט קיין נײַע כאטע, נאָר מע ווארפט איבער די אלטע. אינגאנצן פינף קובאָמעטער האָט מען געגעבן אין ראיאָן. דער נאטשאלניק איז דאָרטן נאָך א יונגער, אָבער אן אקשן. „אין געהילץ, מומעלע, זאָגט ער, איז בא אונדז א

גרויסער דעפּיציט. בויט אײַך פון די אַרטיקע מאַטעריאַלן: פון ציגל, פון סאַמאַן, און דעמלט וועלן מיר זיך באַמיען צו העלפֿן אײַך קריגן שיפֿער פאַרן דאַך". ריידן קאָנסטו, יונגערמאַן, זייער שיין, אָבער ווו וועל איך דיר די אַרטיקע מאַטעריאַלן נעמען, בא אונדז, אין אונדזער קאָלכאָז, מאַכט מען זיי ניט. און ביכלאַל — ס'איז דען פאַר מײַנע קויכעס? סײַדן ווען מײַנע קינדער וועלן זיך שטעלן אַף די פיס, אָט דעמלט, עפּשער. מײַן יורקע זיצט שוין מיט א האָק אַפֿן שטוב־ווינקל, ווי אַן עמעסער בויער. און מיכאַס... זי האָט אופגעהויבן די אויגן פון דעם העכט און א קוק געגעבן אַף דער אָזערע. — דו גייסט, גייסט און גייסט פונעם ברעג צו די טיפֿע ערטער, ביז ס'וועדט אזש נימעס. אָט ווו ס'איז פאַרן קליינוואַרג א כּיעס. ווי ענטלעך פּליושקען זיי זיך אין דעם פּליטקע וואַסער. אָט ווי זיי פּילדערן. מיכאַס איז דאָרטן און האַנאָטשקע...

דער אַלטער וויאַטשעראַ איז צוגעגאַנגען שטילערהייט. ווען נאַדיע האָט דערהערט, ווי עס שורשען זײַנע באָרוועסע פיס, און זיך אומגעקוקט, איז דער טאַטע אָן א היטל שוין געשטאַנען, ווי געווײנלעך, הינטער איר פּלייצע און פון אונטער דער דלאָניע געקוקט אַהין, ווו עס האָבן געטומלט די קינדער.

— אָ־אָ, דאָרטן האָט ער אונדז באַגעגנט! — האָט דער אַלטער באַוויזן מיט דער האַנט.

— א גאַנטשינקן טאָג קריכן זיי ניט ארויס פונעם וואַסער, — האָט מיט א שמייכל א זאָג געטאָן די טאָכטער. — ער האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אַף אײַך. ער האָט געמאַכט א לאָך אין קאָפּ. „דער זיידע, דער זיידע, און ווידעראַמאָל דער זיידע".

— האַנאָטשקע האָט נאָך אין שיפּל דאָס קליידעלע אַראָפּגעוואָרפן, די הייזעלעך אַראָפּגע־צויגן און — כליופּ אין וואַסער. ווי זיי האָבן זיך אויסגעלערנט! וועסט איצט ניט דערקענען אפילע, ווער פון זיי איז דײַנער: אַלע הוילינקע, אַלע פּליושקען זיך, אַלע פּילדערן!

— איר וואָלט זיך צוגעלייגט ווו־ניט־איז, טאַטע, און זיך אָפּגערוט. מע וועט זיך אָן אײַך באַגיין. איך וועל אָט באַלד...

דער זאָקן האָט גאָרנישט געענטפערט און איז ארײַן אין וואַסער, אפילע ניט פאַרקאַשערט די גרויסע קאָרטענע קאַלאָשעס פון די הויזן.

פרישע מענטשן, אַשטייגער דאַטשניקעס, וואָס קומען אַהער אין דעם פישער־קאָלווירט, וווּנדערן זיך שטאַרק, וואָס א סאַך פישער קענען ניט שווימען. ווער עס קען ניט און ווער עס האָט ניט ליב צו שווימען. סאַווקע סעקאַטש פון פּאַדוואַלאָקע וואָלט אפילע, דוכט זיך, געשלאָפן אין שיפּל, נאָר שוין א יאָר צוואַנציק — ער האָט אַליין זיך באַרימט — ווי ער האָט זיך ניט געבאָדן אין אָזערע. ווער ס'וויל, זאָל זיך כידעשן. אויך דער אַלטער וויאַטשעראַ, דער „קיניג פון די שלאַנג־פיש", שווימט ווי א האַק. ס'איז א שרעק וועגן דעם א טראַכט צו טאָן, אַז דו זעסט, ווי ער שטייט א רויִקער אין שיפּל, שלעפּט פונעם וואַסער די נעץ, — און דאָס שיפּל וואַרפט זיך פון כוואַליע אַף כוואַליע, ווי א שפּענדל!

עס זאָל אים לײַכטער זײַן אָנבייגן דעם רוקן, וואָס האָט זיך אָנגעהאָרעוועט אַף דעם געבײַ, האָט דער אַלטער זיך אָפּגעשטעלט נאָר דאַן, ווען דאָס וואַסער האָט אים דערלאַנגט ביז די קני. אָט האָט ער זיך שווער א בייג געטאָן, אָנגענומען אין די ברייטע אָנגעדראָלענע דלאָניעס וואַרעם וואַסער און מיט האַנאָע גענומען פאָרשקען. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. א כּיעס! ער האָט געוואָלט א רוף טאָן די אייניקלעך, נאָר גלײַך א טראַכט געטאָן: „זאָלן זיי!.. דער זיידע ליגט זיי איצט ניט אין קאָפּ..." און צוריק גענומען טשאַפּען צום ברעג.

— עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע, — האָט ער אָנגעהויבן, צוזעצנדיק זיך צום שײַטער, — וואָס קוקן נאָר אויס, ווו מע קאָן עפּעס ארײַנכאַפּן, אויסנאַרן, צולאַקכענען... א פּרעמדן וואָלט איך עס, טאָכטערל, ניט געזאָגט, ווײַל ס'א כאַרפּע... איך האָב דיר געוואָלט ברענגען ניט מײַן אייגענע בערוועסע, נאָר אויך א געגאַנוועטע. נאָך נעכטן בין איך אַזוי אין קאַס געוואָרן, וואָס מע האָט צעפּאַטערט די סאָסנעס... און אויך... אַף וואַסיל ראָמאַנאָוויטשן בין איך אָנגעטראָגן, לעמײַ ציט ער אַזוי לאַנג? איך האָב שוין דיר געזאָגט... מיר זײַנען מיט איוואַנען ביז דער „ווילדער באַבע" דערשווומען. איך האָב א טראַכט געטאָן — כ'וועל דעם וואַלד־וועכטער בוגלאַצקין פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיט א האַלבן ליטער פּערצאָווקע, און ס'וועט זײַן — שאַ, ווי א שטיין אין אָזערע... אָבער גאָט האָט מיך אָפּגעהיט אַף די עלטערע יאָרן. געגאַנוועטע פיש פאַרשעמט דעם טיש. זאָל זי זיך שטיין, די סאָסנע, און דאַנקען גאָט, וואָס כ'האָב געוואָלט און ניט געקאָנט...

א קנויל רויך, דער טײַוול ווייסט פונוואַנען, האָט א שפּאַר געטאָן נאַדיען אין די אויגן. ניט אָפּווישנדיק די טרערן, האָט זי געקוקט אַפֿן טאַטן, האַלטנדיק די סקאָוורעדע פאַר דעם לאַנגן הענטל. זי האָט אַלץ ניט געקאָנט צוטראַכטן ווי זאָל זי אָנהייבן.

— עפּשער וועט עס, טאַטע, איוואַנען ניט געפעלן ווערן, וואָס איר האָט אָן אייגענע פאַרטיקע בערוועסע געבראַכט צו שלעפּן? איוואַנען, צי מאַניען?..

— ווער ווייסט עס ניט, טאַטערל, אז א פארטיקע קאָן יעדער פערעאַדאַם נעמען. נאָר בא זיך אין שטוב בין איך נאָך באלעבאָס. ווּעמען עס געפעלט ניט, האָט א ברייטע — שוויַיגן. לאָמיר זאָגן, אז די זון מײַנע איז שוין פארגאנגען. איך קען שוין ניט, ווי פריִער, טאָג און נאכט כאפן שלאנג־פיש, צי סיליאווע, צי העכט, אָבער די פענסיע מײַנע גייט אויך ניט צופוס!.. ניט אין דעם, טאַטערקע, גייט עס. איוואָן איז דיר א ברודער, צי ניט? איר צווייען, די קלענסטע, זײַט בא מיר נאָר פארבליבן. און אזא, ווי מאַניע, ווּעסטו באטאָג מיט ליכט ניט געפינען...

נאָר דאָ האָט זייער ערנסטן, גאָר ניט פריילעכן שמועס איבערגעריסן א קינדעריש געלעכטער און געפילדער.

— הורא! גיב זיך אונטער!

דאָס האָט געשריִען מיכאס און צוזאמען מיט אים, מיט ניט קיין קלענערן קוראַזש, האַנאַטשקע. ביידע הוילינקע, נאסע, אויסגעוואלגערטע אין זאמד. זיי האָבן זיך אונטערגעגאַנוועט פון הינטער א קוסט. אלץ איז געמאכט געוואָרן אזוי, ווי ס׳דארף צו זײַן. צום אלעמערשטן האָבן זיי געפויזעט — פונקט אזוי, ווי מיכאס האָט עס דאָ ניט לאנג געזען אין קינאָ, נאָכדעם זײַנען זיי געלאָפן, אײַנבייגנדיק זיך. נאָכדעם ווידער געפויזעט... נאָר דער זיידע האָט זיך ניט דערשראָקן. ער זיצט ארומגענומען מיט די הענט די נאסע קני, פארוואָרפן אף ארויף דעם קאָפּ, און לאכט.

— זיידע, א, זיידע, געַנוג שוין, האָדי!

— זאָל זײַן האָדי, אייניקל מײַנס, כ׳וועל מער ניט.

— זיידע, ביסט געווען אף דער מילכאָמע?

— זאָל זי אײַנגעזונקען ווערן — געווען.

— איך ווייס! דו ביסט געווען אף דער יאפאַנישער, און אף דער מיקאָלײַעווער, דו האָסט מיט די פאַנעס פאר דער אָזערע מילכאָמע געהאלטן!.. פאר יענער מילכאָמע האָסטו א געאָרגיִעווער ציילעמל באקומען און פאר דער — א פארטיזאנישע מעדאל, ווײַל דו ביסט שוין געווען אן אלטער. דו האָסט נאָר געהאָלפן די פארטיזאנער.

— וואָס האָסטו זיך צוגעקלעפּט, ווי א סמאָלע, — האָט גענומען שרײַען די מאמע. — ווו איז אײַער אָנטועכץ?

— דאָרטן!

— העלד מײַנער אין הוילן פּופּיק! ער שטייט נאָך אזוי מיט א מיידל. טייקעף זאָלסטו מיר אָנטאָן זיך! מירן עסן וואַרמעס.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן ניט נאָר אָן א קאַפּל בייזקײַט, נאָר מיט א שטרענגער צארטקײַט. נאַקעטע, אויסגעפּעסטעטע פון זון און וואסער, האָבן די פישערישע מאַלאָכימלעך, כאַטש אָן פליגעלעך, זיך א ריס געטאָן פון אָרט און קאָמיש זיך געלאָזן לויפן איבערן געלינקן, ווייכן הייסן זאמד.

— דאָס מיידעלע, קיין בייז אויג זאָל דעם ניט שאטן, איז ווי א קנײַלעכל, — האָט, נאָכ־קוקנדיק די קינדער, א זאָג געטאָן מיט א שמייכל דער אלטער. — מיכאס איז אויך א טײַערער יאט. ווי א צאַפּלדיק פישל. פרייען זיך דאַרפסטו מיט דײַנע קינדער. סײַ דער יינגערער און סײַ דער עלטערער זײַנען גראָטענע בא דיר, טאַטערקע, און דו — דײַגעסט...

אינגיכן זײַנען ביידע: דאָס פּישל — אין שווארצע קורצינקע הייזלעך און דאָס קנײַלכל — אין א העל קליידלעלע, געגאנגען מיטן אלטן פון ברעג צו דעם געבײַ. זיי האָבן געכאַלעשט נעמען דעם זיידן פאר די הענט. אָבער די הענט בא אים זײַנען געווען פארנומען: דער זאַקן האָט געטראָגן פאר זיך א גרויסן, שווארצן און הייסן טשוהון ארומגעדרייט מיט א שמאַטע. די מאמע האָט אליין געוואָלט נעמען דעם טשוהון, אָבער דער זיידע האָט זי ניט געלאָזן. גייט זי פון הינטן און טראָגט נאָך די סקאָווערעדע און א שיסל מיט שטיקלעך געפּרעגלטע העכט.

— זיידע! — פארלויפט אים דער וועג מיכאס.

— וואָס?

— דו וואָלסט אופגעהויבן יענעם קלאָץ?

— וועלכן?

— נו, יענעם, וואָס דו האָסט געבראכט צו שלעפּן.

— א־א־אָ! יענעם. כ׳וואָלט מיסטאמע אופגעהויבן, ווען כ׳וואָלט אויסגעכליאַבעט די גאנצע יושקע און ווען כ׳וואָלט אויך אופגעגעסן דעם גאנצן העכט און דערצו נאָך — א לאבן ברויט, וואָס זאָל זײַן די גרייס, ווי א ראָד.

— ווען מיר האָבן זיך געבאָדן, האָבן די יאטן געזאָגט, אז דו וואָלסט קיינמאָל ניט אופגעהויבן.

— וואָס ווייסן זיי, זיי ווייסן גאָרנישט.

— גלאָבישעוו ליאָנקע ווייסט אפילע ניט, פאַרוואָס מע רופט דיך „קיניג פון די שלאַנג-פיש".

— אָט זעסטו. וואָס פאַר א קיניג, אזא שעם, אייניקל מײַנס.

לעבן געבײַ, אונטערן בעז, האָבן זיי געגעסן וואַרמעס: דער זיידע, די מאמע, זייער יורקע, די צוויי פּרעמדע, וואָס האָבן זיך אָנגעדונגען איבערלייגן די כאַטע, און האַנאָטשקע מיט מיכאַסן. דאָס קליינוואַרג איז, פאַרשטייט זיך, געזעסן לעבן דעם זיידן, פון ביידע זײַטן. דערנאָך איז די מאמע ווידער אוועק אין פעלד און די צוויי טעסליערס, יורקע און דער זיידע האָבן זיך „אף א רעגע צוגעלייגט אָפּרוען". אף איין רעגע נאָר — און אָט זײַנען זיי אײַנגעשלאָפן און כראָפּען שוין!

מיכאַס האָט זיך פאַרקלערט, שטייענדיק אנטקעגן זײַן גאַסט — האַנאָטשקען — אינמיטן פוסטן פאַרגאָסענעם מיט זון הויף, וואָס איז פאַרוואַלגערט געווען מיט שפּענער און צעריבענער שטרוי פון דער אַלטער סטרעכע. אפן קאַרשנבוים זײַנען זיי שוין געווען צוויי מאָל. דעם עפּלבוים האָבן זיי שוין אויך געטרייסלט. קאָנסט שוין מער קיין ברעקל ניט נעמען, אזוי אײַליק איז אין מויל. באָדן זיך וועלן זיי גיין שפּעטער. אפן שליאַך אַרויסגיין ווילט זיך עפּעס ניט. אין פעלד צו דער מאַמען — וועט זיך דערפון גאָרנישט באַקומען, ווײַל זי וועט זיי אוועקטרײַבן צוריק.

— לאָמיר שפּילן אין „קלאַסן"! — רופט זיך אָן האַנאָטשקע.

זיי האָבן אָפּגעשאַרט די שטרוי און די שפּענער, אָנגעמאָלט מיט א שטעקעלע „קלאַסן". געשפּרונגען א ביסל אף איין פוס און דערנאָך האָט מיכאַס א זאָג געטאָן, אז ער וויל מער ניט.

— כ'וועל אינגיכן גיין אין שול, — האָט ער אָנגעזאָגט די בסורע, וועלכע האַנאָטשקע האָט שוין געהערט ניט איין מאָל. — מיר פעלט נאָך צוויי כאַדאָשים צו זיבן יאָר, אָבער דער לערער זאָגט: ס'מאַכט ניט אויס, ווײַל כ'קען שוין שרײַבן.

— טאָ שרײַב עפּעס אָן, אזוי ווי אונדזער העליא.

— א פּולע קען זי, דײַן העליא!

מיט וואָס צו שרײַבן האָט מיכאַס געוווּסט. בא דעם עלטערן טעסליער, וואָס כראָפּעט דאָרטן צווישן דעם זיידן און יורקען, שטעקט אין דער כאָליעווע א שוואַרצער פּלאַכער בלײַער. ער איז זייער א גרויסער און מע רופט אים „סטאָליאַרסקי". ניט לאַנג געטראַכט און ניט זאָגנדיק גאָרניט האַנאָטשקען, האָט מיכאַס אף די שפּיצפינגער זיך אונטערגעגאַנווועט צו דעם טעסליערס פוס און פאָרזיכטיק, דערבײַ האָט ער אזש מיט דער צונג אונטערגעשפּאַרט די באַק, אַרויסגעשלעפּט אָט דעם סטאָליאַרסקי בלײַער. „אף די ווענט שרײַבט מען נאָר מיט אזעלכע. מירן אָנשרײַבן — און ווידער אין כאָליעווע פאַרשטופּן. און אָנשרײַבן איז בעסער פאַר אַלץ אָט דאָ".

די סאָסנאָווע בערווענע, וואָס דער זיידע האָט אינדערפרי געבראַכט, איז שוין געווען גוט אַרומגעטעסעט, מיט אײַנגעשניטענע ווינקל-שלעסער, און האָט געהייסן איצט „פּאַדוואַקאָניע" — א קלאָץ, וואָס מע פאַסט אײַן אונטער די פענצטער. זי איז איצט געלעגן אין דער וואַנט פּונקט אף דער הייך פון מיכאַסקעס שטערן. מיינענדיק, אז דער בלײַער איז א כימישער, האָט דאָס יינגעלע אים אָנגענעצט מיט שפּײַעכץ און איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. ער האָט ווידער אונטערגעשפּאַרט די באַק מיט דער צונג. סאָפּענדיק, האָט ער געהאָרעוועט איבער זיבן אויסיִעס, פון וועלכע עס האָבן זיך צונויפגעלייגט צוויי ווערטער. האַנאָטשקע האָט די גאַנצע צײַט א באַצויבערטע געקוקט אף מיכאַסקעס האַנט און אף די געהיימניספולע דריידלעך, וואָס ס'האָט געמאַכט דער גראָבער בלײַער.

נאָך דעם זיבעטן אָס האָט ער אוועקגעשטעלט א פּונקט. צוליב דעם האָט מיכאַס צום לעצטן מאָל ווידער באַנעצט מיט שפּײַעכץ דעם בלײַער און אויסגעבויערט דעם פּונקט, ווי א גריבעלע, אין דעם נאָך ווייכן, מיט סמאָלע שמעקנדיקן האָלץ.

—— אָ! — האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט א זיגערישער שטים.

— וואָס איז דאָס?

— דו ווייסט ניט?

— מיכאַסקע, וואָס איז דאָס, זאָ־אָג!

דאָס אייניקל פונעם אַלטן „קיניג פון די שלאַנג-פיש" האָט מיט שטאָלץ און מיט פרייד איבערגעלייענט:

— מײַן זיידע.

פון ווײַסרוסיש — ז. ט ע ל ע ס י ן.

## כאַנע ווײַנערמאַן

# אַ דעמב

אין מײַ, ווען אַלץ האָט זיך צעגרינט, צעבלעטערט,
שטייט הויך דער דעמב אין פרילינגדיקן וועטער.

סע פאַלן שלאַקסרעגנס אַף גרינע בייטן,
און בינען זויפן ווײַרעכער פון קווייטן,

דער גערשטן וויגט זיך הויך אין טיפן אַקער,
נאָר ער, דער דעמב, ער שלאָפט נאָך הויל און נאַקעט.

ערשט דאַן, ווען ס'בליט דער לאַנדיש, ווי אַ צירונג,
הייבט אָן דער דעמב זײַן עכטן פרילינג שפּירן...

# גלײַכגילטיקייט

ביסט גלײַכגילטיק צו אַלץ, וואָס אַרום דיר,
סע רירט דיך ניט דער מײַ מיט זײַנע בליטן,
דאָס ערשטע ווינטערדיקע שניי־געוויטער,
דאָס טראַגישע געשטאַלט פון קיניג ליר.

דיך קימערט ניט דײַן כאַוועריס ווײ און פּײַן,
דעם אומרעכט קוקסטו כניפעדיק אין פּאָנעם,
ביסט נישטיק קליין אַף פאָדערן און מאָנען,
דערפאַר ביסט שטאָלץ באַ זיך: דו האָסט קיין פײַנט.

אָ, גורל מײַנער, קאָנסט מיט אַלץ באַשטראָפן,
נאָר מיך מיט קאַלטן גלײַכגילט ניט באַוואָפן...

# ווען ליבע

האָסט ליב דעם סאָד, וואָס בליט מיט ווײַסן צוויט,
דאָס נײַע הויז מיט שאַרפן רויך פון קוימען,
דעם ווילדן טײַך, וואָס ליגט געשמידט אין צוימען,
דאָס ברייטע פעלד, וואָס שמעקט מיט פרישן שניט.

האָסט ליב די רו, וואָס לינדערט דײַן געמיט,
דעם אומרו פון פּראָפּעלערן אין רוימען,
די זיכערקײַט, וואָס צערטלט דײַנע טרוימען,
דאָס לאַנד, וואָס דיך פון אַלדאָס בייז פאַרהיט.

ביסט שטאָלץ בא זיך, ביסט האָפערדיק, ווי דען?
טראַגסט הויך די ליבע־פאַן אין דײַנע הענט,
דו האָסט מיט איר זיך אומעטום פאַרקליבן.

נאָר זאָג: צי איז אין דיר אַזױנס פאַראַן,
עס זאָל דער טײַך, דער סאָד, דער מענטש, דאָס לאַנד
דיך אויך פאַר עפּעס ווערטפולס, נוצלעכס ליבן?..

# פּאָרגעפּיל

עס שטייט דער וואַלד נאָך נאַקעט, ווי אַ דאָרן,
עס ליגט דער טײַך געשמידט נאָך, ווי אַ ריטער,
און כאָטש ס'איז מאַרט, נאָר ס'קאָן נאָך אַ געוויטער
אַ שאַל טאָן בייז אין ווינטערדיקן האָרן.

עס קאָן דער בער נאָך שלאָפן לאַנג אין נאָרע,
דער פראָסט נאָך קאָן אַ שפּיל' טאָן אַ צעגליטער.
נאָר דו, מײַן האַרץ, שוין פילסט אין שטילן ציטער
דעם ערשטן שטראַל אין ווייען פון געבאָרן.

דו פילסט, ווי ס'פּלאַצט דאָס אײַז, ווי ס'פּאַלן שלאַקסן,
ווי אַלץ, וואָס קאָן נאָר אופלעבן און וואַקסן,
באַטרעט דײַן שוועל, פאַרפולט מיט זון דײַן פענצטער.

ווי הערלעך איז דאָס פּאָרגעפּיל אין האַרצן,
ווען ס'קאָן אַ מענטש אין קלעם פון שאָטנס שוואַרצע
פאַרויסזען דאָס ליכטיקע און שענסטע.

ראכל בוימוואל

# מײַסעלעך פֿאַר דערוואַקסענע

## דערציילט מיר ניט קיין מײַסעס!

עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן, ווי איינער א מענטש האָט בייז א זאָג געטאָן צו א צווייטן: — דערציילט מיר ניט קיין מײַסעס! דעמלט האָב איך א טראַכט געטאָן, אז ס׳וואָלט גאָר ניט שלעכט געווען דערציילן א מײַסע, אזא מײַסע, אז דער דאָזיקער מענטש זאָל אופהערן זײַן בייז, און זײַנע קינדער און קינדסקינדער זאָלן ניט זײַן קיין בייזע.

איר זאָגט, אז דאָס איז ניט מעגלעך? — דערציילט מיר ניט קיין מײַסעס!

## אינדזעלעך שײַן

זון-העזעלעך שפּרינגען איבערן צימער: פון די ווענט אפן באַלקן, פונעם דיל אף די פּאַרהענגלעך... אָט באַלויכטן זיי די פּרענדז פון טישטעך, אָט — אַן אויער בא דער קאַץ, אָט — א גלאָז אין קרענעצע. זיי לאַכן אַן א קאָל, ווי זיי וואָלטן זאָגן:

— אונדז געפעלט, וואָס ס׳איז ליכטיק ארום, נאָר מיר זײַנען ליכטיקער פון ליכטיק. מיר אנטפלעקן דעם רייץ פון א גלאַט שטיקל וואַנט, פון א פּאָשעטן שטיקל דיל.

מיר זײַנען קליינע אינדזעלעך, געהאַפּטענע פון שײַן און פלוצעמדיקײַט. מיר זײַנען — די זאָרגלאָזיקײַט אליין. נאָר די וועלט איז אזוי רײַך, אז וווהין מיר זאָלן צופעליק ניט פאַרבלאָנדזשען, איז פאַראַן וואָס צו זען.

זון-העזעלעך קרײַזן, שווינדלען פאַר די אויגן, לאַכן שטיל.

## צוויי טראָפּן וואַסער

דער זומער-רעגן האָט זיך געענדיקט. דער צעבליטער בעז איז אינגאַנצן געווען אין טראָפּנדלעך. צוויי רעגן-טראָפּנס זײַנען בישכיינעס געהאַנגען אף א צווײַגל, ווי זיי וואָלטן קוקן איינער אף דעם אנדערן. אייגנטלעך, געהאַנגען איז בלויז איינער פון זיי. ער איז געווען א לענגלעכער, אויסגעצויגן טרויעריק, עטוואָס דערשראָקן, קוים-קוים זיך געוויגט אייניינעם מיט זײַן צווײַגל. ס׳האָט דערמאָנט אין דעם, ווי מיר, ווען עס קומט אונדז אמאָל אויס צו באַדויערן עפּעס, שאָקלען שווײַגנדיק מיטן קאָפּ.

דער צווייטער טראָפּן האָט פאַרפולט מיט זיך א צעעפנט בעז-בלימל, וואָס האָט אים אונטערגעהאַלטן, ווי מיט צעשפּרייטע פינגערלעך. דער דאָזיקער טראָפּן איז געווען אַן אויסגעפּוקלטער, א בלישטשענדיקער, ווי א פיצל פאַרגרעסער-גלעזל. ער האָט אויסגעזען פריילעך, יאָמטעוודיק. ער האָט אויך זיך עטוואָס געוויגט, ווי דער ערשטער טראָפּן, — זיי זײַנען דאָך ביידע געווען אף איין צווײַגל, — נאָר דאָס וויגן זיך איז געווען אזא געמיטלעכס, אזא זאָרגלאָזיקס.

איך האָב געקוקט אף די צוויי אינגאַנצן פאַרשיידענע טראָפּנס און געטראַכט: אבי מע זאָגט: „ענלעך איינער אפן צווייטן, ווי צוויי טראָפּן וואַסער“.

## דער שטיין און דאָס ריטשקעלע



אט איז ער, דער גרויסער שטיין, און דאָס קליינע ריטשקעלע.

— זאָג עפּעס, — בעט דער שטיין.

— פּלי־פּלי־פּליו — זאָגט דאָס ריטשקעלע.

— איך בעט דיך זייער — נאָך עפּעס...

— פּליו־פּליו, בול־בול...

— און איך, איך קאָן גאָר־נישט ניט צוטראַכטן, — זיפצט דער שטיין און בלאַנקט מיטן גלאַטן שטערן אַף דער זון.

דאָס ריטשקעלע קומט צו לויפן פון ערגעץ, רירט זיך עטוואָס צו מיט א וואַסער־קרויז צו דעם האַרטן קין פונעם שטיין און לויפט ווײַטער.

און דער שטיין האַלט אופגעפּראַלט זײַן ריזיקן גרויען אויער איבערן ריטשקעלע און הערט:

— פּליא־פּליא, פּליך — ווידער עפּעס נײַס!

## געזאַלצענע אוגערקעלעך

ווען איך הייב אָן וויינען, נעמט מיך די מאַמע פאַר א האַנט און פירט מיך אין אונדזער גאָרטן.

— טו א וויין אַף די אוגערקעלעך, זיי זאָלן ווערן געזאַלצן...

— איך וויל ניט, איך וויל ניט, זיי זאָלן ווערן געזאַלצן! — און איך הער אוף צו וויינען.

ווען עס איז געקומען דער האַרבסט, האָט די מאַמע פונדעסטוועגן אוועקגעשטעלט אפן טיש א פולע שיסל מיט געזאַלצענע אוגערקעס. מיסטאָמע, ווען איך פלעג זי ניט פאָלגן, פלעגט זי גיין וויינען אין גאָרטן.

## בערעלע

דאָס איז א פעסט, געפּאַקט בערעלע, א ביסל ווילד און ביסל שלעפעריק. דאָס נעמט זיך מיסטאָמע בא אים נאָך פון אמאָל, פון גאָר אמאָל, מיט מילי־מיליאָסן יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך אין וואַלד אַרומגעלאָפן, אַף די ביימער געקלעטערט און דורך די לאַנגע ווינטערס די לאַפּע אין שלאָף געזויגן. פונדאַנען נעמט זיך אויך, וואָס ער טוט אמאָל א ברום, אמאָל א דראַפּע, וואָס אַלץ שלעפט ער צו זיך און פאַרזוכט אפן טאַם, — עס מעג זײַן אַן אַלט בוך אָדער א נײַער קאַלאָש.

נאָר צוביסלעך טרעטן אָפּ דער שלעפער און די ווילדקײַט, ווײַל בערעלע — דאָס איז א מענטשל, שוין א גאַנצער מענטש. דאָס סאַמע מענטשלעכע אין אים זײַנען די אויגן. אוי, די אויגן! פון יענע בערישע קײַלעכיקע קנעפּלעך איז קיין זייכער ניט געבליבן. דאָס אויג פונעם מענטשן איז געוואָרן לענגלעך, זיך אויסגעצויגן, באַקומען ווינקלען, ווו עס זאָל קאָנען רוען די כאָכמע. אָבער כאָכמע — ווו נעמט מען עס? דערווײַל האַלט נאָך מיט דעם גאַנץ שוואַך. וועהאָרײַע, א קלוגן פאָלגט מען, און בערעלען פאָלגט קיין זאַך ניט. אָט רײַסט זיך אַרויס דער דיל פון אונטער זײַנע פיסלעך, אָט קומט אים אַנטקעגן א האַרטער שאַפע־ווינקל. בערעלע שרײַט, בערעלע ברומט, בערעלע ווערט ווילד, דערנאָך שלעפעריק — אַן אָנדײַט אַף יענע צײַטן, ווען ער איז אין די וועלדער אַרומגעלאָפן, אַף די ביימער געקלעטערט, דורך די ווינטערס געשלאָפן.

נאָר דאָך איז בערעלע — א מענטש. בערעלע טראַכט און ווייסט אַליין ניט, אַז ער טראַכט. זײַנע געדאַנקען — א פאַרפּלאָנטערט צונויפגעקלעפט קנײַלכל, וואָס קיין איין באַזונדער פעדעמל האָט זיך נאָך פון דעם ניט אָפּגעוויקלט. נאָר הינטערן שטערן גייט שוין א גוואַלדיקע אַרבעט: דאָס שלײַפל צוקט, די ברעגן פון די ברעמען הייבן זיך אונטער. און דעמלט פאַלט אים ניט אײַן צו שרײַען, עס ציט אים ניט שלאָפן. דעמלט פלײַסט ער זיך ריידן.

און ריידן רעדט בערעלע אַף דרײַ שפּראַכן מיטאַמאָל. אַף רוסיש, אַף ייִדיש און אַף זײַן אייגענער קינדער־שפּראַך: — אוידי! גייוועק! נינינײ! — מיט אַזאַ לאַשן האָט ער איינמאָל אַרויסגעטריבן פון שטוב אַ פּאַסקודנעם מענטשן, וואָס איז געקומען יעסורים מאַכן זײַן טאַטן, ער האָט יענעם געשטופּט מיט די פויסטלעך און בייז געשריִען דערבײַ. בערעלע פאַרשטייט אַמאָל אַלץ ווי אַ גרויסער.

בערעלע איז אַ נאַשער — פּונקט ווי אַלע בערן. ווי אַלע בערן, איז ער נײַגעריק. אויך ווי זיי, איז ער אַ באַלן אַף מוזיק. ווען ער הערט מוזיק, גליִען זיך בא אים אָן די אייגלעך און די הענט־לעפּל נעמען זיך באַוועגן צום טאַקט. דערבײַ ברומט ער אונטער.

בערעלע האָט ליב מײַסעס. דערצייל איך אים אַ מײַסע וועגן אַ וואַלד, גייען מיר מיט אים אַוועק אין וואַלד און פאַרבלאָנדזשען זיך דאָרטן. מיר בלאָנדזשען לאַנג, ביזוואַנען ער נעמט מיך אָן מיט זײַן הענטל און פירט מיך אַרויס פון דער וואַלד־געדיכטעניש צו דעם זילבערנעם טײַכעלע פון זײַן געלעכטער. פונדאַנען איז שוין ניט ווײַט דער וועג צו דעם צימער, וווּ בערעלע וווינט, צו זײַן טאַטע־מאַמע, צו זײַן גאַנצער קינדערשער אויסקומעניש, וועלכע ער וועט מיט דער צײַט אַף שטענדיק פאַרגעסן, און דאָך וועט ער זי אַ גאַנץ לעבן צוזאַמען מיטן בלוט טראָגן אונטער דער הויט, אין די אָדערן, און עפּעס־וואָס זיך פון צײַט צו צײַט דערמאָנען, אַליין ניט וויסנדיק פון דעם, אַז ער דערמאָנט זיך...

## דער ערלעכער האָז




א האָז איז געלאָפן איבער דער לאָנקע און האָט געפונען אַ מאַט־בייע — צוויי קאָפּעקעס. ער האָט זי אויפ־געהויבן און געלאָזט זיך ווײַטער. אָט האָט ער באַגעגנט אַ פעלד־מויז און פרעגט בא איר:

— דאָס האָסטו פאַרלאָרן צוויי קאָפּעקעס?

— ניין, ניט איך, — ענטפערט די פעלד־מויז, — אייסעך, אַ קלייניקײַט!

לויפט דער האָז ווײַטער, באַגעגנט ער אַ שטעכלער און פרעגט בא אים:

— דאָס האָסטו פאַרלאָרן צוויי קאָ־פּעקעס?

— ניין, ניט איך, — ענטפערט דער שטעכלער, — אייסעך, אַ קלייניקײַט!

לויפט דער האָז ווײַטער, באַגעגנט ער אַ פוקס.

— דאָס האָסטו פאַרלאָרן צוויי קאָ־פּעקעס?

— ניין, ניט איך.

— איך בין שוין פּאָשעט פאַרמאַטערט, — קלאָגט זיך דער האָז, — ווען איך פרעג ניט, זאָגט ער, אַז ניט ער האָט פאַרלאָרן. און איך וויל פונדעסטוועגן וויסן, ווער. וואָס זשע טוט מען?

— געפין אַ טעלעפאָן־אויטאָמאַט, — האָט אים געייצעט דער פוקס, — קלינג אָן לויטן נומער נול־נײַן אין אָנפרעג־ביוראָ.

דער האָז האָט געפאָלגט דעם פוקס. אָפּגעזוכט אַן אויטאָמאַטישן טעלעפאָן, געשטעלט זיך אַף די הינטערשטע פיסלעך, אַרײַנגעוואָרפן די צוויי קאָפּעקעס, אַ דריי געטאָן נול־נײַן און, דערהערנדיק אַ שטים, פאַרגעבן די זעלבע פראַגע:

— דאָס האָט איר פאַרלאָרן צוויי קאָפּעקעס?

— כאָלילע! דאָס האָט איר זיי איצט פאַרלאָרן! — האָט מען אים געענטפערט.

דער האָז האָט אַ דערפרייטער אויפגעהאַנגען דאָס טרײַבל און איז אַוועקגעלאָפן צוריק אַף דער לאָנקע.

# נידאָסניטיענץ

נידאָסניטיענץ האָט זיך געלאָזט שפּאַצירן. גייט עס איבערן וואַלד און זעט, אַז אונטער די ביימער אָפן גראָז זײַנען צעוואָרפן זון־פלעקן. איז עס ניט פויל, קלײַבט צונויף די זון־פלעקן, קלעפּט זיי אָן אַף זיך און גייט ווײַטער.

און דער גאַנצער וואַלד וווּנדערט זיך.

איינע זאָגן: — זעט, בא אונדז האָט זיך אַ זשיראַף באַוויזן!

אַנדערע זאָגן: — אויך מיר אַ זשיראַף! בא אַ זשיראַף איז דאָך אַ לאַנגער האַלדז, און דער איז ניט דאָס און ניט יענץ...

גייט זיך אַזוי ניטדאָסניטיענץ, שפּאַצירט זיך. זעט עס אַ ביימעלע מיט הוילע צווײַגן. ברעכט עס אָפּ צוויי צווײַגן, שטעלט זיי אַוועק אָפן קאָפּ און לאָזט זיך ווײַטער.

און דער גאַנצער וואַלד וווּנדערט זיך.

איינע זאָגן: — זעט, בא אונדז האָט זיך אַ הירש באַוויזן!

אַנדערע זאָגן: — אויך מיר אַ הירש! בא אַ הירש זײַנען דאָך שלאַנקע פיס, און דער איז ניט דאָס און ניט יענץ...

און נידאָסניטיענץ שפּאַצירט אַלץ, קוקט אין אַלע פיר זײַטן. זעט עס העל־גרינע בלעטלעך, וואָס לויכטן צווישן דעם טונקעלן גרינס. טוט עס אָן צוויי בלעטלעך אַף די אויגן און גייט ווײַטער.

און דער גאַנצער וואַלד וווּנדערט זיך:

איינע זאָגן: — זעט, בא אונדז האָט זיך אַ לעמפּערט באַוויזן!

אַנדערע זאָגן: — אויך מיר אַ לעמפּערט! בא אַ לעמפּערט איז דאָך די פעל אַ געשטרײַפּטע, און דער איז ניט דאָס און ניט יענץ...

האָט נידאָסניטיענץ צוגעזעצט זיך אַף אַ פּניאַק, זיצט און טוט זיך ניט קיין מינדסטן ריר. וואָס איז מיט אים — גיי, פאַרשטיי!

פרעגט מען אים: — ס'איז דיר אומעטיק? — ניין, — ענטפערט ער.

פרעגט מען אים: — ס'איז דיר פריילעך? — ניין, זאָגט ער.

— וואָס זשע איז דיר פאָרט?

— מיר איז ניט דאָס און ניט יענץ...

# די נעסיע פון אַ קרעבס

איך וועל ווײַט אוועק! — האָט געזאָגט דער קרעבס און גענומען קריכן אַף צוריק. גע־קראָכן, געקראָכן, ביז ער איז געקומען אין נעכטן אַרײַן.

און אָט זעט ער די באַקאַנטע סאַזשלקע, און אין דער סאַזשלקע — באַקאַנטע קרעבסן.

— גוטמאָרגן! — זאָגט צו זיי דער קרעבס. נאָר די קרעבסן שרײַען אין איין קאָל:

— שוין געהאַט געזאָגט!

פאַרווילט זיך דעם קרעבס טרינקען, נאָר דאָס וואַסער טרינקט זיך ניט, און די קרעבסן שרײַען צו אים:

— שוין געהאַט געטרונקען!

פאַרווילט זיך דעם קרעבס אײַנשלינגען אַ פישל, נאָר דאָס פישל שלינגט זיך ניט! און די־קרעבסן שרײַען ווידער אין איין קאָל:

— שוין געהאַט געשלונגען!

האָט דער קרעבס גענומען וויינען מיט נעכטיקע טרערן: — גוואַלד, וואָס טוט מען, וויאַזוי־זאָל איך פון דעם נעכטן זיך אומקערן צוריק אין דעם הײַנט?

און דאָ קומט צו קריכן אַן אַלטער קראַב און גיט אים אַזאַ אייצע:

— לייג זיך בעסער שלאָפן, אינדערפרי, אַז דו וועסט אופשטיין, וועט שוין זײַן ניט נעכטן, נאָר הײַנט.

אַזוי האָט דער קרעבס טאַקע געטאָן. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, און אינדערפרי, ווען ער איז אופגעשטאַנען, האָט ער גלײַך געזאָגט:

— אַ גוטמאָרגן!

— שוין געהאַט געזאָגט! — ענטפערט מען אים.

וויל ער אַ טרונק טאָן.

— שוין געהאַט געטרונקען! — זאָגט מען אים.

וויל ער א פישל אײַנשלינגען.

— שוין געהאַט געשלונגען! — הערט ער פון אלע זײַטן.

נו, גיי מאַך עפּעס! און דאָ דערזעט ער ווידער דעם אלטן קראב.

— דײַן אייצע איז קיין אייצע ניט, — זאָגט אים דער קרעבס. — איך האָב דיך געפאָלגט, איבערגעשלאָפן די נאכט און ווידער ארײַנגעפאלן אין דעם נעכטן!

— ניין, — זאָגט דער קראב, — דו ביסט ארײַנגעפאלן דאפקע אין דעם הײַנט, נאָר אף דער וועלט איז שוין מאָרגן. דו ביסט ווידער אף א טאָג אָפּגעשטאנען.

— וואָס זשע זאָל איך טאָן? — האָט דער קרעבס גענומען קלאָגן.

— מיט טרערן, דערצו נאָך מיט אויסגעטריקנטע, וועסטו גאָרנישט ניט העלפן, — האָט געזאָגט דער קראב. — טשעפּע זיך בעסער אָן אף א פליגל פון א פויגל, וועט ער דיך נאָך הײַנט אריבערטראָגן אין דעם מאָרגן, און דו וועסט אזויארום אָניאָגן די צײַט.

— א דאנק פאר דער אייצע! — האָט זיך דערפרייט דער קרעבס. און דערזעענדיק ניט ווײַט עפּעס א פויגל, אומבאמערקט זיך צוגעטשעפּעט צו זײַן פליגל.

דער פויגל האָט זיך געלאָזט פליִען און אוועקגעטראָגן דעם קרעבס ווײַט־ווײַט. ווען דער פויגל האָט זיך צוגעזעצט אָפּרוען, האָט זיך דער קרעבס פון אים אָפּגעטשעפּעט און גענומען ארומקוקן זיך אין דעם אומבאקאנטן אָרט. דאָס אָרט איז טאקע אומבאקאנט, נאָר קרעבסן האָבן זיך אויך דאָ געפונען. אונדזער קרעבס האָט מאמעש אופגעלעבט. ער האָט גלײַך אויסגערופן:

— א גוטמאָרגן! — נאָר ער האָט ניט דערהערט זײַן אייגענע שטים. געוואָלט א פישל אײַנשלינגען, נאָר ער קאָן עס ניט דערלאנגען. געוואָלט וואסער א טרונק טאָן, ערשט ער קאָן זיך ניט דערציִען צו דעם. וואָס טוט זיך עס?! — וווּנדערט זיך דער קרעבס. דאָ זאָגט מען אים:

— דו ביסט ארײַנגעפאלן אין דעם איבערמאָרגן. דו האָסט אפן פליגל פון דעם פויגל איבערגעיאָגט די צײַט.

דערהערט „איבערגעיאָגט“, — האָט זיך דער קרעבס אזוי דערשראָקן, אז ער איז שיר ניט געשטאָרבן אפן אָרט. אָפּשטיין — דאָס איז נאָך צו דערלײַדן. נאָר איבעריאָגן — דאָס האָט נאָך מיט קיין איין קרעבס קיינמאָל ניט פּאסירט.

פאר גרויס שרעק האָט דער קרעבס גענומען גיך־גיך פויזען אף צוריק, ביזוואנען ער איז סאָפּקאָלסאָף ארײַנגעפאלן אין זײַן טאָג, אין זײַן סאזשלקע און אפילע אין זײַן אייגענעם שפור. און דאָ האָט דער קרעבס זייער און זייער דערפרייט זיך און א ניידער געגעבן מער קיינמאָל ניט לאָזן זיך אין קיין ווײַטער נעסיע.

## צוויי מורעשקעס

צוויי מורעשקעס האָבן געפויזעט איבער א קאוון.

— בא מיר איז זומער, אלץ ארום איז גרין, — האָט געזאָגט איין מורעשקע.

— און איך ווייס ניט, זומער צי ווינטער, ווײַל בא מיר איז נאכט. אלץ איז שווארץ, — האָט געענטפערט די צווייטע, און זיי האָבן פאָרגעזעצט פויזען: איינע איבער א גרינעם, די אנדערע איבער א שווארצן פאס פונעם קאוון.

## א רעמאָנט אין וואלד

איינעם א זשוק האָט זיך פארגלוסט רײַך ווערן. האָט ער צוגעטראכט רעמאָנטירן דעם וואלד... א גאנצן טאָג איז ער ארומגעפלויגן, אלץ באקוקט און אויסגעפאָרשט, און צו אָוונט צו אזוי פארשריבן:

„די בערעלעך פון די יאָדלעס פאלן אָפּ, דאָס גרינס איז דורכויס אין זון־פלעקן און בייס עס גייט א רעגן, רינט דער גאנצער וואלד“.

— פון אזא קאפּיטאלן רעמאָנט קאָן מען דאָך באשאָטן ווערן מיט גאָלד! — פרייט זיך דער זשוק, און צעשטעלט אלעמען אף דער ארבעט: דעם פּיקהאָלץ — ער זאָל די קאָרע צונויפשטוקעווען, די ווערים — זיי זאָלן די שוואָמען פארלייטן און די רויפּן — זיי זאָלן די בלעטער פארצירעווען.

די אַרבעט קאָכט. דער זשוק גייט אַרום אין גאָלד, און מיט דעם רעמאָנט אין וואַלד האַלט מען נאָך אַלץ פון פאַרנט, עס איז אַ סוואַרע, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן.

## דער וואָרעם און דער נוס

דער וואָרעם האָט אַנגעקלאַפּט אין נוס, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ צווייַג:
— הער נאָ, ברודערקע! אין דייַן הויז איז ענג און פינצטער, ניט קיין שייַן, ניט קיין לופט, לאָמיך דיר אַ פענצטערל דורכבויערן.
האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס יאָדערל פון זייַן זיסן שלאָף און געזאָגט:
— גוט, בויער דורך!
איז דער וואָרעם אַרייַנגעקראָכן אין נוס, און ביטער איז געוואָרן דעם יאָדערל. און דערנאָך אויך מיר.

## דער רויטער פעפער און דער קאַון

דער רויטער פעפער האָט געזאָגט צו דעם קאַון:
— איך בין רויט, און דו ביסט רויט. נאָר פאַרוואָס עפּעס איז דייַן רויטקייַט אַ זיסע, און מייַנע — אַ ביטערע?
— דאָס איז דערפאַר, האָט אים געענטפערט דער קאַון, — ווייַל מייַן רויטקייַט איז פון אינווייניק, און דייַנע — פון דרויסן.

## דער באַרג און דער ווינט

דער באַרג האָט דערלויבט, אַז דער ווינט זאָל פון אים אַראָפּבלאָזן איין זעמדעלע, איז ער איבער טויזנט יאָר געוואָרן גלייַך מיט דער ערד.

## אָן אַ שטאַם

גוט נאָר אַ קוק, — האָבן געזאָגט די העלפאַנד-בלעטער, וואָס זייַנען געוואַקסן גלייַך פון דער ערד, צו די שכייניסדיקע קליינע בלעטלעך, וואָס זייַנען געוואַקסן אויף אַ שטענגל. — מיר דאַרפן אפילו ניט קיין שטאַם; אָט האָבן מיר אייַך שוין אַריבערגעיאָגט. צום סאָף זומער וועלן מיר זייַן הויך, ווי אָט יענע סאָסנע, און איר וועט קוים אונטערוואַקסן.
אָט אַזוי האָבן זיך באַרימט די העלפאַנד-בלעטער, און די קליינע בלעטעלעך האָבן ניט געייַלט פאַרגעזעצט וואַקסן איינעם מיט זייער שלאַנקן שטענגל.
צום סאָף זומער האָט אַ פיצל גרין ביימעלע פריילעך געצאַפּלט מיט זייַנע בלעטלעך. דאָס איז געווען אַ יונג דעמבל. און די העלפאַנד-בלעטער זייַנען טאַקע פאַרבליבן פון אונטן. זיי זייַנען געוואָרן נאָך גרעסער, נאָך פליישיקער, באַ די ברעגן האָבן זיי זיך צעריסן, זיך באַדעקט מיט שטויב, נאָר קיין געמייַנזאַם שטענגל, פון וועלכן עס ווערט מיט דער צייַט אַ שטאַם, האָבן זיי ניט געהאַט. דאָס זייַנען געווען געוויינלעכע לאָפּוכעס, העלפאַנד-בלעטער.

## דער העלפאַנד און דאָס מייַזל

דער העלפאַנד האָט אָפּגעוואַרט אין אויפנעם-צימער באַ דעם מייַזל. דאָס מייַזל איז דורכגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט און האָט זיך ניט באַגריסט מיטן העלפאַנד.
— אַנטשולדיקט, — האָט עס זיך נאָכדעם פאַרענטפערט, — איך האָב אייַך פּאַשעט ניט באַמערקט...

## דער טשוואַק און די וואַנט

אין דער וואַנט האָט געטאַרטשעט אַ גרויסער טשוואַק. ווער עס פלעגט ניט דורכגיין, פלעגט זיך פאַרטשעפּען אָן אים.
— ס'אַרא אומגעלומפּערטער דו ביסט! — האָט אים איינמאָל געזאָגט די וואַנט. — טו אַ קוק, ווי איך בין גלאַט. קיינעם פאַרטשעפּע איך ניט.
— דיך האָבן דאָך די מולירס געהאַלטן אין איין גלעטן, און מיר האָט מען געקלאַפּט איבערן קאָפּ, — האָט געענטפערט דער טשוואַק און צעריסן עמעצן דעם אַרבל פון אויבן ביז אַראָפּ.

## צו קליין

צוויי ווילדע כיַיעס האָבן זיך געשלאָגן אַף טויט. פון רעציכע האָבן זיי געגראָבן מיט די לאַפּעס די ערד, געקײַקלט זיך, מעשונע געשפרונגען און הויך אַפן קאָל געריטשעט.

אלע באַשעפעניש ארום און ארום האָבן זיך אויסבאַהאַלטן: ווער עס האָט זיך פאַרקליבן אַף א שפּיץ פון א בוים, ווער — אין א נאָרע, און ווער — אין א בוים־לאָך. קיינער האָט ניט געוואַגט די נאָז ארויסצושטעקן.

ווען דאָס געשלעג האָט זיך פאַרענדיקט, איז ארויסגעקראָכן פון זײַן באַהעלטעניש דער באַרסוק און דערזען אַף דער צעגראָבענער ערד, אַף דעם אָרט, ווו דאָס געשלעג איז ערשט פאַרגעקומען, א וואָרעם, וואָס האָט זיך רויִק געוואָרעמט אַף דער זון.

— וויאַזוי ביסטו עס גאַנץ געבליבן? — האָט זיך פאַרוווּנדערט דער באַרסוק.

— איך בין צו קליין, מע זאָל מיך קאָנען צעקוועטשן, — האָט געזאָגט דער וואָרעם, — איך בין צווישן די נעגל דורכגעקראָכן.

## די פעל

דער לייב האָט געזאָגט צו דער היִענע:

— איך וועל דיך פאַרצוקן: מיר געפעלט דײַן פעל, איך וועל זי אויסשפּרייטן באַם אַרײַנגאַנג פון מײַן הייל.

— אָ, צו וואָס דאַרפט איר זיך מאַטריִען זײַן, — האָט אויסגערופן די היִענע, — אַז איר קענט אַזוי אויך ווישן אָן מיר די פיס!

## אַמאָל האָט געלעבט א העלפאַנד

אַמאָל האָט געלעבט א העלפאַנד און... מער קיינער ניט. אויסער אים איז אין דעם מײַסעלע גאָרנישט ניט געווען. און כאָטש א העלפאַנד איז זייער גרויס, איז דאָס פאָר א מײַסעלע נאָך גאַנץ ווייניק.

און טאַקע, וואָס קאָן אויפטאָן אַזא העלפאַנד — ער זאָל אפילו זײַן דער גרעסטער און דער שטאַרקסטער? ארויסרײַסן א בוים? — איז דאָך קיין בוים ניטאָ, און קיין טײַך, וווהין ער זאָל קענען גיין זיך אָנטרינקען, איז אויך ניטאָ.

און אויב גוט א טראַכט טאָן, איז דער דאָזיקער גרויסער העלפאַנד גאָר ניט קיין גרויסער, ווײַל ס'איז ניטאָ, ווער עס זאָל זײַן קלענער פון אים. נאָך מער: ער איז אפילו ניט קיין קליינער, ווײַל קיינער איז ניטאָ, ווער עס זאָל זײַן גרעסער פון אים. און צי איז ער ביכלאַל א העלפאַנד? ווער האָט אים אַזא נאָמען געגעבן?

איז אַט: אַמאָל האָט געלעבט א העלפאַנד, נאָר ער איז געווען ניט איינער אַליין, און דעריבער איז ער געווען א שטאַרקער און א גרויסער, געטראָגן דעם נאָמען העלפאַנד און געטויגט אין א מײַסעלע.

## דאָס געפינס

איינער א מענטש האָט געפונען אַף דער ערד א בלאַנקענדיק שטיינדל. ער האָט עס באַטראַכט פון אַלע זײַטן און שוין געוואָלט אוועקוואַרפן, נאָר דאָ איז פאַרבײַגעפאָרן א רײַטער און האָט צו אים געזאָגט:

— גיב מיר דאָס שטיינדל און איך וועל דיר פאַר דעם אָפּגעבן מײַן טאַש־מעסערל.

— ניין, — האָט יענער געענטפערט און פאַרפרעסט דאָס שטיינדל אין פויסט. און טאָמער איז עס מער ווערט, האָט ער א טראַכט געטאָן, וואָס דאַרף מען זיך אײַלן?..

נאָר דער רײַטער האָט אים פאַרגעלייגט:

— ווייסטו וואָס, נאַ דיר פאַר דײַן שטיינדל אָט די שיינע זאַך, — און ער האָט אים דערלאַנגט זײַן זייגער.

— ניין, ניין! — האָט אויסגערופן דער אייגנטימער פונעם שטיינדל און באַהאַלטן זײַן געפינס אין קעשענע. מיסטאָמע איז עס א ווערטפולער שטיין, האָט ער זיך א טראַכט געטאָן.

נאָר דער אומבאַקאַנטער איז פון אים ניט אָפּגעשטאַנען:

— און עפשער וועסטו מאסקים זײַן בײַטן דײַן שטיין אף מײַן פערד? טו גוט א טראכט.
— איך האָב ניט וואס צו טראכטן! — האָט יענער גלײַך אים אָפגעשניטן. — אפילע אף א הויז וואָלט איך אויך ניט בײַטן!

דאָ האָט זיך דער רײַטער אף א קאָל צעלאכט און געזאָגט:
— צי ווייסטו כאָטש, אז דײַן שטיינדל איז ניט ווערט אפילע קיין טשוועקל פון א פאָדקעווע? מעגסט עס ארויסווארפן! — און ער האָט א צי געטאָן די לייצעס.

— איך האָב דאָך פון סאמע אָנהייב געוואָלט עס ארויסווארפן, — האָט מיט פאריבל נאָכגעשריִען אים דער מענטש מיטן שטיינדל, — הײַנט וואס האָסטו מיר געדרייט א ספּאָדעק?!
— און, אוועקוואַרפנדיק דעם שטיין, האָט ער זיך געלאָזט מיט זײַן וועג.

— היי, רײַטער! — האָט ער מיט א רעגע שפּעטער גענומען רופן. — שטיי! — דער רײַטער האָט זיך אָפּגעשטעלט.
— און וואס וואָלסטו געטאָן, ווען איך בין מאסקים בײַטן מײַן שטיין אף דײַן פערד?
— דו ביסט טאקע אף קיין שטיינער ניט קיין מיווין, — האָט דער רײַטער געענטפערט.
— נאָר איך אף מענטשן בין גראָד יאָ א מיווין!

## די לאטע

א ליידיקגייער האָט געפרעגט בא א האָרעפּאשניק:
— פארוואָס איז מיר אין מײַן פעלץ קאַלט, און דיר איז שטענדיק הייס, כאָטש דאָס פעלצל דײַנס איז אָפּגענוצט און מיט א לאטע אפן רוקן?
— די לאטע וואַרעמט מיך, — האָט געענטפערט דער האָרעפּאשניק.
— און אז איך וועל אוועקלייגן אף מײַנעם א לאטע, וועט מיר זײַן וואַרעם? — האָט ווידער געפרעגט דער ליידיקגייער.
— אויב דו וועסט זי צונייען אף א גאנץ אָרט, וועט זי ניט וואַרעמען, אויב דו וועסט בעקיוון צערײַסן — אויך די זעלבע מײַסע. מע מוז, אז דער פעלץ זאָל זיך אויסטראָגן און עס זאָל ווערן א לאָך.
— און וויפל דאַרף געדויערן, אז מײַן פעלץ זאָל צעריסן ווערן? — האָט דער ליידיקגייער זיך ניט אָפּגעטשעפּעט.
— אויב דו וועסט ארומשפּאצירן פוסט און פּאס, קאָן דײַן פעלץ זײַן שפּאָגל נײַ א יאָר צען...
פון דעמלט אָן האָט דער ליידיקגייער גענומען האָרעווען. ער סטאַרעט זיך אַלץ אָפּזוכן אזא שטיקל ארבעט, אז זײַן פעלץ זאָל וואס גיכער זיך צערײַסן: אָט האַקט ער האָלץ, אָט שלעפּט ער זעק, אָט קאָסעט ער גראָז, און לעסאָף האָבן אף זײַן פעלץ זיך באוויזן לאטעס.
די אייצע, זעט ער איצט, איז געווען א גוטע: מיט לאטעס איז א סאך וואַרעמער!

## די זשמעניע פונעם קאַרגן

הי דו ביסט קאַרג! אָט איז בא דיר א פולע רע־שעטע מיט פלוימען און דו ביסט מיך ניט מע־כאבעד.
— נא דיר א פלוים.
— אלציינס ביסטו א קאַרגוטש! ווער גיט עס איין פלוים?
— נא דיר צוויי.
— ביסט פאָרט קאַרג, וואס איז דאָ צו ריידן!
— וויפל פלוימען דאַרף איך, אשטייגער, געבן, דו זאָלסט מיך ניט האלטן פאַר קיין קאַרגן?
— דער, ווער עס איז ניט קאַרג, ציילט ניט.
— איז אָט האָסטו דיר — ניט געציילט...
דער קאַרגער האָט אָנגענומען א זשמעניע פלוימען פון דער רעשעטע און דערלאַנגט דעם גאַסט.
אין זײַן זשמעניע זײַנען געווען דרײַ פלוימען.

## דאָס קנייטשעלע

דאָס קנייטשעלע איז געקומען צו דעם מענטשן און האָט געזאָגט:
— אויב דו וועסט לאכן, וועל איך זיך לייגן לעבן דײַן מויל, אויב דו וועסט וויינען, וועל איך זיך לייגן אונטער די אויגן.

דער מענטש האָט באשלאָסן איבערכיטרעווען דאָס קנייטשעלע און האָט צו דעם געזאָגט:

— איך וועל ניט וויינען און וועל ניט לאכן...

נאָר ניט טראכטן האָט דער מענטש ניט געקאָנט.

זײַנען בא אים געוואָרן קנייטשעלעך אפן שטערן. זיי זײַנען אויך געוואָרן בא דעם מויל און ארום די אויגן, ווײַל, טראכטנדיק האָט ער אי געלאכט אי געוויינט.

## קעדיי ניט צו פארשלאָפן

פארוואָס קרייעסטו, ווען עס קומט אָן דער טאָג, און ניט ווען עס קומט אָן דער אָוונט? — האָט מען געפרעגט דעם האָן.

— ווען עס ווערט פינצטער, זעט עס יעדערער, און די צײַט, ווען עס ווערט ליכטיק, קאָן מען נאָך פארשלאָפן, — האָט געענטפערט דער האָן.

## וואָס איז אָנגעשריבן?

אלע האָבן געוואָלט וויסן, וואָס איז אָנגעשריבן אף דעם גרויסן פלאטשיקן קערל.

די פראָש האָט געזאָגט: — מע דארף נאָר אויסגלאָצן די אויגן, וועט מען קאָנען איבערלייענען.

די רויפּ האָט געזאָגט: — מע דארף נאָר צופויזען, וועט מען קאָנען איבערלייענען.

דער שפערל האָט געזאָגט: — פון אויבן זעט זיך בעסער, מע דארף נאָר א פלי טאָן איבערן קערל, וועט מען קאָנען דורכלייענען.

דער מוילוואָרף האָט געזאָגט: — מע דארף זיך אונטערגראָבן אונטערן קערל, וועט מען פון אונטן קאָנען דורכלייענען.

און דאָס קערל האָט געזאָגט: — וואָס איז דאָ צו לייענען, אז ס'איז גאָרנישט ניט אָנגעשריבן! דאָס זײַנען אף מיר אזעלכע קארבן. איך בין פּאָשעט א קערל פון א פערשקע.

### טויבעווע פון לעבן

שירע גאָרשמאַן

# קומט, ווען די טולפּאַנען בליִען

ווען איך האָב איבערגעלייענט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ שמועל גאָרדאָנס פאַרצייכע־נונג וועגן ליִא יאַקאָוולעוונא גאָלדבערג, איז מײַן רו פון מיר אוועק. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז איך מוז זיך באַקענען מיט אָט דער פרוי. און אָט בין איך אויף דער צעלינא...

אין יעסיליער ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי האָט דער צווייטער סעקרעטאַר טאַטיאַנא יאַקאָוולעוונא קאָנטאַריאָווא מיך אויסגעהערט און געפרעגט:

— איר וועט זיך ניט אָפּרוען? איר ווילט טאַקע גלײַך צו איר פאָרן?

— אויב מעגלעך...

טאַטיאַנא יאַקאָוולעוונא האָט אַראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל.

— אַלאָ, זאָל סלאַווע צופאָרן אין ראַיקאָם, אָבער טאַקע גלײַך!

אין אַ ווײַלע אַרום בין איך געזעסן אין אַ קליינער, מיטברעזענט געדעקטער מאַשין. דער שאָפער סלאַווע האָט מיך געזאָגט, אַז אין אָנדערהאַלבן־צוויי שאָ אַרום וועלן מיר זײַן אין קאַראַקאָלסק.

— איר אַרבעט אין ראַיקאָם?

— יאָ, מיר האָבן הײַנט געזאָלט פאָרן מיט טאַטיאַנא יאַקאָוולעוונא אין סאָווירט „סוואָ־באָדני“...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז סלאַווע איז „מעסוקן צופרידן“, וואָס ער פאָרט איצט מיט מיר. זײַנע גרויע אויגן קוקן אויף מיר קאַלט און אָפּגעפרעמדט. אָבער איך טראַכט אַזוי: „קוים פאָרסטו מיט אַ ייִדענע, וועסטו שוין ווערן ריידנדיק“.

— סלאַווע, — פרעג איך, — איר זײַט שוין לאַנג אין יעסיל?

— מהו־ו.

— איר האָט עלטערן?

— דער טאַטע איז אומגעקומען אויפן פראָנט.

— די מאַמע אַרבעט?

— מהו־מהו.

— איך בין ניט מעקאַנע אײַער מאַמען.

— וואָס איז?

— אויב איר זײַט צו איר אַזוי צוגעלאָזט, ווי צו אַנדערע.

די מאַשין טוט פּלוצעם אַזאַ שפּרונג, אַז איך פּלי שיר ניט אַרויס.

— מיר וועלן דאָ אַ ביסעלע „אָפּרוען“, — זאָגט סלאַווע.

די זעקסטאָניקע מאַשין שטייט מיט די פאָדערשטע רעדער אויפן וועג, די הינטערשטע זײַנען געבליבן הענגען איבערן ריוו און דרייען זיך אינדערלופטן. דער שאָפער האָט זיך ביז העלפט אַרויסגעשטעקט פון דער קאַבינע. זײַן פּאָנעם איז רויט, ווי אַ צײַטיקער קאַוון, וואָס מע האָט צעשניטן אויף דער העלפט. פון זײַן מויל שיטן זיך אַזעלכע ווערטער, אַז איך קאָן זיי ניט איבער־כאַזערן.

סלאַווע עפנט דאָס פענצטערל, מאַכט אַ צאַרטן, זאַפטיקן „מישעביירעך“ און מיר פאָרן ווײַטער.

— וויפל מאָל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ביז קאַראַקאָלסק? — פרעג איך בא סלאַוועון.

— וויפל מ'ט דאַרפן, — זאָגט ער, — און זינגט זיך אונטער דער נאָז: „וויאַטסאַ דאָראָגאַ דאַלניאַיאַ“[1].

[1] — „דרייט זיך דער וועג דער ווײַטער“.

איך דערזע פונדערווײַטן א יִשעוו. אַף סלאוועס פּאָנעם באַווײַזט זיך א כיטרע שמייכעלע.

— אָט איז אײַער קאראקאָלסק, — זאָגט ער, — כ'האָב ניט געוואָלט אײַך גלײַך אָנטאָן דעם פארגעניגן...

אונדזער מאשינדל האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אָפּצושטעלן, ווי פון שטוב לויפט ארויס א מיטלוויקסיקע פארויטלטע פרוי פון א יאָר פערציק, אָן א פאטשיילקע און אָן א מאנטל.

— אהער, אהער, רעכטס, אניט בלײַבסטו שטעקן! — שרײַט זי. און ווי נאָר די מאשין שטעלט זיך אָפּ, טוט זי א נעם מײַן רוקזאק מיטן טשעמאָדאן און זאָגט צו סלאוועס:

— פאָר צוריק, קאָלזמאן ס'איז ליכטיק...

* * *

לייע טוט א הייב מײַן רוקזאק און פרעגט:

— איר האָט געבראכט בוי־מאטעריאל פון מאָסקווע?

— האכנאָסעס־אָרכים איז א גוטע מידע, — זאָג איך, און לייג ארויס אפן טיש אלץ, וואָס איך האָב געבראכט. זי קוּכט פון געלעכטער. און ווען זי לאכט זיך גוט אויס, זאָגט זי:

— אז איר וועט נאָכאמאָל קומען צו מיר, זאָלט איר אָנשטאָט די שווארצע ברויטלעך און די האָבער־קיכעלעך ברענגען אזוינע הערינג, אָט ווי די, איך האָב זייער ליב גערויכערטן הערינג.

פון קיך באַווײַזט זיך אן עלטערע פרוי אין א ווײַסער פאטשיילקע. אין די הענט — פולע טעלער. זי שטעלט אוועק אפן פארשפרייטן טיש זויערע קרויט, געבראָטענע גאנדז, שיסעלעך באָרשטש, וואָס זײַנען פארצויגן מיט איין גילדענעם „אויג". לייע עסט גיך, מיט אפּעטיט. איך באמי זיך אויך צו טאָן, וואָס איך קען מיט א גענדזענער פּאָלקע. נאָכן עסן זאָגט זי:

— איר זײַט געקומען פון יעסיל אקוראט צו דער צײַט. הײַנט איז בא מיר א היימישער יאָמטעוו. איך האָב קיינעם ניט גערופן, אָבער געסט וועלן זײַן. דערווײַל, — זאָגט זי, — טוט אײַך, וואָס איר ווילט, און איך גיי צו דער ארבעט.

טאָן וואָס מע וויל איז זייער א גוטע זאך, אָבער ניט שטענדיק קאָן מען דאָס. אשטייגער איצט וואָלט איך מיט גרויס פארגעניגן אוועק אין סטעפּ. נאָר דער ווינט ווייעט און הודעט אזוי, אז ס'איז ניט אײַנצושטיין אַף די פיס. אָט איז אן אָנגעפראָפּטע שאפע מיט ביכער, אָבער לייענען ווילט זיך ניט. וועל איך דערווײַל פּאָשעט קוקן, וואָרעם קוקן איז אויך אן ארבעט. עס ליגן וויעט־נאמישע צינאָווקעס אפן דיל — בונטע, גרינגע, זיי מאכן דאָ אלץ זומערדיק. צווישן דער עטאָ־זשערקע און דעם ראדיאָ־אופנעמער שטייט אין א פעסעלע א רויזנבוים. ער איז איצט אין סאמע בלי. פון די גרין־גלאנצנדיקע בלעטער קוקן ארויס זאפטיקע ראָזע בלומען. אַף דער ווײַסער וואנט מינעט זיך אן אויסטערליש צעדריבלטער שאָטן פון דער דאָזיקער וואזאָנע און דאָס מאכט אויך דאָס צימער זומערדיק־געמיטלעך. דאָרט, אין קלענערן צימער, הינטערן פאָרהאנג פון דעקאָראטיון ציץ, שלאָפט מיסטאמע לייע. דאָס בעט איז פארשפרייט מיט א כינעזישער זײַדענער בלויער דעקע, אַף וועלכער עס זײַנען אויסגענייט טונקל־רויטע פּאוועס. אפן טישל לעבן בעט שטייט אַף א מירמלשטיינערנעם פוס אן עלעקטרישער לאָמפּ...

צוביסלעך גיסן זיך די פענצטער אָן מיט טונקעלער בלויקײַט, די צווײַגן פון רויזנבוים זײַנען קימאט שווארץ. די בלומען צווישן די בלעטער האָבן פארלוירן זייער דורכזיכטיקן קאָליר.

* * *

געסט זײַנען טאקע געקומען, דער טיש איז אָנגעפּיקעוועט. שיסלען פעטשא, געפּרעגלטע ווורשט, באגאָסן מיט אייער, געבראָטענע הינער, סמעטענע, צוואָרעך און... בראנפן. איך קאָן זיך ניט פאנאנדערקלײַבן, ווער איז וועמעס. נאָר לויטן שמועס פארשטיי איך, אז עס זײַנען געקומען די, וועלכע זײַנען מיט לייען אינײינעם פון די סאמע ערשטע אַף דער צעלינא.

איך שטעל אפן טיש מײַן גערויכערטן הערינג. ער שמעלצט זיך אזש צווישן די בלייכע ציבעלע־רינגען. מע רעדט וועגן פארשיידענע זאכן. אלע ווײַלע שנײַדט זיך ארײַן אין שמועס:

— געדענקסט? מיר האָבן קיין וואסער ניט געהאט... געדענקסט? מיר זײַנען צוויי מעסלעס געזעסן אָן ברויט...

דער פולער, רויטער שעסטאקאָוו קערט אלע ווײַלע איבער א קויסע און שרײַט:

— ליִא יאקאָוולעוונא, פאר דײַן געזונט! קיינמאָל זאָלן מיר זיך מיט דיר ניט צעשיידן!

באזין, א הויכער בלאָנדער שווײַגנדיקער מאנצבל, דער מעכאניק פון דער עלעקטראָ־סטאנציע, גיסט אויך אָפּט ארײַן אין זיך א גלעזל. לייע זאָגט:

— גענוג אײַך! נעכטיקן וועט איר דאָך דארפן גיין אהיים!

— וואָס עמעס איז עמעס, — שאָקלט מיטן קאָפּ שעסטאַקאָוו, — אהיים וועט מען מוזן גיין אַף די אייגענע פיס, ווי שוואַך זיי זאָלן ניט זײַן...

באַזין שטעלט אָן דעם פּאַטעפאָן. דער אוילעם טאַנצט.

לידע פּעטרענקאָ, וואָס האָט אַזוי שיין געזונגען אוקראַיִנישע לידער, טאַנצט מיט שעסטאַקאָוון. זיי גייען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן מיט דריבנע טריטעלעך. לידע האָט פאַריסן דעם קאָפּ, אירע אויגן שוועבן ערגעץ העכער, איבער אים. אירע דינע הענט זײַנען צעשפּרייט, די אַקסלען ציטערן, די פיס צאַפּלען אַף איין אָרט, ווי זי וואָלט זיי ניט געקאָנט אָפּרײַסן פון דיל. שעסטאַקאָוו טוט אַלע ווײַלע אַ וואָרף דעם קאָפּ, ער קלאַפּט מיט די פיס געדיכט און נאָכאַנאַנד. מיטאַמאָל גיט ער פאַרווונדערט אַ קוק אַף אונדז אַלעמען, ווי ער וואָלט געבעטן מעכילע פאַר דעם, וואָס זײַנע פיס מאַכן אַזעלכע לעכערלעכע און געדרייטע קונצן. לידע טוט אַ פלי רונד־אַרום אַלעמען און זעצט זיך לעבן מיר. אַיך קוק ווי עס טאַנצט לייע. זי דרייט זיך קימאַט אַף איין אָרט מיט לידע פּעטרענקאָס מאַן. אירע פיס שאַרן איבערן דיל פּאַוואָלינקע, באַשיידן, שעמעוודיק. אירע אויגן ברענען אַזוי, אַז מיר דוכט — אָט צינדט זיך אָן די טשופּרינע בא איר קאַוואַלער. איך קוק אַף לייען און טראַכט, אַז אַזוי האָבן שטעטלשע ווײַבלעך געטאַנצט אַמאָל אַף כאַסענעס: אײַנגעהאַלטן, פאַרבאָרגן, נאָר מיט ברען.

— וואָס זײַט איר אַזוי פאַרטראַכט? — פרעגט בא מיר לידע.

— ס'איז דאָ וועגן וואָס צו טראַכטן. ווו אַרבעט איר?

— אָ, איך האָב זייער אַ הימלעכע אַרבעט...

— פונדעסטוועגן, אויב עס איז ניט קיין סאָד...

— ווײַפל מע זאָל דאָס ניט האַלטן בעסאָד, צו מיר וועט מען אַלציינס קומען. פריִער קומט זי, נאָכדעם ער. ער שטייט אונטערן פענצטער מיטן קלומעקל, שרײַבט קוויטלעך, אַז עס קיצלט אַזש פון זיי אין דער נאָז.

— אַ סאַך זײַנען שוין בא אײַך געבוירן געוואָרן?

— ס'פעלט אַ פּאָר צענדליק צו אַ האַלבן טויזנט. עס זײַנען דאָ אַזעלכע, וואָס וועלן באַלד צו מיר קומען דאָס דריטע מאָל. וואָס מיינט איר, בא אונדז זײַט מען נאָר ווייץ?..

ווײַט נאָך האַלבער נאַכט, ווען די געסט געזעגענען זיך מיט דער באַלעבאָסטע, פילט מען, אַז זיי האָבן פאַר איר ניט בלויז אָפּשײַ — זיי האָבן זי ליב.

— קיין זאַך, — זאָגט לייע, ווען מיר בלײַבן אינצווייען, — בינדט אַזוי ניט צונויף, ווי געמיינזאַמע אַרבעט...

ס'איז אויסגעלאָשן די שײַן, דער ווינט הודעט.

אַזוי איז פאַרבײַ מײַן ערשטע נאַכט אין קאַראַקאַלסק.

* * *

אופגעשטאַנען גאַנצפרי, אָפּגעגעסן אָנבײַסן, גיי איך מיר אַוועק אין קי־שטאַל. די קי דרייען אויס די קעפּ, זיי קוקן אַף מיר מיט פולע קײַלעכדיקע געטרײַע אויגן דורך די ווײַסע שיטערע לאַנגע וויִעס. די שטאַל איז פול מיט וואַלד־קלאַנגען. פונוואַנען נעמט זיך עס? האַ־האַ, עס נעמט זיך פונעם צוויטשערן. אַף די קראַקוועס אונטערן סאַמע דאַך טראָגן זיך אום שפּערלעך. זיי טוען זיך פלוצעם אַ שיט אַראָפּ, ווי טונקעלע קנײַלעכלעך, צו די קאַרעטעס. די קי פאַכען מיט די עקן. אָבער די שפּערלעך זײַנען שוין געוווינט דערצו. זיי זײַנען אַזוי כוצפּעדיק, אַז אַ סאַך פון זיי האָבן זיך באַזעצט צווישן די קיִעשע הערנער און טוען דאָרטן, וואָס זיי דאַרפן. פלוצעם גיבן זיך אַלע שפּערלעך אַ טראָג אַוועק צו די קראַקוועס, — אַ טראַקטאָר איז צוגעפאָרן. די טויערן עפענען זיך און אַ האַרבער, פריש־זויערער רייעך פון פּאַפּשוי־סילאָס פילט אָן די שטאַל. ווען דער קאַרם איז שוין אָנגעשאָטן אין די קאַרעטעס, הייבן זיך די קי אויף. עס הערט זיך אַ טעמפּער קלאַנג פון צענדליקער קינען, וואָס קײַען, רײַבן אין רויִקער פאַרטראַכטקײַט די לאַנגע פײַכטע סטענגעס סילאָס־בלעטער.

און פלוצעם איז עס געשען... פונקט אַזוי האָט דאָך געשמעקט דער סילאָס אין מײַן קאָמונע... עס הערט זיך אַ יונג געלעכטער — די מעלקערנס גייען. מײַנע קאָמונאַרקעס האָבן דאַן אויך אַזוי געלאַכט. זייערע טריט האָבן גאָר אַנדערש אָפּגעקלונגען, ווײַל זיי זײַנען פון פריִען פרילינג ביז שפּעטן האַרבסט געגאַנגען באָרוועס. אוי, ווי איז מיר, דאָס זויערע גערוך האָט מיך אַרײַנגע־שלײַדערט אין מײַן ווײַטער יוגנט... נאָר דאָס פעלט מיר!..

די מעלקערנס לאַכן, עס קלינגען די בלעכענע עמערס. און אָט פאַלן שוין ווײַסע, שטײַפע שטראָמעלעך אין די עמער. די אַרבל פון די כאַלאַטן בא די מעלקערנס זײַנען פאַרקאַטשעט. עס

בלאנקען אף די הענט זייגערלעך. די קײַלעכדיקע פולע קני קוקן ארויס דורך די דינע זאָקן. ניין, מיר האָבן קיין זייגערלעך ניט געהאט, קיין דינע זאָקן — אוואדע און אוואדע ניט.

„מע זעט נאָך די באקן, ווי די ציינער קנאקן״, טראכט איך.

די זאָאָטעכניקערן, אנא ניקאָלײַעוונא, א פרוי מיט שווארצע אויגן, מיט א שטײַף פארמאכט מויל, באגלייט מיך צו דער שטאל פון די טעלעצעס, וועלכע מע האָט דאָ ניט לאנג אראָפּגעבראכט פון לעטלאנד. זיי דרייען זיך ארום ניט קיין צוגעבונדענע, די טעלעצעס, און זעען אויס ווי אויסגעגאָסן פון בראָנזע. די פיס נידעריקע, די טלאָען העלע, די הערנער קליינע, די מאָרדעס שמאָלע, די פעלן גלאנצן...

— נו? — פרעגט אנא ניקאָלײַעוונא שטאָלץ.

— איר גרייסט זיך מיט זיי אזוי, פונקט איר וואָלט זיי דאָ אויסגעהאָדעוועט.

— נישקאָשע, זיי וועלן זיך קעלבן, און מיר וועלן אויסהאָדעווען די קעלבלעך זייערע. קומט צו אונדז איבעראיאָר, — זאָגט זי מיטן טאָן פון א גוטער באלעבאָסטע.

* * *

דער הימל איז קלאָר, דער אומענדלעכער רוים קלינגט פון שטילקײַט. דער סטעפּ שפּרייט זיך, ווי א גרוי־געקרײַזלטע פעל, העט־העט ביז צום הימל־ראנד. אורשפּרינגלעכקײַט רוט אף די נידעריקעביימלעך באם טײַך קאראקאָל. טשאטעס פייגל ציִען ערגעץ אין דער ווײַט.

דער סאָווירט קאראקאָלסק שטייט מיט זײַנע ווײַסע שטיבער אין גרויס דערוואַרטונג. א לופטיקער ברייטער ווינט הויכט איבערן יישעוו — אָט־אָט וועלן זיך די שטיבער א הייב טאָן און, ווי שיפן, זיך אוועקטראָגן איבערן ליכטיק־צעעפנטן ברייטן רוים, וואָרעם מע דארף דאָך טאקע זײַן אָן אן אָטעם, אָן לעבן, קעדיי צו שטיין אף אן אָרט, בייס ארום און ארום איז אזא ראכוועס. נאָר שטיבער זײַנען ניט קיין שיפן, פון די קוימענס וויקלט זיך א היימישער רויך, מע גרייט אָנבײַסן. פון די הויפן שפּאצירן ארויס גענדז, אף קופּעס הני שטייען אף איין פוס הענער, און כאָטש עס איז גאנץ ווײַט, זעען זיך גוט אין דער קלאָרער לופט זייערע צענומענע פליגל.

פארנאכט איז די ביבליאָטעק אָפן און פול מיט מענטשן. יונגעלײַט שטייען בא די ביכער־פּאָליצעס און קלײַבן זיך אויס, וואָס זיי געפעלט. די ביבליאָטעקערן איז א כיינעוודיק מיידל, מיט א שעוועליורע. די דאָזיקע פריזור רופט מען „בא מײַן מאמען בין איך א נארעלע״. זי רעדט מיט אויסרופצייכנס:

— אך! בא אונדז לייענט מען אזויפיל! זאָל מען נאָר אויסבויען דעם נײַעם קלוב, וועלן מיר באווײַזן, וואָס עס הייסט קולטור־ארבעט!

איך גיי ארויס פון ביבליאָטעק. דער יונגער מוילעד הענגט אפן הימל, ווי אן אָפּגעבראָכע־נער אייערבייגל. די פענצטער זײַנען שוין באלויכטן. עטלעכע יונגע לאָשעקעס, קימאט פערד, יאָגן גאלאָפּ מיט צעלאָזטע גריוועס. זייערע געטאָקטע שווארצע סילועטן מאָלן זיך ארײַן אין פייזאזש פול, פארגאנצט און באדײַטנדיק.

קאראקאָלסקער טוישווים גייען אין קינאָ. מע גייט מיט קינדער אף די הענט, גרעסערע האלטן זיך בא מאמישע קליידלעך. א סאך מאמעס זעען אליין אויס ווי קינדער. עלטערע כעוורע שליאָפּען איבער דער בלאָטע, שפּילן זיך אין יאָגעניש. זיי פרייען זיך: הײַנט ווײַזט מען דעם פילם „יעוודאָקיִא״ און זיי וועלן זען, ווי זי וועט זיך קושן מיט אכמעטקען. מיידלעך וואשן די גומענע שטיוועלעך אין קאָליזשעס. די פּאטשיילקעס כאפּן ארום זייערע היימלעכע פענעמער מיט די הארט־געקנאָטענע באקן. זיי פארגייען זיך פון געלעכטער, ווײַל יונגע באָכערימלעך שטייען ארום זיי... די פּאטשיילקעס קאָנען ניט אויסהאלטן די שטײַפע באקן און לאָזן זיך פאנאנדער. איך זע ווי א באָכער כאפּט אָןביידע עקן פון א פּאטשיילקע, טוט זיי א צי מיטן מיידל צוזאמען צו זיך. זי באווײַזט זיך ניט ארומקוקן, ווי ער טוט עפּעס מיט אירע ליפּן...

* * *

אין שטוב איז ווארעם און ליכטיק. לייע זיצט באם טיש. זי פרעגט:

— ווּ זײַט איר עס פארפאלן געוואָרן?

— כ'בין זיך א ביסל דורכגעגאנגען איבערן יישעוו... נו, זאָל זיך אײַך אויסווײַזן, אז איך האָב קימאט שפּאצירט...

— קימאט שפּאצירט איז ניט געפערלעך. קימאַט געגעסן איז א ביסעלע ערגער. זעצט זיך. די בעשאָמע קאָן מען ניט אויסשפּײַען.

לייע שטעלט אוועק אפן טיש א פּאַלומעסעק אָנגעשניטן ברויט, אָפּגעקאָכטע אייער, מערן־צימעס.

— ווו זײַט איר פּאַרט געווען? — פרעגט זי.

— אין ביבליאָטעק.

— אוי, די ביבליאָטעק ליגט מיר אין די ביינער. מיר דאַרפן א קלוב ווי דאָס לעבן. נאָר דערווײַל ווילן מיר זיך מוזן באגיין. פאַראַן איצט בילכערס צו טאָן. מײַן טאַטע פּלעגט זאָגן, אז מע לעבט מיט כעזשבן, איז מען קיינעם ניט שולדיק...

— פונוואַנען זײַט איר, לייע?

— פון מינסק...

איך פּיל, אז איך האָב אָנגערירט אן אָנגעווייטעקט אָרט. לייע ברענגט צוויי פאָטאָגראַפיעס. זי לייגט זיי אוועק אפן טיש און זאָגט:

— אין די דרײַסיקער יאָרן זײַנען מיר אריבערגעפאָרן קיין ראָסטאָוו. ערעוו דער מילכאָמע האָבן זיך מײַנע עלטערן צוריקגעקערט קיין מינסק, נאָר איך בין געבליבן אין ראָסטאָוו, ווו איך האָב געלערנט אין לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט. מער האָב איך זיי ניט געזען...

„מער האָב איך זיי ניט געזען", — זאָגט זי אזוי, אז אויך בא מיר עפּענען זיך א סאַך ווונדן. די פאָטאָגראַפיעס ליגן אפן טיש, ווי צוגעדעקטע מייסים. און ווען לייע הייבט פאַרזיכטיק אוף דאָס דינע ווײַסע פּאַפּיר פון איין פאָטאָגראַפיע, ציטערן אירע פינגער. פון בילד קוקט א געוויינלעך ווײַבעריש פּאָנעם מיט א שמאָלן שטערן, וואָס איז א ביסעלע צוגעקוועטשט צו די שלייפן, מאַכט ברייט די אונטערשטע קין.

— דאָס איז מײַן מאַמע, — זאָגט לייע און נעמט צו די פאָטאָ. זי וויל אָפּדעקן, נעמענדיק פאַרן סאַמע ראַנד דאָס דינע ווײַסע פּאַפּיר פון צווייטן בילד, נאָר זי טוט עס ניט, זי גיט עס א שאַר איבערן טיש צו מיר, אליין גייט זי אוועק און זעצט זיך אף דער קאַנאַפּע מיט איין פוס אונטער זיך.

דער טאַטע. אן איידל געזיכט. די ברעמען צעבראָכן, די אויגן קוקן מיט פאַרגעבונג און אייביקער זאָרג. בא די נאָז־פליגל טיפע קאַרבן, וואָס לויפן אראָפּ צו די וואָנצעס און ווערן דאָרט נעלעם. דאָס גאַנצע פּאָנעם איז באהויכט מיט ווייכער זעליקײַט.

ס'איז שטיל... איך כאַפּ א קוק אף לייעס פּראָפּיל. כאָטש דער טאַטע איז שענער פון איר, איז צו באַוווּנדערן, ווי די נאַטור האָט באַלויכטן מיט זײַן אָנבליק אירע אויגן. די זעלבע לענגלעכע קנייטשן לויפן אראָפּ צו אירע צעצויגענע ליפּן פונעם ברייטן מויל.

ס'איז ליכטיק און שטוב. די ליוסטרע האַלט א סאַך שײַן אין די פלאַכע מאַטעווע שאָלן, דער באַלקן איז מער באַלויכטן, ווי די ווענט און די שטוב־זאַכן. דער טעפּעך אף דער קאַנאַפּע איז צעקנייטשט פון לייעס אונטערגעבויגענע פיס. איר קאָפּ איז אראָפּגעלאָזט, די קליינע ווײַסע הענט קוקן ארויס דורך די צעשויבערטע שוואַרצע האָר. איר גאַנץ געשטאַלט איז קינדעריש אומבאַהאָלפן. איך זע פּלוצעם, ווי א קליין יידיש מיידעלע זיצט באַם טאַטן אפן שויס.

* * *

הײַנט אינדערפרי האָט לייע מיר געזאָגט:

— איר ווילט טאַקע זיצן מיט מיר אין קאַבינעט? אדעראַבע, זיצט.

זאַלבעצווייט זײַנען מיר לאַנג ניט געזעסן. אָט גייט אַרײַן א שאָפער. ער שטייט און שווײַגט.

— וואָס שטייסטו, זאָג עפּעס, — שמייכלט לייע.

— איר ווייסט גוט, ליאַ יאַקאָוולעוונאַ, ווי מײַן מאַשין איז צענעריקט. וואָס איז אײַך דער כילעק, ווער עס וועט פאָרן אף די נײַע מאַשינעס?

— א, איך פאַרשטיי שוין, דו נעמסט, הייסט עס, אראָפּ פון מיר די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. כ'בין דיר זייער דאַנקבאַר... איז געדענק זשע, קיין צענעריקטע מאַשינעס זײַנען בא מיר ניטאָ. פאַראַן קרומע הענט. צו קיין נײַער מאַשין וועט זיך קיינער ניט צורירן ביז צום שניט...

— ליאַ יאַקאָוולעוונאַ...

— מע רופט מיך אזוי שוין גאַנץ לאַנג. גיי, באַריס, צום פאַרוואַלטער פון גאַראַזש, באַקום נײַע טיילן און מאָרגן באַגינען פאָר נאָך צעמענט.

— דאָס איז אײַער לעצט וואָרט?

— ווי דו זעסט. קאָנסט פרעגן בא די, וואָס קענען מיך פון לאַנג, צי מײַן וואָרט איז א וואָרט! האָב א גליקלעכן וועג...

דער שאָפער גייט אוועק. עס קומט אַרײַן א יונגע פרוי. זי שטייט לעבן דער שוועל מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן.

— וואָס איז שוין ווידער?
— ער איז געקומען... ער זאָגט, אַז ער וועט מער קיין טראָפּן ניט נעמען אין מויל...
— גענוג, צוויי מאָל איז ער אַנטלאָפן, צוויי מאָל האָבן מיר אים צוריק גענומען אויף דער אַרבעט. און נאָר דערפאַר, ווײַל דו האָסט געבעטן.
— ער זאָגט, ער וואָלט אַליין געקומען, — שעמט ער זיך פאַר אײַך.
— גערעכט. אויף זײַן אָרט וואָלט איך זיך אויך געשעמט.
— איך בעט אײַך...
— אויב דו האָסט ניט געקאָנט אויספירן, אַז זײַן ערשטע שיקרעס זאָל זײַן די לעצטע, איז זייער שלעכט...
די פרוי גייט אַוועק. לייע איז זייער צעטומלט. אירע גרינלעך־גרויע אויגן זײַנען ערנסט. איר קליינע פויסט קלאַפּט איבערן טיש און זי ציילט די ווערטער:
— די פרוי איז שוואַכער פונעם מאַנצבל, די נאַטור האָט אַזוי געוואָלט. אָבער פריִער פון אַלץ זײַנען מיר דאָך מענטשן, ערשט נאָכדעם מאַנצבלען און פרויען. ס׳טרעפט אָבער, אַז די פרוי דאַרף זײַן שטאַרקער, און אויב זי קען דאָס ניט, איז ביטער! — זי נעמט עפּעס פאַרשרײַבן. איך פאַרשטיי, אַז מיר איז שוין צײַט צו גיין.
...אין מעכאַנישן וואַרשטאַט איז ניטאָ, ווּ זיך אַ קער צו טאָן. צעשרויפטע טראַקטאָרן, לאַסט־מאַשינעס, עס רודערט, עס טראַסקעט, ווי מע וואָלט געקנאַלט פון אַ האַרמאַט. פּיאָדאָר לאַזאַרע־וויטש, דער פאַרוואַלטער פון וואַרשטאַט, איז אויסגעשמירט אין מאַשין־אייל. דאָס נאַטיץ־ביכעלע אין זײַן האַנט גלאַנצט אויך פון פעטקײַט. די רויטע ביינערדיקע סקולעס זײַנען פריש און גלאַט, כאָטש ער איז שוין נאָענט צו די זעכציק. די בריגאַדירן האָבן אים אַרומגערינגלט. אַ הויכער מאַנצבל רעדט מיט האַרץ:
— לאַזאַרעוויטש, די מאַטעריאַלן פון פּלענום האָסטו געלייענט, איז שלאָף ניט...
— געלייענט, געלייענט.
איך פאַרשטיי, אַז קיין שמועס מיטן פאַרוואַלטער וועט זיך בײַ מיר איצט ניט אויס־געבנדזלען... מע רײַסט פון אים שטיקער. אָט־אָט דאַרפן די טראַקטאָרן אַרויס אין פעלד, און בײַ אים איז נאָך ווײַט צום געלעכטער. כאָטש ער האָט פאַר דער גערעטעניש פון 1956 יאָר אַ גאַל־דענעם שטערן, ווייסט ער גאַנץ גוט, אַז מע וועט אים איבערן קאָפּל ניט גלעטן.
פלוצעם ווערן זײַנע סקולעס בלייכלעך, ער קוקט צו דער טיר. לייע איז אַרײַנגעקומען. זי גייט צו, נעמט אים אונטער דער האַנט, רעדט צו אים שטיל און ערנסט:
— לאַזאַרעוויטש, מיט דער טעכניק, וואָס מיר האָבן, וועלן מיר זיך ספּראַווען מיט אַלע אַרבעטן. פאַרשטייסט? מיט אַלע אַרבעטן.
— איך פאַרשטיי, אָבער טרײַב ניט די נעשאָמע.
זי ווייסט שוין, אַז מער דאַרף זי מיט אים ניט טײַנען. זי נעמט מיך אונטער דער האַנט, און מיר לאָזן זיך אַהיים.
בײַם טיש רעדט לייע שמייכלענדיק:
— דער טאַטע פלעגט דערציילן, אַז בײַס מײַן באָבע האָט אים צוגענייט אַ קנעפּל אָדער פאַרצירעוועט אַ גוואַלדריס, פלעגט זי אים הייסן עפּעס קײַען... איז ער געפאַלן אויף אַ האַמצאָע. ער האָט גענומען אָפּטער אָפּרײַסן די קנעפּלעך. אָבער די באָבע פלעגט אים געבן אַ שטיקל פאָדעם, אָדער זי פלעגט צו אים אַ געשריי טאָן: פאַרבײַס די לאַץ, איך זאָל דיר ניט פאַרנייען דאָס מויעכל. דער זיידע מײַנער איז מיסטאַמע געוואָרן אַ בעקער, ווײַל דער טאַטע האָט קינדווײַז קיין ברויט צו זאַט ניט געגעסן... — זאָגט לייע פאַרטראַכט, הייבט זיך אויף, נעמט דאָס לעדערנע מאַנטעל, אַ נאָדל־פאָדעם און זעצט זיך צונייען אַ קנעפּל:
— ס׳איז בײַ אונדז שוין אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער דאָר, וואָס הייבט ניט אָן צו וויסן, וואָס איז אַזוינס לופט־מענטשן...
דאָס קנעפּל איז שוין צוגענייט. לייע פּרעסט אויס אַ ווײַס קאָפּטל — אויף דער אַרבעט גייט זי שטענדיק, ווי אויף אַן אומדערוואַרטער באַגעגעניש.
— וואָס מיינט איר, — זאָגט זי ערנסט, — איך וואָלט ניט געקאָנט זיצן נאָך ביז איצט אין מינסק, אָפּן בענקל אין מיניסטעריום? אָבער וואָס קאָן זײַן בעסער פון לעבן און אַרבעטן אין די טיפענישן פון פאָלק?
ס׳איז שפּעט באַנאַכט. אין לייעס שלאָפצימער ברענט די שײַן. איך הער ווי זי בלעטערט אַ בוך. הינטער דער וואַנט וויגט מען אַ קינד. דוק־דוק־דוק... דאָס קינד וויינט. לייע זאָגט שטיל:
— כ׳וואָלט זי גענומען דאָס קינד אויף די הענט, כ׳קאָן ניט אויסהאַלטן, ווען קינדער וויינען...
איך הער אין אירע ווערטער נאָך עפּעס, און עס ווערט מיר טרויעריק...

* * *

עס גייען די טעג. לייע איז פאַרדייגעט און צערודערט. אַוונט־צייט קומט צו אונדז אריין אנאסטאסיא וואסיליעוונא, א שווארצכיינעוודיקע אוקראַינקע, די באלעבאָסטע פון די צוזאמענוווי־נונגען, פון די יאסליעס, פון קינדער־גאָרטן. זי וואַרפט אראָפּ דעם מאנטל, זעצט זיך אוועק און טוט א געשריי:

— וואָס זשע זייט איר מיר מיט גאָרנישט ניט מעכאבעד?

און ווען זי טרינקט אויס א פּאָר גלעזער טיי און בייסט גוט צו, נעמט זי דערציילן:

— אוי, וואָס פאר א באָכערים עס זיינען געקומען! אין זייערע פענעמער ניט אריינצוקוקן...

לייע קייכט פון געלעכטער. ווי לייע לאכט, האָב איך שוין געזען ניט איין מאָל. עס טרעפט, אז זי לויפט אריין אין שטוב, פארגייט זיך אזוי, אז זי טוט אזש יעדעס מאָל א קוויטש. מע קאָן מיינען, ווער ווייסט, וואָס זי האָט געזען אין דרויסן. לאָזט זיך אויס, גאָרנישט. ס'איז אין דרויסן לעוואָנעדיק און דער ווינט האָט זי מאמעש אריינגעטראָגן אין שטוב אריין... ווען זי לאכט זיך אויס, גייט אוועק זייער אן ערנסטער שמועס.

— געגוג שוין וועגן די שיינע ייִנגלעך, מארגן, וואסיליעוונא, וועסטו מוזן פאָרן נאָך קוילן. זע, אז עס זאָל די יונגע מעכאניזאטאָרן גאָרניט פעלן...

— אלייך פארשטיי איך ניט, וואָס איך האָב צו טאָן? כ'האָב נאָך, דוכט זיך, קיינמאָל גאָרניט קאליע געמאכט, — באלײדיקט זיך אנאסטאסיא וואסיליעוונא און גייט אוועק.

לייע שפּאַנט אומרויִק איבערן צימער. מיטאמאָל טוט זי זיך א לאָז צום פענצטער. עס הערט זיך א גערודער פון מאשינעס. איך פארשטיי לויט דעם, ווי זי שוויגט, אז עס זיינען ווידער גע־קומען ניט די, אף וועמען זי קוקט ארויס. שוין דער פערטער מעסלעס, ווי די ברידער אלעקסיוק זיינען אוועקגעפאָרן קיין צעלינאָגראד נאָך זויערשטאָף פאר די אויטאָגענען, און זיינען נאָך אלץ ניטאָ.

און אָט הערט זיך ווידער א רויש. לייע כאַפּט ארוף דעם מאנטל אף די אקסל, צעעפנט די טיר און שרייט ארויס: — „אלעקסיוקי!" זי דרייט אויס דעם קאָפּ צו מיר און זאָגט א דערפרייטע:

— געקומען!

* * *

דער פרימאָרגן איז פריש און וואַרעם.

— א ווינטעלע א כּיעס, — זאָגט לייע, — אזא ווינטעלע בלאָזט גוט דורך די געהירן... — עס הילכט איר געלעכטער. פּלוצעם פארטראכט זי זיך. עפּשער זעט זי איצט אומענדלעכע שטעפּ־כים ווייץ, עפּשער רעכנט זי נאָכאמאָל און נאָכאמאָל אויס, וויפל מילך, וויפל ברויט צעלינא וועט געבן דעם מענטשן...

די זון גייט אוף. די נידעריקעביימלעך באם טייך זיינען באגאָסן מיט שיין. די לופט איז דורכזיכטיק. ביז צום הימל־ראנד פארנעמט דאָס אויג אלץ — און אלץ גיסט זיך צונויף אין איין ברעגלאָז בילד.

— צו אונדז זאָלט איר קומען אין פרילינג, — זאָגט ווידעראמאָל לייע, — אונדזער סטעפּ איז גאָרניט אזוי געקריוודעט. מיר האָבן ניט קיין וואלד, האָבן מיר בלומען. איר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי דער סטעפּ זעט אויס בייס די טולפאנען בליִען. איר האָט נאָך אזעלכעס קיינמאָל ניט געזען...

אָט איז צוגעפאָרן די מאשין, אף וועלכער איך וועל באלד פארלאָזן דעם סאָווירט. כ'האָב זיך שוין געזעגנט, אלץ געזאָגט. איך פיל, אז איך לאָז דאָ איבער א סאך, זייער א סאך. איך האָב נאָך וואָס צו קומען נאָכאמאָל. אבי געזונט.

לייע שטייט לעבן דער שטוב. א שמייכלענדיקע, א פארויטלטע, אָן א פאטשיילקע און אָן א מאנטל. אָבער זען זע איך זי גאָר גייענדיק צווישן ווייץ־פעלדער, איך זע ווי זי רייסט רויטע טולפאנען. איך זע ווי די טולפאנען בוקן זיך פאר איר, נאָך איידער זי באווייזט זיך אנצובייגן און זיך צורירן מיט די פינגער צו זייערע שטענגלעך...

זי שרייט צו מיר:

— טאָמער איז אייך עפּעס ניט געווען צום הארצן, האָט ניט קיין פאריבל. וואָרעם אונדזער באלעבאטישקייט איז זייער יונג. ס'איז נאָך קיין אכט יאָר ניט אלט!.. פאָרט געזונט און קומט צו אונדז, ווען די טולפאנען בליִען!

יאַנקעוו שטערנבערג

# מײַן אַלטע היים אין פּראָפֿיל

רײַזע־נאָטיצן

## ציידאַ־לאַדערעך

שטאָט אין פּראָפּיל — אַזוי האָט געהייסן מײַן לידער־בוך, אין וועלכן ס׳איז געקומען צום אויסדרוק מײַן יוגנט־ליבע און ניט ווייניקער שטורמישע יוגנט־סינע אין די יאָרן, ווען איך האָב צווישןביידע וועלט־מילכאָמעס געלעבט אין רומעניִשן קיניגרײַך.

פֿאַר מיר, דעם נאָך צאַרטן ייִדישן באָכער, וואָס איז פֿונעם פֿרומען בעסאַראַבער שטעטל אַרײַנגעפֿאַלן אין דער בורזשואַז־עקסטראַוואַגאַנטער, קאָכיקער באַיאַריש־רומעניִשער הויפּטשטאָט, זײַנען די ליבע און די סינע, וואָס זי האָט אין מיר אַרויסגערופֿן מיט אירע שרײַענדיקע ווידערשפּרוכן, געווען די צוויי פּאָליוסן, צווישן וועלכע איך האָב זיך דאָרטן פֿיזיש און מאָראַליש באַוועגט. אַמאָל פֿלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז דאָס זײַנען די פֿליגל, וואָס פֿון זיי ווער איך גײַסטיק געטראָגן. איז מיר טאַקע דאָרט באַשערט געווען טיף איבערצולעבן מײַנע ערשטע אַליִעס און יערידעס. דערהאַלטן מײַן גלײַכגעוויכט האָט מיר אָבער טאָמיד געהאָלפֿן די געבענטשטע רומעניִשע נאַטור, דער פּאָעטישער רומעניִשער פֿאָלקס־כאַראַקטער („יעדער רומענער ווערט געבוירן אַ פּאָעט“, זאָגט אַ רומעניש שפּריכוואָרט), און, פֿריִער פֿאַר אַלעמען, דאָס טמימעסדיק־געזונטע, שוואַרצערדיש־גוטע, מילדע געמיט פֿונעם רומעניש־ייִדישן פֿאָלקסמענטשן, וועלכער איז פֿאַר מיר, ווי אויך פֿאַר דעם גאַנצן נײַעם דאָר ייִדיש־שעפֿער אין רומעניִע, געווען די זעלבע גליקלעכע אַנטפּלעקונג, ווי בעשײַטע פֿאַר די בראָדער זינגער, פֿאַרן גאַליציִאַנער וועלוול זבאַרזשער און פֿאַרן רוסלענדישן אווראָם גאָלדפֿאַדען. אָט די גרויסע פֿאָרגייער אונדזערע — באַזונדערס די לעצטע צוויי — האָבן בעלי־סאָפֿעק נישט געקאָנט ניט דערקענען אינעם רומעניש־ייִדישן פֿאָלקסמענטשן יענע כאַראַקטעריסטישע טײַערע אייגנשאַפֿטן, וואָס שטאַמען, פֿון איין זײַט, פֿון די בעסאַראַבישע און, פֿון דער צווייטער זײַט, פֿון די גאַליציִשע ייִדישע מאַסן. לירישער פּרימיטיוו און גײַסטיקע פֿאַרשפּיצטקײַט האָט דאָ דערפֿאַר פֿון טאָמיד אָן געשטרעבט צו סינטעז. אין וואָס פֿאַר אַ מאָס איז אָט דער טשיקאַווער סינטעז רעאַליזירט געוואָרן? דאָס איז שוין אַ פֿראַגע, אויף וועלכער מע קאָן ניט ענטפֿערן אויף איין פֿוס. מיר וועלן זיך אומקערן צו איר אין אַ ספּעציִעלער אַרבעט.

הײַנט אָבער, סקיצירנדיק נאָר יענע מאָמענטן, וועלכע פֿאַרבינדן מיך ביז איצט מיט רומעניִע, מוז איך אומבאַדינגט דערמאָנען די, פֿון 1917 יאָר אָן איקערדיקסטע פֿאַר מיר פּרוכטבאַרע האַשפּאָע פֿון דער רומעניִשער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט מיך עמאַנציפּירט סײַ פֿון סטאַם ייִדישיזם און סײַ פֿון סטאַם ראַדיקאַליזם. אַ צווייטע וויכטיקע דאַטע איז דאָס 1933 יאָר, וואָס איז אַרײַן אין דער רומעניִשער אַרבעטער־געשיכטע מיטן באַרימטן העראָיִש־דורכגעפֿירטן שטרײַק אין די אײַזנבאַן־וואַרשטאַטן פֿון קאַלע־גריוויצע — הײַנט „רויטע גריוויצע“. דער דאָזיקער שטרײַק, און באַלד נאָך אים דער פּאָליטישער פּראָצעס פֿון זײַנע מוטיקע אָנפֿירערס, האָט געענערט מיט זײַן קעמפֿערישן גײַסט די גאַנצע שפּעטערדיקע רומעניִשע קאָמוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אַפֿילע אין אירע אומלעגאַלע באַדינגונגען געהאַט גענוג קויעך אויף צו מאָביליזירן און אידייִיש ריכטן אויך אַלע פּראָגרעסיווע אַנטיפֿאַשיסטישע און פּראָסאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען געווען טעטיק אויף דער לעגאַלער אויבערפֿלאַך. מײַן באַשיידענע באַטייליקונג אין זיי האָט באַשטימט דעם כאַראַקטער פֿון מײַן געזעלשאַפֿטלעכער און קולטורעלער אַרבעט ביזן 1940 יאָר, ווען איך בין אַריבערגעפֿאָרן קיין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. ביז גאָר פֿריידיק פֿאַר מיר איז, וואָס אונטער דעם צייכן איז פֿאַרלאָפֿן אויך מײַן ליטעראַרישע און טעאַטראַלע שאַפֿונג אין דער באַיאַרישער רומעניִע.

מיט אָט די געדאַנקען, מיט אָט דעם אָפּגיך געמאַכטן אווטאָביִאָגראַפֿישן באַלאַנס, האָב איך מיך אָפּן מאָסקווער וואָקזאַל אַרײַנגעזעצט אין שנעלצוג „מאָסקווע—בוקאַרעשט“.

דאָס איז, אייגנטלעך, געווען מײַן הויפּט־באַגאַזש, מיט וועלכן איך האָב מיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, — מײַן ציידאַ־לאַדערעך.

פאַרבערענגענדיק סאַכאַקל דרײַסיק טעג אַף דער ערד פון אַלט-נײַ-רומעניע, האָב איך אָוואַדע ניט באַוויזן צו זען אַנפּאַס אַלע דערגרייכונגען פון דער יונגער רומענישער פאָלקס-דעמאָקראַטישער רעפּובליק. אָבער דאָס אַפילע, וואָס איך האָב געזען בלויז אין פּראָפיל, איז אויך געגנוג אימפּאָנירנדיק, איז אויך פּאָעמע, ריכטיקער געזאָגט, פראַגמענטן פון דער הערױִשער פּאָעמע, וואָס דאָס באַפרײַטע רומענישע פאָלק האָט מיט גרויס טאַלאַנט געשאַפן.

## פּאָנעם-על-פּאָנעם מיט בוקאַרעשט

— שטאָט
דו שטייסט צו מיר אין פּראָפיל
סאַמע,
ווי אַ יענע וואַקסענע דאַמע
אַפן אײַזערנעם קנאַפּל
אינעם לונאַפּאַרק.
אי מיט ליבע, אי מיט האַס
כ׳נעם די ביקס, ווײַל טרעפן ראַק
— אינעם מעכאַניזם פון דײַן קאַרק
זאָלסט צו מיר אויסדרייען זיך אַנפּאַס...

די דאָזיקע ליד פון מײַן פריִען לידער-ציקל, געווידמעט בוקאַרעשט, איז אָנגעשריבן אין 1916. מיר איז דעמלט אָוואַדע ניט אײַנגעפאַלן, אַז איך וועל אַמאָל שטיין פאַר איר ניט בלויז אָן אַ „ביקס“, נאָר מיט אַ געבויגענעם אַלטן קאָפּ, ווי הײַנט. די דאָזיקע שטאָט, וואָס צו אירע גאַסן-לאַמטערנס האָב איך אויך אין יענע יאָרן יינגלש-עלעגיש און סענטימענטאַל-פאַרליבט זיך געווענדט:

מײַן באַגער איז:
— איינער כאָטש פון אײַך, זיך צערנדיקע גאַס-לאַמטערנס,
נאָך מײַן טויט נאָך מיר זאָל זאָגן אין די גאַסן „קדיש“... —

די דאָזיקע שטאָט האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויך דעמלט געהאַט איר כיין אין מײַנע אויגן, באַ מײַן גאַנצן קריגן זיך מיט איר. צי איז אָט דער קריג געווען בלויז אַ דאָנקיכאָטישער? ניין! אַ סימען: די געשיכטע, די גרויסע געשיכטע, האָט אַ סאָף געמאַכט צו אים. אַזויאַרום באַקומט זיך אין דעם פאַל, אַז דאָס פאָלק, געווינענדיק זײַן קריג, האָט אויך אין דער זעלבער צײַט מײַן קריג געוווּנען...

נאָר לאָמיך האַמעווען דעם הישטאַפּכעסדיקן לירישן שטראָם און ריידן פּאָשעטער.

די „ראָזשינקע“, וואָס בוקאַרעשט האָט פאַרמאָגט אויך אין די באַיאַרישע צײַטן, איז באַשטאַנען אין דעם פאַרביקן מיש פון גאָר אַלט און גאָר נײַ, אין דעם סינטעז פון מײַרעוו-אייראָפּע און אָריענט. דעריקער אָבער — אין לאַטײַניש-זינגעוודיקן, שפּאַסיק-לײַכטן כאַראַקטער, לעבנסלוסטיקן טעמפּעראַמענט פון אירע אײַנוווינער און אין מילדן דאָרעמדיקן קלימאַט, וואָס איז גוירעם, אַז דער שטייגער שפּאַנט שוימיק אַריבער די שוועל, פאַרכאַפּנדיק אויך דעם טראָטואַר, די גאַס.

און וואָס איז מיט איר דעמלט רעקלאַמירטער עקזאָטיק?

אָט די עקזאָטיק האָט זיך הויפּטזאַכלעך אויסגעדריקט אין אַן איבערגעטריבענעם לוקס, פון איין זײַט, און פון „שמאַטע-מענטשן“, פון דער צווייטער זײַט. באַ די עלעגאַנטע קאַפע-און רעסטאָראַנען-וויטרינעס האָבן זיך געוואַלגערט כוילעניפּלדיקע גאַסן-קינדער, פאַרטשאַדעטע פון בעטלען ביז שפּעט באַנאַכט. דאָס איז אויך נישט אויסגעקויפט געוואָרן מיט דער „ראָמאַנ-טיק“ — ניט פון די צווועלף- צי דרײַצניאָריקע מיידעלעך, וואָס האָבן מיט גיטאַרעס אין די הענט, טאָמיד נעבעך הייזעריקע, זומער און ווינטער געזונגען ראָמאַנסן באַ קימאַט אַלע טראַמוויַ-סטאַנציעס; ניט פון די ציגײַנערישע קליינע אַכבערוישים מיט פידלען גרעסערע פון זיי און אין לאַנגע טאַטישע רעקלעך אַף די קימאַט נאַקעטע שטרויענע גופימלעך, וואָס פלעגן נאָכגיין מיט זייערע סערענאַדעס נאָך יעדע רײַך-געקליידטע „ער און זי“ אַף זייער שפּאַציר; ניט אַפילע פון די עלטערע און יינגערע ציגײַנערטעס, אָפט יעפּעסטויאַרס, מיט גרויסע קוישן קוויטן, וואָס מיט זייער זיסער מעליצע פלעגן צווינגען די פאַרבײַגייענדיקע מענער קויפן בלומען פאַר זייערע דאַמען...

אַף אָט דעם פּאָן האָבן די זומערדיקע קאַפע-טעראַסעס, די אומצאָליקע, גאַנצע נעכט אָפענע, קאַבאַרעטן און קרעטשמעס געשאַפן אַרום בוקאַרעשט דעם אָרעאָל פון אַ „שטאָט, ווו

עס פידלט אין אַלע גאַסן״... דעם גרויסשטאָטישן טומל, מיט וועלכן מ׳האָט שטאָלצירט, האָט, אייגנטלעך, געבילדעט די גרויסע אַרמיי פון ליידיקגייערס: אַלפאָנסן פון דער העכערער און נידעריקער געזעלשאַפט, זאָרגלאָזע גאָלדענע יוגנט, „פּלעמעניקעס״ (אַזוי האָט מען גערופן אין פאָלק די קאָלערליי קרויווים פון מיניסטאָרן, פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן, פון די אַלע, הייסט עס, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם „קאַשקאַוואַל״ — דעם גאַנצן מעלוכישן האַכנאָסע־קעז), טעלער־לעקערישע זשורנאַליסטן־ און קינסטלער־באָהעמע און אַ גרויסער לומפּנפּראָלעטאַרישער שיכט. צו דער שטײַגערונג פון אָט דעם געלויבטן „שטאַרקן״, „נערוועזן״ פולס האָט ניט ווייניק בײַגעטראָגן די אָפּענע, וואַרײַרטע אין אירע פאָרמען, פּראָסטיטוציע, פון וועלכער דער נאַכט פלעגט מאַמעש אַוש ווי טאָן דער קאָפּ... די פאָלקס־מוזיק פון די רומעניִשע „לעוטאַרן״ (פידלערס און זינגערס צוזאַמען, וואָס פלעגן בײַס זינגען אין די זומער־גערטנער אויסציִען די העלדזער ביז צו דער לעוואָנע...) איז טאָמיד דערטרונקען געוואָרן אין אַ געדיכטן וואָלקן רויך און אין שאַרפע רייכעס פון די „גרעטאַרן״ — פליישן, געבראָטענע אויף ברענענדיקע קוילן, און פון די אַנדערע „שײַטערס״ אויף די טראָטואַרן און אַמאָל אויך אינמיטן גאַס, אויף וועלכע מע פלעגט זידן פּאַפּשויעס און זשאַרען פרישע ניס, טערקישע און גריכישע. באַם ברעג פון בוקאַרעשטער טײַך דימבאָוויצע פלעגט דאָס אַלץ מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז מען איז מאַקריוו קאָרבאָנעס...

אין אָט דעם הו־הא פון די פיבערדיקע נעכט און רוישיקע טעג, וואָס האָבן פאַרהילכט און פאַרהילט די גרויסע מי און שווערע פּראַצע פונעם אַרבעטנדיקן פאָלק, פלעגן זיך אַרײַנרײַסן, ווי אַ שנײַדיקער סירענע־רוף, די סקאַנדאַליעז־סענסאַציאָנעלע קויף־ און פאַרקויף־קאָמבינאַציעס, קאָפּשווינדלדיקע געלט־אַפערעס, צו וועלכע עס האָט אויך אָפט געהאַט אַ נאָענטע שײַכעס דער קיניגלעכער הויף מיט זײַן אייגענעם קאָוועד. דער הויף, וואָס איז פאַר זיך אַליין אַן אַוואַנטורעס־עפּאָפּיי, האָט אויך גענוג בוילעט געשטעמפּלט בוקאַרעשט מיט זײַן לעבנס־סטיל, נוסעך, געשמאַק. אין דער ערשטער ריי האָט מען דאָס געזען אין די געפּודערטע און אין קאָרסעטן ענג־פאַרשנורעוועטע אָפיצערן. ווען מע גיט נאָך צו דעם אַלעמען צו די „קינדער״ פון די הערשנדיקע רעגירונגס־פּאַרטייען — די „פּאַטריאָטישע״ סטודענטן, וואָס ווערן אין די אינטערעסן פון פּאָליטישער דיווערסיע אַרויסגעשיקט מאַניפעסטירן און אין איינוועגס ברעכן שויבן אין די יידישע געשעפטן און דערבײַ שרײַען „לאַ פּאַלעסטינאַ!״ („קיין פּאַלעסטינע!״); דאָס אַרויספירן מיליטער בײַס אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע אויף צו שיסן אין ערלעכע פּראָלעטאַריער, — באַקומט מען דעם גאַנצן קאָלאָריט פון דער אַמאָליקער באָיאַריש־גאַדלעסדיקער הויפּטשטאָט.

קאָנקרעט און סימבאָליש האָבן איבער אַלע הויפּט־בולוואַרן געהויערט די הויכע, אימפּאָזאַנטע דענקמעלער פון די לעגאַליזירטע פאָלקס־רויבערס, ווי, לעמאָשל, פון דעם קיניג קאַראָל דעם ערשטן און פון בראַטיאַנו דעם ערשטן (דעם פאָטער פון יענער פּריצים־דינאַסטיע, וואָס האָט קאָנקורירט מיט דער קיניגלעכער מאַכט) און פון אַנדערע ענלעכע פּאָליטיקער, פאַר וועלכע דאָס לאַנד איז געווען זייער גוטבאַזיץ, זייער אַנעקסיע.

אָט פון דעם בוקאַרעשט, דאַרף איך זאָגן, איז הײַנט קיין זייכער ניט געבליבן. דאָס הייסט ניט, אַז די רעפּובליק האָט ניט געיאַרשנט דאָס אַלץ, וואָס איז פריִער געווען אין דער רומעניִשער הויפּטשטאָט טײַער יעדן רומענער. זי האָט זיך אָבער מיט דעם אַליין ניט באַנוגנט און האָט מיט דער ברייטסטער האַנט באַרײַכערט און פאַרשענערט איר אורבאַניסטיק, צוגעבנדיק דעם דאָזיקן באַגריף אַן אייגענעם אינהאַלט. אַזויפיל ליבע, זאָרג און שעפערישע ענערגיע איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין איבערגעשטאַלטיקן בוקאַרעשט, אַז ניט ריידן וועגן דעם טאָר מען, דוכט זיך, ניט, ווײַל דאָס איז דאָך אויך איינער פון די אַספּעקטן פון דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעגירן.

## איך דערקען ניט די בוקאַרעשטער גאַסן

„מעסטן גאַסן״ איז, געוויינלעך, אַ סינאָנים מיט ליידיקגייערײַ, אַרומגיין פּוסט און פּאַס. אָבער דאָס איז, אָפּאָנעם, ניט טאָמיד אַזוי. און ווירקלעך, די אַרומיקע וועלט נעמען מיר אויף אויף פאַרשיידענע אויפאַנים: ווען פון אינווייניק, ווען פון דרויסן; ווען מיט געדאַנק, ווען עמאָציִאָנעל, מיט די כושים; ווען מיט קאָפּ, ווען מיט דער כוט־האַשעדרע; מיט דער הילף פון ביכער צי אומיטלבאַר; מיטן געהער אָדער מיט די אויגן.

אין מײַן ערשטן בוקאַרעשטער פּעריִאָד, באַלד נאָך מײַן מעגולגל ווערן אַהין, האָב איך די נײַע סוויווע, געדענק איך, אויפגענומען דעריקער וויזועל. די גאַסן זײַנען פאַר מיר אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן אויך אַ לעבנס־שול. אין מײַן אומדערמידלעכן אַרומבלאָנקען איז געווען ניט נאָר די באַדערפעניש פון פאַרפּלאָנצן זיך אין אַ נײַעם באָדן, פון אײַנזאַפּן אין זיך אַן

אנדערע, א שאַרפערע לופט, נאָר, ווי איך האָב דעמלט געשפּירט, אויך דאָס וועלן דערגרונטעווען זיך צום היסטאָרישן באַגריף „שטאָט“ (אורבי, ווי די לאַטײַנער זאָגן) ביז צו די אוראַלטע צײַטן... ניט דאָ איז דאָס אָרט ברייטער זיך אָפּצושטעלן אָף דעם מאָמענט. איך וויל בלויז אין דעם צוזאַמענהאַנג דערציילן וועגן מײַנער אַן אוטאָפּיע פון יענער צײַט. עס וועט עפּשער ניט זײַן קיין גוזמע, ווען איך וועל זאָגן, אַז איך האָב דעמלט געקענט אין פּאָנעם קימאַט אַלע בוקאַרעשטער אײַנוווינער — יענע, זעלבסטפאַרשטענדלעך, וועלכע האָבן זיך באַוועגט אָף א באַשטימטן סכום גאַסן. פאַרפאָלגנדיק טעגלעך די אַלע מײַנע אומבאַקאַנטע באַקאַנטע, האָב איך מיר פאַרפאַסט זייערע ביִאָגראַפיעס, טויפעס געווען, דוכט זיך, זייערע פּסיכאָלאָגיעס, פאַרשטאַנען זייערע שטימונגען, געזען, ווי זיי בײַטן זיך, עלטערן זיך, צי ווערן נעלעם. האָב איך זיך טאַקע אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָנצושרײַבן וועגן זיי א בוך, און בלויז אָפּן סמאַך פון זייער אָנבליק און זייער שטים, וואָס איז צומאָל אויך צו מיר דערגאַנגען. ליידער אָבער איז אָט דער גאַנצער „מאַטעריאַל“, אָט דאָס פּאָעטישע גאָלד, ווי צערונען געוואָרן בא מיר צווישן די פינגער. מײַן אייגענער „איך“, געוויס א פיל קלענערער פון אַלע מײַנע „העלדן“, האָט אויך אָנגעהויבן פאָדערן פון מיר אַלץ מער און מער אויפמערקזאַמקײַט און צײַט...



בוקאַרעשט. דער בולוואַר א. נ. פון בעלטשעסקו.

צוליב וואָס דערצייל איך דאָס אַלץ? צוליב דעם נאָר, אַז מע זאָל בעסער פאַרשטיין, וואָס פאַר מיר, וועלכער האָט בעשײַטע אויסגעמאָסטן בוקאַרעשט אין דער לענג און אין דער ברייט, האָט באַטײַט מײַן הײַנטיק ניט דערקענען די בוקאַרעשטער גאַסן. וואָס זשע איז דאָ פאָרגעקומען? די שטאָט האָט געביטן ניט בלויז איר אויסערלעכן אויסזען, נאָר אויך דעם אינערלעכן...

מענדעלע מויכער־ספאָרים, ריידנדיק וועגן קונסט, זאָגט ערגעץ, אַז א שיינע קאַרטינקע דאַרף אויסדריקן אויך סייכל. פּאָשעטע, דוכט זיך, און גאָלדענע ווערטער!

פאַרהיטנדיק דאָס פריִערדיקע אייגנטימלעכע, האָט בוקאַרעשט פונדעסטוועגן ראַדיקאַל געביטן זײַן „קאַרטינקע“, באַוווסטזיניק אַרײַנהויכנדיק אין איר א נײַעם „סייכל“: דעם טייכל פון דער דאָרט פאָרגעקומענער רעוואָליוציע — פון דעם, וואָס איז הײַנט דאָרט אָנשוילעך אין אַלע טראַנספאָרמירונגען פון נאָך דעם 23 אויגוסט 1944.

די פריִערדיקע בוקאַרעשטער אַרכיטעקטור האָט נאָך בוילעטער, ווי אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע הויפּטשטעט, געטראָגן אָף זיך דעם שטעמפּל פון דעזאָרגאַניזירטער, צעדרויבלטער פּריוואַט־אייגנטימערישער בורזשואַזער ווירטשאַפט. כאַאָטיש־צעשפּרייטע הויכע און נידעריקע הײַזער, געבויטע נאָך די פינאַנציִעלע מעגלעכקײַטן און געשמאַקן פון די באַלעבאַטים; א שרײַענדיקער קאָנטראַסט צווישן דעם אויסגעפּוצטן צענטער מיט זײַן עקלעקטישן סטיל (רומעניש, נעאָקלאַסישן, פלאָרענטינישן, מאָדערניסטיש־קוביסטישן) און דער גרוי־אָרעמער פּעריפעריע, וואָס פלעגט דערמאָנען אין טשאַפּלינס קאַדרען פון אומענטשלעכער נויט.

איבעראַשנדיק איז דעריבער די ליקווידירונג פון דער פּעריפעריע, ווי מיר האָבן זי פריִער געקענט. דאָס מיינט ניט בלויז די פריִערדיקע אַרבעטער־ראַיאָנען, נאָר אויך די פיל פאַרוואָרלאָזטערע, אין וועלכע עס האָבן געלעבט די סאַמע פאַרשטויסענע און באַליידיקטע. אָפן אָרט פון די מיסט־ און מענטשן־גריבער, געסלעך ניט ברוקירטע, אָן קאַנאַליזאַציע און ליכט, — אָפן אָרט פון די דאָזיקע נעסטן, וווּ מע האָט זויגלינגען געוויקלט אין צײַטונג־פּאַפּיר, — האָט די רומענישע פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעגירונג אופגעשטעלט שפּאָגל־נײַע גאַסן, וואָס זײַנען באַזאָרגט

מיט קאָמפּאַרטאַבעלע דירעס, מיט מאַגאַזינען, שולן, פּאָליקליניקעס, קינעמאַטאָגראַפן, קולטור־הײַזער, טעאַטער־זאַלן, פּאַרקן. די פּעריפעריע איז אַזױאַרום פאַרװאַנדלט געװאָרן אין נײַע שטעט, פולע מיט ליכט און בלומען.

די דאָזיקע נײַע שטעט זײַנען געבױט לױט די מאָדערנסטע סאָציאַליסטישע אַרכיטעקטור־פּרינציפּן, װאָס האָבן אין זין ניט בלױז אַלע קאָמפּאָרט־באַדינגונגען, נאָר אױך די עסטעטישע זײַט — אַן אײגענעם פּלאַסטישן אַספּעקט, װאָס ציט צו מיט זײַנע פרײלעכע פאַרבן, האַרמאָנישע פאָרמען, גרינס, רױם און לופט צװישן אײן הױז און צװײטן. װאָס עס פעלט יאָ אין די דאָזיקע סאָציאַליסטישע קאַרטירערן, װי מע רופט זײ, דאָס זײַנען... באָטײ־טפילע, געבעט־הײַזער. אָבער אין דעם פּראַט האָט מען פאַר קײן שום רעליגיע ניט געמאַכט קײן אױסנאַם.

איך שטײ און קוק אַרוף צו אַ הױכשטאָקיק פענצטער פון אַ קאָלירטן הױז־פאַסאַד. דאָס פענצטער אײנײנעם מיט די אײַנגעפּאַסטע צװײ יונגע קעפּ פון אַ באָכער מיט אַ מײדל זעט אױס, אַדאַנק דער אײדעלער פאַרבן־שפּיל אַף דער פרילינג־זון, װי אַן אַקװאַרעל־בילד...

און פּלוצעם — פּונקט װי אַ קאַדער אַפן קינאָ־עקראַן:

...עס איז זומער פאַרנאַכט, אָבער די זון פאַרגײט אַזױ גאָלדיק, אַז מע קאָן מײנען, עס איז זוניקער פאַרטאָג. שפּאַצירנדיק מיט מײַנעם אַ פרײַנט, האָב איך פאַרבלאָנדזשעט װײַט אױסער דער שטאָט און אָנגעקומען אין אַ באַװוּסטן „געפערלעכן" ראַיאָן מיט מער פרײַען קראָפּעװע־ און מיסט־שעטעך, װי מיט שטיבלעך. די גאָלדענע שקיִע גיט צו אָט דעם האַלב־װיסטן מאָקעם אַ געװיסע אידעאַליזאַציע... פונװײַטנס זעען מיר, אַז אַ פּאָרל — עס שײַנט, אַ באָכער מיט אַ מײדל — קײַקלען זיך אַף דער ערד, שפּילנדיק זיך, מאַשמאָעס. צוקומענדיק אַ ביסל נעענטער, װערט אונדז שױן קלאָר, אַז דאָס זײַנען אָן ספק „קינדער" פון דעם דאָזיקן ראַיאָן, בײדע באָרװעסע און אָפּגעריסענע. עס הײבט אונדז אָן אַפילע צו שרעקן דער באַזונדערס װילדער אױפן פון זײער לײַדנשאַפטלעכער שפּיל. מיר װערן אינטריגירט, פאַרשנעלערן די טריט, און, צוקומענדיק גאַנץ נאָענט צו זײ, דערזעען מיר, אַז דאָ קומט פאָר אַ גרױזאַמער געראַנגל צװישן דעם באָכער, װאָס האַלט אַ מעסער אין האַנט, און דעם מײדל, װאָס פאַרטײדיקט זיך פאַרצװײפלט מיט די לעצטע קױכעס. די פּנעמער בײַ זײ בײדן — ציגײַנעריש־שװאַרצע און אױסגעשמירטע אין זײער אײגן בלוט. עס איז ניט קלאָר געװען, צי האָבן מיר דאָ געהאַט פאַר זיך אַן אײפערזוכט־ צי אַ פאַרגװאַלדיקונג־סצענע...

מאַכשאָװעסן: װוּ איז דאָס פאָרגעקומען? טאַקע אין דעם זעלבן ראַיאָן, אין װעלכן איך געפין זיך אַצינד, און עפּשער טאַקע אַף דעם זעלבן אָרט, װוּ איך שטײ און קוק אַרוף צו אַ קאָלירט, הױכשטאָקיק פענצטער, װאָס אײנײנעם מיט די אײַנגעפּאַסטע צװײ יונגע קעפּ פון אַ באָכער מיט אַ מײדל זעט עס אױס, אַ דאַנק דער אײדעלער פאַרבן־שפּיל אַף דער פרילינג־זון, װי אַן אַקװאַרעל־בילד...

און אָט האָב איך מיך אומגעקערט אין צענטער. איך בין אַף דער געװעזענער הױפּטגאַס, די פריִער באַרימטע קאַלע־װיקטאָריע, װעלכע האָט שױן אָפּגעטראָטן איר אַמאָליקע מאַטראָנע־הערשאַפט די פּאַראַלעל מיט איר לױפנדיקע ברײטע בולװאַרן און גאַסן. האָב איך, דעם עמעס געזאָגט, אָפּילע אַ ביסל ראַכמאָנעס אַף מײַן קאַלע־װיקטאָריע. ניט געקוקט אַף דעם, װאָס טײלװײַז האָט מען זי געפּראַװעט, מאָדערניזירט, און דעריבער זעען אױס אָנשװילעכער אױך אירע פריִערדיקע מאָנומענטאַלע געבײַדעס, מאַכט זי שױן הײַנט דעם אײַנדרוק פון אַן אַלטער פּריצע מיט אַ קלײנער רענטע... און װידער — פּלוצעם אַ פילם־קאַדער, װי אַפן עקראַן.

...כאַטאָס־נעוּרים — יוגנט־שטיפערײַען. אַ גרופּע יונגעלײַט (און דאַפקע יאָמקיפּער אַפדערנאַכט, מיט אַ גרױסער בוקאַרעשטער לעװאָנע אין הימל), נאָכדעם, װי מיר האָבן געהערט קאָלנידרע אין גרױסן טעמפּל, אין װעלכן עס האָבן געזונגען אָפּערע־זינגערנס, „שיקסעס" בעלאַז, האָבן מיר זיך אױך פלײַסיק געשטופּט צװישן די פלײצנדיקע שפּאַצירערס אַף דער קאַלע־װיקטאָריע. האַבנדיק, אַפּאָנעם, אין אױער די יאָמים־נױראָים־טפילעס, װאָס האָבן דערװאַכט אין זיקאָרן, איז אײנעם פון אונדז — זאָל אים זײַן פאַרגעבן די זינד! — אײַנגעפאַלן צו װענדן זיך יעדעס מאָל צו אַן אַנדער פּרױענצימער: „מאַדעמואַזעל, מי זע מעלעך־האַקאָװעד?"[1]. מיט „מאַדעמואַזעל" איז פאַרפאָלגט געװאָרן אָפּצונאַרן דעם אױער, מע זאָל מײנען, הײסט עס, אַז מיר רײדן פראַנצױזיש. דער שפּאַס איז געלונגען, מע האָט טאַקע אַזױ געמײנט, נאָר פונדעסטװעגן האָט קײנער ניט געקאָנט ענטפערן אַף אונדזער פראַגע. דער „מעלעך־האַקאָװעד" איז געבליבן פאַרהױלן, אַ סאָד, װי ביז אַהער. די פרײלעך־טרױעריקע שפּיל האָט אַזױ געדױערט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַף די טראָטואַרן האָבן שױן נאָר געקלאַפּט די שיכלעך־קנאַפּל פון אײנצלנע גאַסן־

[1] — פרײַלן, װער איז דער מײלעך, װאָס אים געהערט דער קאָװעד? — געמײנט מיט דעם גאָט.

מיידלעך. מיר האָבן זיי געשאַנעוועט מיט אַט דער פראַגע. ערשטנס, האָבן אַף איר דאָך ניט געקאָנט ענטפערן אויך די „געבילדעטע", די בירגערלעך־אָנשטענדיקע, אַזוי צו זאָגן. און, צווייטנס, קיין ציניקער זײַנען מיר ניט געווען. נאָר אַט קומט אונדז אנטקעגן, אין אַ ווײַסן אָנצוגל און אין ווײַסע שיכלעך, אַ דאַר, ברוין, קליינוווקסיק גאַסן־מיידל. זי האָט מיט עפּעס אַף זיך גע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט. און ווי גרויס איז געווען אונדזער איבעראַשונג, ווען אַף דער, מער שוין לויט אינערץ, געשטעלטער פראַגע: „מאַדעמואַזעל, מי זע מעלעך־האַקאָוועד?", הערן מיר מיט אַ שאַרפן כיטעך־האַדיבער: איני יוידאַאָס...[1]

די גרויסע בוקאַרעשטער יאָמקיפּער־לעוואָנע איבער אונדזערע קעפּ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, און מיט איר אויך, דוכט זיך, אונטן די פעסטע שטיינערנע געבײַדעס. אַלע קעדושע־אײַנ־הילן פונעם „מעלעך־האַקאָוועד" אין זײַן הייליקער פאַרבאַרגעניש זײַנען מיטאַמאָל פון אים אַראָפּגעפאַלן — און גראָד מיט דער קראַפט פון אַ העברעיִשער פראַזע, פון זײַן לאַשנקוידעש, אַף אַזעלכע, מער ווי פּראָפאַנע, ליפּן...

ניט אָבער קיין שעמעץ פון פאַרשלייערטער מיסטיק דאַרף מען זען אין דעם עפּיזאָד, נאָר די באַקעטע רעאַליטעט פון דער דעמלטיקער קאַלע־וויקטאָריע...

נאָר לאָמיר ניט מיט צופיל זיכרוינעס און לירישע אָפּנייגן פאַרשטעלן, אין אַ געוויסן זין, די פאַקטישע גרויסע ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אַף דער גאַנצער בוקאַרעשטער טערי־טאָריע, וועגן עס ווילט זיך דערציילן און דערציילן.

איך געדענק נאָך גוט דעם בויונגס־פיבער אין בוקאַרעשט נאָך דער ערשטער וועלט־מיל־כאָמע, דעם נעגידעסדיקן בויונגס־פיבער פון די אַזויגערופענע קריגס־געווינערס. ווי קאַפּצאָנעס־דיק זעט עס אויס אין פאַרגלײַך מיט דער הײַנטיקער בויונג! ניט נאָר די מאַסשטאַבן זײַנען אַנ־דערע, — אויך דער בליצשנעלער ריטם, וואָס ענדערט ראַדיקאַל יעדעס יאָר דעם אָנבליק פון דער שטאָט. יאַרנלאַנג, בעשאַס די פּאַרלאַמענט־וואַלן, האָבן די בורזשואַזע רעגירונגס־פּאַרטייען אין דער באַיאַרישער רומעניע צוגעזאָגט „פּיסעם מיט ראַמסעס" — גאָלדענע האַפטאָכעס אַף צו פאַרלײַכטערן דעם גוירל פונעם קוואַרטיראַנט, וועלכער איז אויסגעזויפט געוואָרן פון דער גרוי־זאַמסטער פּיאַווקע — דעם הויזבאַזיצער. נאָך די וואַלן אָבער האָבן בעדערעך־קלאַל די רעגירונגס־פּאַרטייען ווידער אַרויסגעשטעלט אַ פײַג זייערע ווײלער — קיין שום רעפאָרם־געזעץ, וואָס זאָל מילדערן די פאַרשקלאַפונג פונעם קוואַרטיראַנט צום הויזבאַזיצער, איז אין הויזבאַזיצערישן פּאַרלאַמענט קיינמאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן. צו דעם האָט ערשט אַ סאָף געמאַכט די פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

דאָ דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז די הײַנטיקע אינטענסיווע בוי־קאַמפּאַניע טראָגט ניט נאָר אַ קוואַנטיטאַטיוון כאַראַקטער. עס זײַנען שוין געשאַפן געוואָרן אַלע באַדינגונגען אויך פאַר אַ קוואַליטאַטיוון שפּרונג אין דער אַרכיטעקטור: דרייסט איבערגייין פונעם אַלטן, היסטאָריש־אָפּ־געלעבטן טיף שטאָט — צו אַ הײַנטצײַטיק־נײַעם טיפּ, וואָס אין דער פּערספּעקטיוו וועט ער זײַן מעסוגל צו ענטפערן אַף אַלע פאָדערונגען פון אַ סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפט. שוווּנג, פּאָעזיע, געשמאַק איז איר הויפּט־כאַראַקטעריסטיק.

אין פּאַרק פון דער רעפּובליק שטייט דער אימפּאָזאַנטער, האַגאַם אַרכיטעקטאָניש לאַקאָניש־שטרענגער, פּאַנטעאָן פאַר די העלדן פונעם רומענישן אַרבעטער־קלאַס. מיר דוכט זיך, אַז ער דערציילט ניט בלויז וועגן די העלדנטאַטן פון די, וועלכע מיר האָבן צו פאַרדאַנקען פאַר דער איצטיקער שיינקײַט, נאָר ער איז אויך דער אויסדרוק פון זייער פײַערלעכער בראָכע צו דער גאַנצער הײַנטצײַטיקער היסטאָריש גרויסער סאָציִאַליסטישער מי אין דער פאָלקס־דעמאָקראַ־טישער רומעניע.

## די סימבאָלישע ציפער עלף טויזנט

איך האָב געהאַט די זכיִע צו געפינען זיך אין בוקאַרעשט אין די היסטאָרישע טעג פון דער אויסעראָרדנטלעכער סעסיע פון דער גרויסער נאַציִאָנאַלער פאַרזאַמלונג, געווידמעט דער דורכוי־סיקער קאָלעקטיוויזאַציע. די זיך צאַרט מינענדיקע שיינע טעג, אין וועלכע די סעסיע איז פאָר־געקומען, האָבן, צונויפגיסנדיק זיך מיט דער רעגנבויגנדיקער קאָלאָריסטיק פון דער נײַער, לײַכטער, אָפּטימיסטישער אַרכיטעקטאָניק, געשפּילט מיט אַלע ניואַנסירטע איבערגאַנגס־פאַרבן אויך אין דער נאַטור. דאָס אַלץ האָט האַרמאָנירט מיט דער אויפגאַבע פון דער סעסיע און מיט

[1] — איך ווייס ניט.

דער פרײדיקער יאָמטעוו־שטימונג פון דער בוקאַרעשטער לופט, ווי אויך מיט די פּענעמער פון די אומצאָליקע געסט — לערשוו פויערים אין זייערע נאַציאָנאַלע קליידער, געקומענע אלס דע־לעגאַטן אין דער צאָל פון עלף טויזנט.

איך מיין, אז דעם נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, וואָס די היסטאָרישע סעסיע האָט אַרויסגערופן אין גאַנצן לאַנד, איז געלונגען אויסצודריקן אין זײַן רעדע אויף דער סעסיע דעם באַרימטן 82־יאָריקן רומענישן דיכטער טודאָר אַרגעזי, וועלכן, אופשטייענדיק פון די ערטער, עס האָט לאַנג אַפּלאָדירט די גאַנצע גרויסע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג.

זאָל מיר זײַן דערלויבט צו ברענגען אייניקע אויסצוגן פון אָט דער רעדע:

„ברידער פּויעריס און אַרבעטער, טײַערע כאַווײרים! הײַנט געפינט איר זיך דאָ, אויף דער גרויסער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, אין דער צאָל פון עלף טויזנט. איך זע אײַערע ברוסטן באַדעקט מיט מעדאַלן, מיט אַנדערע אויסצייכענונגען פון אונדזער יונגער פאָלקס־רעפּובליק... וואָס פאַר א צוזאַמענפאַל פון ציפערן: אין 1907 זײַנען דערשאָסן געוואָרן עלף טויזנט פויערים, וועלכע זײַנען אופגעשטאַנען קעגן זייערע אונטערדריקער. הײַנט זײַנען אַהער געקומען פונעם גאַנצן לאַנד עלף טויזנט סאָציאַליסטן. ווען איך וואָלט, ווי א דאָקטער, באַטראַכט אײַער ברוסט, וואָלט איך עפּשער בא די עלטערע פון אײַך, אונטער די באַלוינונגען, געקראָגענע פון דער זיגערישער פאָלקס־רעפּובליק, געזען אויך די שפּורן פון די קיניגלעכע קוילן פון צוריק מיט 55 יאָר"...

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ, איך זאָל ווײַטער ציטירן די געפילן־ און געדאַנקען־רײַכע רעדע פונעם גרויסן דיכטער און זון פון זײַן פאָלק. אומקערנדיק זיך צו דער סימבאָלישער ציפער עלף טויזנט, קאָן מען נאָך צוגעבן, האָב איך א טראַכט געטאָן, די עלף טויזנט ייִדן, רעציכעדיק דערמאָרדעטע אין יאַסי אין די ערשטע צוויי טעג, ווען עס האָט זיך צעפלאַקערט די היטלער—אַנטאָנעסקו־מילכאָמע קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד.

די סעסיע־זיצונגען זײַנען געראָד צוזאַמענגעפאַלן מיט די קריסטלעכע פּאַסכע־טעג. אין אַזאַ נאַכט זײַנען איבער די בוקאַרעשטער גאַסן מיר אַנטקעגן געקומען אײנצלנע ראַכמאָנעסדיקע פיגורן מיט ליכטלעך אין די הענט. קוקנדיק אויף זיי, האָב איך זיך דערמאָנט אין יענע צײַטן, ווען דער אוואַנטוריסטישער און פון קאָפּ ביז די פיס פאַרזנוסטער קיניג קאַרל דער צווייטער (מיכײַס פאָטער) פלעגט אין אַזאַ נאַכט פאָרן אין אַן אָפענער קאַרעטע צום הויפּט־סאָבאָר, באַגלייט פון זײַן אָפּערעטיש רײַך־פאַרפּוצטער קיניגלעכער גוואַרדיע אויף גלאַטע שיינע אונטערטאַנצנדיקע פערד. די טראָטוואַרן זײַנען געווען פול מיט פאַרגאַפטע פּרום־געוואָרענע קאָקאָטקעס...

הײַנט זײַנען אַלע מאָל פון אַן אַנדער געסל אַרויסגעקומען ניט זיכער שפּאַנענדיקע סילועטן, מייסטנס אַלטע פרויען און מענער, וועלכע האָבן אין גרויס פאַרצווייפלונג געקעמפט מיטן ווינט, וואָס האָט ראַק געוואָלט פאַרלעשן די ציטעריק־געטראָגענע ליכטלעך... שטעקט ניט אין דעם בילד קיין מוסער־האַסקל?

יאָ, שווער איז צו קעמפן מיטן ווינט פון דער געשיכטע. דאָס האָט שוין הײַנט אויך דער גרעסטער טייל פונעם רומענישן קליינבירגערטום פאַרשטאַנען.

---

# יוסעף קאָטליאַר

1962—1908

ווען דער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" איז שוין געווען אין דרוק, האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיִע, אַז דעם 15 סענטיאַבער איז אין ווילנע פּריצײַטיק געשטאָרבן דער דיכטער יוסעף קאָטליאַר.

איינער פון די טאַלאַנטפולסטע פאָרשטייער פונעם צווייטן דאָר ייִדי־שע סאָוועטישע שרײַבער, האָט י. קאָטליאַר פאַרנומען א באַדײַטנדיק אָרט אין אונדזער דיכטונג. א צאַרטער ליריקער, א באַליבטער קינדער־דיכ־טער — אַזאַ וועט יוסעף קאָטליאַר פאַרבלײַבן אין אונדזער זיקאָרן.

קאָוועד זײַן אָנדענק!




## פּראָפ. מ. שאַץ־אַנין

געבוירן אין 1885 אין יאַנעלגאַווע (לעטלאַנד). אָנ־געהויבן זיך דרוקן אין 1902. וווינט אין ריגע.


# ליטעראַטור און הומאַניזם

אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטע־ראַטור האָבן דאָר־אויס, דאָר־איַין זיך שטענדיק געראַנגלט דאָס פּראָגרעסיווע מיטן רעאַקציאָנערן, דאָס נאָוואַטאָרישע מיטן קאָנסערוואַטיוון. אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן אומופהערלעך געקעמפט די צוויי סטירעסדיקע ריכטונגען.

אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער האָט דער דאָזיקער קאַמף באַקומען אין דער קלאַסישער ליטעראַטור פונעם XIX יאָרהונדערט. מיט קעמפערישן סאַרקאַזם שילדערן די ייִדישע קלאַסיקער דעם שטייגער און די נעטיעס פון נעגידים, באַלטאַקסעס, קאָהאָלס־לײַט, קלייקוידעש, וואָס שמידן ווײַטער די געלע קייט פון סאָציאַלער אונטער־דריקונג אַרום דעם האַלדז פון דער אָרעמער „קליאַטשע". די אונטערדריקטע ייִדישע מאַסן רײַסן זיך פון דער צאַרישער פעלקער־טפיסע און פון דעם פינצטערן „טכום־האַמוישעוו" צו פולער גלײַכבאַרעכטיקונג. אָט דאָס שטרעבן פון די אונטערדריקטע ייִדישע מאַסן האָט באַ־קומען אַ בולעטע קינסטלערישע פאַרקערפּערונג אין דעם טיפּישן געשטאַלט פונעם ייִדישן דאָן־קיכאָט, אין מענדע־לעס בינימין־האַשלישי. ער, דער יאָכיד, רײַסט זיך אַר־טאָפּיש צו די ווײַטע ברעגן פונעם אויסגעכאָלעמטן „סאַמ־באַטיען", וווּ עס הערשן אייביקער שאָלעם און אַלגע־מיינער ווילשטאַנד. פול מיט מעניעס און שטרויכלונגען איז דער לאַנגער און שווערער באַרג־אַרוף צו אָט די הויכע צילן.

און שאָלעם־אַלייכעם, דער פאָלקס־פרײַנט מיט זײַן הייסער מענטשן־ליבע, דערמוטיקט די געשטרויכלטע: „אַ מענטש מוז מען זײַן און גלייבן מוז מען אינעם ני־צאָכן פון יוישער און שאָלעם". ער ווייסט, אַז דער מענאַכעם־מענדעליזם וועט צו די הויכע צילן ניט דער־פירן. נאָר דער ערלעכער האָרעפּאַשניק טעוויע דער מיל־כיקער און באַזונדערס זײַנע יאָרשים — די העראָישע קעמפער פאַר דער רעוואָלוציע, די פּערטשיקס און האָדלס — געפינען זיך אויפן ריכטיקן וועג צו אָט די צילן. בלויז די רעוואָלוציע פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון די אַלמענטשלעכע אידעאַלן — צום אייביקן פרידן אין „ערגעץ־לאַנד", וועלכן י.־ל. פּערעץ האָט אַזוי לײַדנ־שאַפטלעך און באַגײַסטערט באַזונגען.

דער פּראָלעטאַריאַט, דערונטער אויך דער ייִדישער, האָט בעהאַדראָגעדיק אויפגעהויבן דעם אויטאָפּיסטישן הו־מאַניזם פון זײַנע פאָרגייער אויף אַ נײַער, העכערער רע־אַליסטישער מאַדרייגע, אויף דער מאַדרייגע פונעם באַ־וווסטזיניקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר די קאָנקרעטע צילן פונעם סאָציאַליסטישן הומאַניזם.

שוין אין דער צווייטער העלפט פונעם XIX יאָר־הונדערט האָבן די אָנהייבער פון דער ייִדישער פּראָלע־טאַרישער דיכטונג מ. ווינטשעווסקי, י. באָוושאָווער, ד. עדעלשטאַט געמאַכט די ערשטע שריט אויפן וועג צו דער סאָציאַליסטישער טקופע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער בלויז די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט געשאַפן דעם פעסטן יעסאָד פאַרן מעכטיקן אויפבלי פון דער סאָציאַ־ליסטישער ייִדישער ליטעראַטור. די אָקטיאַבער־רעוואָ־לוציע האָט באַפרײַט די ייִדישע פאָלקסמאַסן פון די סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע געטאָ־מויערן. די ביר־גערלעכע גלײַכבאַרעכטיקונג, די פּראָדוקטיווע אַרבעט, די אַקטיווע באַטייליקונג אינעם סאָציאַליסטישן אויפבוי, דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם, — דאָס אַלץ האָט מעגלעך געמאַכט די אַלזײַטיקע באַנײַונג און מעכטיקע אַנטוויקלונג אין אַלע לעבנס־ספערן און אין דער שע־פערישער טעטיקײַט פון די ברייטע ייִדישע מאַסן.

אָט די ראַדיקאַלע פאַרענדערונגען האָבן געעפנט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור די אומבאַגרענעצטע האָרי־זאָנטן פונעם סאָציאַליסטישן הומאַניזם. די ייִדישע סאָוועטישע וואָרט־קינסטלער האָבן מיט דערפאָלג און אָפט מוסטערהאַפט געשילדערט דעם „נאָך אַלעמען" פון דער אַלטער וועלט, פון די גווירים, פון גלופּסק, קאַפּצאַנסק, טונעיאַדעווקע, פון יעהופּעץ און קאַסרילעווקע. זיי האָבן אָנגעהויבן אויסוואָרצלען די רעשטן פונעם קולט פון „גאָלדענעם קאַלב". די ליטעראַטור האָט דורכגעפירט אַן אומבאַראַכמאָנעסדיקן קאַמף קעגן דער יערושע פונעם מענאַכעם־מענדעליזם און האָט אויפגעהויבן אויף אַ הע־כערער מאַדרייגע דעם קאַמפּסמוט פון די ברייטע ייִדישע מאַסן, זייער סאָציאַליסטישע ציל־באַוווּסטזיניקײַט. די ליטעראַטור האָט באַקומען אַ נײַעם אידייִשן אינהאַלט און איז באַרײַכערט געוואָרן מיט נײַע קינסטלערישע

פאַרמען. עס זײַנען געשאַפן געוואָרן ווערק פון גרויסן קינסטלערישן ווערט אין אַלע ליטעראַרישע זשאַנרען.

אין דער יִדישער ליטעראַטור האָט זיך באַוויזן דער נײַער העלד, וואָס קעמפט העראָיִש פאַרן באַפרײַען די מענטשהײַט פון אַלע רעשטן פון דער אָפּגייענדיקער וועלט. איינע פון אירע ווײכטיקסטע אויפגאַבן האָט די יִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור געזען אין דערציִען דעם יונגן דאָר אין גײַסט פון אַרבעטס־ענטוזיִאַזם, קאַמפס־העראָיִזם, פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציִאָנאַליזם און פעלקער־פרײַנטשאַפט.

די פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן XXII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, — דער נײַער קאָמוניסטישער מאַניפעסט פון אונדזער תקופה, — האָט אויפגעשטעלט אויך פאַרן יִדישן סאָוועטישן וואָרט־קינסטלער פּראָבלעמען פון קאָלאָסאַלן פאַרנעם. ס׳איז נייטיק נאָך מער באַרײַכערן דעם קינסטלערישן אַרסענאַל, די קעגנזײַטיקע באַפרוכפּערונג פון די רעאַליסטישע און ראָמאַנטישע שילדערונגס־מיטלען. די ראָמאַנטיק פון קאָמוניזם האָט, באַזונדערס אין די זעכציקער יאָרן, געעפנט פאַר דער מענטשהײַט נײַע קאָלאָסאַלע האָריזאָנטן און צילן. זי וועט ענדגילטיק אויסוואָרצלען די אַלטע ירושה פון פּסעוודאָראָמאַנטישן איליוזיאָניזם.

אין אונדזער צײַט, בײַם דער אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהײַט שטרענגט אָן אַלע זײַנע קויכעס באַם איבערגאַנג פון אונטערדריקונג צו סאָציִאַלער גערעכטיקײַט, ווערט די אויפגאַבע פונעם סאָוועטישן שרײַבער באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעך. ער איז באַרופן ניט בלויז שילדערן די דערשײַנונגען פון דער הײַנטצײַטיקײַט, נאָר אויך אַלזײַטיק פאַראַלגעמיינערן אירע גרונט־פּראָבלעמען. די איינצלהײַטן טאָרן ניט פאַרשטעלן פאַר אים דאָס גאַנצע און די צײַטווײַליקע שוועריקײַטן טאָרן ניט פאַרנעפּלען די זוניקע מאַגיסטראַל פון דער תקופה. נאָר אויף אַזאַ אויפן וועט ער דערפאָלגרײַך פירן דעם לייענער צו פאַרווירקלעכן די הויכע קאָמוניסטישע אידעאַלן.

כאַיִם לויצקער

# פּאַטריאָטישער אָפּקלאַנג

ווי עס איז געשען בײַ זייער אַ סך דיכטער, האָט די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע געשאַפן אַ ראַשן איבערבראָך אויך אין ריווע באַליאַסנעס שאַפן. ביז דער מילכאָמע איז באַליאַסנעס דיכטונג געווען ווייניק עמאָציִאָנעל. עטוואָס טרוקן, סכעמאַטיש. דער אָביעקט פון איר פּאָעזיע איז שטענדיק געווען דער קלאַל. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַן און פאַר זיך גוט. ס׳האָט אָבער געפעלט דער פּראַט, דער יאָכיד מיט זײַן אינערלעכער, אינטימער וועלט...

נאָר שוין גלײַך אין אָנהייב מילכאָמע איז באַליאַסנעס מוזע געוואָרן פיל רײַכער מיט מענטשלעכן געפיל, אַפילע דאָס שטאָל פון די צאָרנדיקע אַנטיפאַשיסטישע לידער איז באַהויכט געווען מיט אינטימער ליריק.

מירן טאַקע אָנהייבן פון דער מילכאָמע־ליריק, ביפּראַט, אַז זי איז גאַנץ ברייט פאָרגעשטעלט אין ר. באַליאַסנעס לידער־זאַמלונגען.

די מילכאָמע האָט אַרופגעלייגט איר שווערע גרויזאַמע האַנט אַף אַלץ און אַלעמען. באַזונדערס האָט זי געטראָפן די פרוי, וועמעס האַרץ איז אַף אייביק פאַרוווּנדעט איבערן פאַרלוסט פון איר קינד:

אַז דער שניי איז ווײַס
און די וועלט איז שיין,
ווי איז גרויס די פרײַז
פון קינדערשן געוויין...

דאָס איז פון דער ליד „שניי און שטילקײַט“. מיט טיפן צאַר איז דורכגעדרונגען די דאָזיקע ליד, וואָס איז געבויט פאָלקסטימלעך אינעם נוסעך פון קאָלצאָוון. דער טיפער טרויער אָבער איז באַהעפט מיט צאָרן, מיט מוט, וואָס דאַרף שטאָלן דאָס האַרץ און רופן צו קאַמף: „הערסט דעם סוינעס טריט אָט דאָ באַנאַנד? ער דאַרף אומקומען פון דײַן פעסטער האַנט!“

מיט שטילן, אָבער טיפן וויי איז דורכגעדרונגען אויך די ליד „מײַן טאַטע וואָלט דאָ אויפגעשטעלט די ווענט“, נאָר אויך דאָ ווערט דער טרויער אויפגעלייזט דורכן רוף צו ווילן־אָנשטרענג, צו טאַט:

ס׳איז מיר געבליבן מײַנע בײדע הענט,
מײַן האַרץ, וואָס איז פון וויי־געשריי פאַרקלעמט.
איך וועל אַליין דאָ אויפשטעלן די ווענט!

דער מילכאָמע־טעמע איז געווידמעט באַליאַסנעס פּאָעמע „דאָס מיידל פון איוואַנקאָווו“. דאָס איז אַ גאַנץ ברייט פּאָעטיש לײַוונט — באַ אָנדערהאַלבן טויזנט פערזן.

פּערעלע, די העלדין פון דער פּאָעמע, — דאָס איז אַ מין אוקראַיִניש־יִדישע זאָיע קאָסמאָדעמיאַנסקאַיאַ. נאָר אַזוי ווי ריווע באַליאַסנע איז ניט געווען געבונדן מיט אַ קאָנקרעטן, ברייט באַוווּסטן פּראָטאָטיפּ, האָט זי געהאַט פרײַע מעגלעכקײַטן צו בויען דעם פינאַל אַזוי, אַז עס זאָל בלײַבן אַ דורכלויכט פאַר פּערעלעס ווײַטערדיקן גוירל.

די פּאָעמע איז דורכגעדרונגען מיט טיפן פּאַטריאָטישן געפיל. לויט דער פּאַטעטיק און לויט אייניקע פאָרמעלע אייגנשאַפטן — גרויסע ריטמישע פאַרשיידנאַרטיקײַט, רעפרענאַרטיקע איבערכאַזערונגען אאַוו. — דערמאָנט זי מאַרקישעס פּאָעמעס.

אין אָט דעם ווערק באַליאַסנעס טרעפן זיך אייניקע סוזשעטישע סיטואַציעס, וואָס זײַנען ניט קיין שפּאָגלנײַע אין דער מילכאָמע־ליטעראַטור. אַזוי איז עס מיט דער סצענע, ווען מע צווינגט די געפאַנגענע פּאַרטיזאַנער

זינגען. לעכאַטכילע פּאָלגן זיי ניט, דערנאָך נעמען זיי זינגען א ליד וועגן לענינען. אגעוו, א שאָד, וואָס דאָ פיגורירט ניט די ליד גופע. כוץ דעם, וואָס דאָס בילד וואָלט דערפון געוואָרן בוילעט־קאָנקרעטער, וואָלט דאָ דער אווטאָר געהאַט א געלעגנהייט ארויסצוברענגען א זינגמעסיקע ליד וועגן לענינען.

מיטן צאַר און צאָרן קעגן מילכאָמע איז ענג געבונדן דאָס שטרעבן צו פרידן, דער קאַמף פאַר שאָלעם. אויך דער דאָזיקער מאָטיוו ווערט בא באַליאסנען אופגעפאַסט דורך דער פריזמע פון מוטערלעכע זאָרגן און אומרו. אויך דאָ ווערט פרוייִשע צאַרטקייט געקייפלט אף ענערגיע, מוט און אנטשלאָסנקייט, קעדיי „די וועגן פארשטעלן פאַר דעם קריג“:

אומפאַרגעסלעך — אלמאָנישער ווייטעק
לאָזט ניט שלאָפן מיך גאַנצענע נעכט.
ס'דאַרף מײַן היים מיך און זייער נייטיק —
מײַנע הענט זײַנען עפּעס ווערט...

די נאַטור פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער מערהײַט לידער באַליאסנעס, סײַ אין די פּייזאַזש־שילדערונגען, סײַ אין די פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען. א סאַך לידער זײַנען, אייגנטלעך, דורכויסיקע נאַטור־בילדער („ס'איז דער ערשטער פרילינג־רעגן“, „עס ציטערן בלעטער“, „א רעגן“, ס'הענגט דער הארבסט נאָך אינעם וואַלד“, „ווינטערדיקס“, „עס שאָקלט זיך א סאָסנע־בוים“ אא.). קימאַט אלע אסאָציִאַציעס בא באַליאסנע ליגן אין דער נאַטור.

ווי פאַר דער גאָרער סאָוועטישער ליטעראַטור, איז אויך פאַר באַליאסנעס לידער כאַראַקטעריסטיש דער געזונטער לעבנסדראַנג. אין דער ליד „נאָך דעמלט“ שרײַבט די דיכטערין:

...פון דעמלט
איך לעש אים ניט אויס, דעם באַגער,
דעם דאָרשטיקן ווילן צו אופטאָן וואָס מער!
פאַרפלאַנץ איך א סאָד — וויל איך זען דעם צוויט,
מײַן ראַכוועסדיק לאַנד אין זײַן אופשטײַג, ווען
ס'בליט!

אלגעמיין־מענטשלעכע, פּסיכאָלאָגישע, מאָראַלישע פּראָבלעמען פאַרנעמען די אופמערקזאַמקייט פון דער דיכטערין, דאָס פאַרברייטערט איר טעמאַטיק. אָט, אשטייגער, נוצט די דיכטערין געלונגען אויס דעם שוין פון נעקראַסאָוון באַקאַנטן הומאַנישן בילד פונעם זייער: «Сейте разумное, доброе, вечное». דער לערער — דאָס איז דער זייער, דער פלאַנצער פון גוטע מידעס אין די הערצער פונעם יונגן דאָר. באַליאסנע שילדערט דעם דאָזיקן מאָטיוו אזוי: אין קלאַס האָט געבליט גרינס אין א קאַסטן, ווו אין די ענגע גריבעלעך האָבן געצײַטיקט זוימען. און די לערערן —

זי איז אליין געווען א זוים,
וואָס לאָזט די וואָרצלען אין נעשאָמע...

ריווע באַליאסנע שטרעבט צו לאַקאָנישקײַט. ניט שטענדיק, פאַרשטייט זיך, געראָט עס איר. נאָר אָט איז א צווייסטראָפיקע ליבע־ליד, וואָס דערמאָנט לויט דער געפרעסטקײַט פון אויסדרוק אָן ס. שטשיפּאַטשאָווס לידער (עמעס, אָן דער פאַראלגעמיינערנדיקער אפאָריסטישקײַט פון שטשיפּאַטשאָווס מיניאַטורן):

איך גיי איבער גאַסן און זוך דיך,
ווי דאָרשטיקע ערד — א רעגן.
קומט דער ווינט מיר אנטקעגן
און פאַרלויפט מיר אלע וועגן,
און לאָזט מיר קיין סטעזשקע ניט איבער,
וואָס קאָן צו דײַן הארצן מיך פירן.
זאָג, וויִאַזוי פאַרגעסט מען די וועגן
צו דײַנע טירן?..

א ריי לידער באַליאסנעס זײַנען געווידמעט דער פּראָבלעם פון פאַרגייענדיקער יוגנט. די דיכטערין שילדערט אָט דאָס געפיל אָן שרײַענדיקער וויי־פּאַטעטיק, נאָר איידל, מיט אינערלעכן, אײַנגעהאַלטענעם אומעט, צומאָל — מיט אן עטוואָס מעלאַנכאָלישן שמייכל. און אומעטום ווערט בא איר אָט דער מאָטיוו ארויסגעבראַכט דורכן באַליבטן נאַטור־בילד. אשטייגער:

ווי טונקל ווערט אין וואַלד,
ס'וועט באַלד אראָפּ א רעגן.
איך בין שוין פערציק אלט
און לויף אים אלץ אנטקעגן...

באַנאַנד מיט פרוייִשער צאַרטקײַט, וואָס עס טראָגן אין זיך באַליאסנעס לידער, פאַרמאָגן זיי אויך מוט, ענערגישקײַט, ווילנסקראַפט. דאָס פילט זיך, לעמאָשל, אין דער ליד „אויב דאָס איז אן אָנהייב“, ווו ס'ווערט אויסגעדריקט די פרייד פון באַהערשן, פון איבערווינדן:

מענטשן באַגלייטן אין לעבן
ליידן, פריידן, פּײַן.
מײַן דאָר איז געגעבן
די פרייד פון גויווער זײַן...

* * *

ריווע באַליאסנע האָט זיך איר אייגענע ניט הויכע, ניט הילכיקע, אָבער איר פּאָעטישע שטים.

פאַר דער דיכטערין שטייט די פּראָבלעם — ניט גיין אפן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד, ניט פאַרבײַטן פּאָעטישע געשטאַלטיקײַט מיט פּובליציסטישע דעקלאַראַטיוו־ריטאָרישע פאָרמולעס, דערבײַ אָבער אויך ניט נאָכגעבן דעם יעיִצערהאָרע פון מאָלן בילדער לעשעם בילדער, זיך האַלטן טרײַ באַם רעאַליסטישן גאַנג, וואָס האָט אזוינע טיפע וואָרצלען אין אונדזער סאָוועטישער דיכטונג.

און נאָך א ווונטש — זיך מער אָריענטירן אפן עפּישן זשאַנער, ווײַל די פּאָעמע, די גרעסערע באַלאַדע גיבן ברייטערע מעגלעכקײַטן אף צו שילדערן דעם העלד פון אונדזער צײַט.

## ייִסראָעל סערעבריאַני

געבוירן אין 1900 אין קאַלינקאָוויטש (ווײַסרוסלאַנד). געאַרבעט אַלס זעצער. קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1924. וווינט אין מאָסקווע.

# וועגן נאָוועלע און נאָוועליסטן

מיר פאַרמאָגן הײַנט אַ גאַנץ היפּשע צאָל ייִדישע סאָוועטישע פּראָזאַיִקער, וואָס זײַנען טרײַ איבערגעגעבן דעם זשאַנער פון נאָוועלע. פון זייער ליטעראַרישער טעטיקײַט איז צו זען, אַז אָט די נייגונג צו דער קורצער דערציילונג איז ניט קיין פאַרבײַגייענדיקע. די נאָוועלע איז זיי טײַער, ווײַל גראָד אין אָט דער אייגנאַרטיקער פאָרם האָבן זיי געפונען זיך אַלס פּראָזאַיִקער, דאָ האָט זיך אויסגעפורעמט זייער מײַסטערשאַפט. די באַזונדערע נייגונג צום נאָוועלע־זשאַנער, די גרייטקײַט בלויז אָט דעם זשאַנער צו פאַרטרויען די סאַמע אינטימסטע שטימונגען, די סאַמע באַליבטסטע אידייען — לאָזט זיך מערקן בײַ פיל שרײַבער, און אויף דעם פאַקט דאַרף אונדזער קריטיק ווענדן די געהעריקע אויפמערקזאַמקײַט.

מיר פאַרמאָגן שוין אַ שטאַנדהאַפטיקע גרופּע נאָוועליסטן. יעדערער פון זיי האָט זײַן אייגענעם גאַנג, זײַן אייגענעם סטיל. אָבער זיי אַלעמען פאַרייניקט דאָס, וואָס זיי באַטראַכטן ניט די נאָוועלע ווי אַ פאָרם פון דער אַזויגערופענער קליינקונסט, וועלכע באַשעפטיקט זיך נאָר מיט „דרויב“, ווי דאָוויד בערגעלסאָן האָט אַמאָל, אין די ביז־סאָוועטישע צײַטן, אָנגערופן זײַן ערשטן בוך נאָוועלן. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אַרײַנגעאָטעמט אין דער נאָוועלע אַ נײַעם גײַסט, פאַרברייטערט אירע מעגלעכקײַטן — נאָך ענגער און אָרגאַנישער פאַרבונדן זי מיטן טאָגטעגלעכן לעבן.

## I

די ערשטע פראַגע, וואָס קומט אויף בײַם באַהאַנדלען דעם צושטאַנד פון אונדזער נאָוועלע, איז, נאַטירלעך, פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעם פון ליטעראַרישער ירושה. מיר האָבן אַ גרויסע נאָוועליסטישע ירושה, אין וועלכער מע דאַרף זיך רעכט פאַנאַנדערקלײַבן.

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע נאָוועלע ירשנט די בעסטע טראַדיציעס פון אונדזערע קלאַסיקער — פון י.־ל. פּערעצן און שאָלעם־עליכעמען. די שאָלעם־עליכעם־טראַדיציע איז באַזונדערס קענטיק. זי פילט זיך בײַ אַ סך ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, צום בײַשפּיל בײַ בערגעלסאָנען, ווענדראָפן, קיפּניסן, אַלבערטאָנען, עליע קאַהאַן, סיטאָן, פּאָליאַנקערן אאַ. און וויכטיק איז אונטערצושטרײַכן, אַז אָט די טראַדיציע איז ניט אין ווידערשפּרוך צו דער הײַנטצײַטיקײַט (ווי אייניקע האָבן עס אַמאָל געפרוווט באַהויפּטן), נאָר פאַרקערט — זי העלפט מיט צו שאַפן אויך דעם נײַעם סטיל און ברענגט אַרײַן די נייטיקע מיטלען און רעזערוון אויף צו מאַכן צוטריטלעך פאַרן ברייטן לייענער אונדזער ליטעראַטור.

ירשענען שאָלעם־עליכעמען הייסט ניט איבערטראָגן זײַן סטיל אַזוי ווי ער שטייט און גייט. דאָס קאָן מען ניט טאָן, פּונקט ווי מע קאָן ניט איבערטראָגן די עפּאָכע און די מענטשן, וועגן וועלכע שאָלעם־עליכעם האָט געשריבן.

די ייִדישע סאָוועטישע נאָוועליסטן האָבן באַוויזן אינטערעסאַנטע מוסטערן, וויִאַזוי צו ירשענען שאָלעם־עליכעמען און דערבײַ פאַרבלײַבן טרײַ זיך אַליין, פאַרבלײַבן טרײַ דער נײַער לעבנס־דערפאַרונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די ייִדישע נאָוועלע פאַרמאָגט שוין אויך גאַנץ רײַכע טראַדיציעס אין איר סאָוועטישן פּעריאָד. דאָס איז פריִער פאַר אַלץ בערגעלסאָנס רעאַליסטישע נאָוועלע, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ היפּשע עוואָליוציע אין אײַנקלאַנג מיט דעם שרײַבערס אידייִשער אַנטוויקלונג. בערגעלסאָן האָט ניט איין מאָל איבערגעאַרבעט זײַנע נאָוועלן טאַקע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער עוואָליוציע. אין זײַן קורצן אַרײַנפיר־וואָרט צו דער זאַמלונג „טראָט נאָך טראָט“ (1938) שרײַבט ער: „וואָס ריכטיקער און טיפער אַ סאָוועטישער שרײַבער דרינגט זיך דורך מיט דער אידעאָלאָגיע פון דער סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפט, אַלץ מער ציט אים פון צײַט צו צײַט זיך אומקוקן צו דער טעמאַטיק פון בירגערקריג, ווי צו די יוגנט־יאָרן פון אונדזער נײַער ערע, ער מעג שוין פריִער האָבן וועגן איר ניט איין מאָל געשריבן. פאַר אים שטעלט זיך די פראַגע: וויִאַזוי האָט ער די דאָזיקע יאָרן באַלויכטן,

---

פון אַ גרעסערער אַרבעט.

ווען די נײַע וועלט־אָנשויונג האָט אין אים ערשט אָנגעהויבן ברויזן?"

לויט דער טעמאטיק כאַפּן בערגעלסאָנס נאָוועלן ארום אַלע וויכטיקסטע עטאַפּן פונעם סאָוועטישן לעבן — אָנהייבנדיק פונעם בירגערקריג און אײַנגעשלאָסן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע.

דאָס וויכטיקסטע, וואָס בערגעלסאָן האָט דערגרייכט אין זײַנע נאָוועלן, — דאָס איז די נײַע אָפּשאצונג פונעם פאָלקסמענטש, פונעם ארבעטנדיקן, דאָס אײַנזען אין דעם געוויינלעכן מענטשן א רעוואָליוציאָנערע שעפערישע קראַפט, א סוביעקט פון דער געשיכטע.

אין בערגעלסאָנס נאָוועלע האָט אַף אַן אָרגאנישן אויפן זיך באוויזן אַן אינטערנאציאָנאַלער פּערסאָנאַזש. דער מאָטיוו פון אינטערנאציאָנאַליזם און פעלקער־פרײַנטשאַפט האָט דורכגעדרונגען דעם גאנצן אינהאלט פון זײַנע קורצע דערציילונגען. עס דארף אויך פארצייכנט ווערן, אז בערגעלסאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן „דיסטאַנץ"־קאָנצעפּציע, וועלכע ער האָט אנטוויקלט אין דעם אמאָליקן ארטיקל „דיכטונג און געזעלשאַפטלעכקײַט" (1919). ער האָט גענומען שרײַבן זײַנע נאָוועלן אונטערן פרישן אײַנדרוק פון דער לויפנדיקער צײַט, און גראָד די דאָזיקע נאָוועלן זײַנען די אינטערעסאנטסטע בא בערגעלסאָנען, די אָרגאנישסטע און איבערצײַגנדיקסטע.

פאָרגעזעצט און אנטוויקלט דאָוויד בערגעלסאָנס טראדיציע האָבן אונדזערע עלטערע נאָוועליסטן: מ. דאניִעל, ש. גאָדינער, נויעך לוריע.

דאניִעלס נאָוועלע צייכנט זיך אויס מיט אינטערעסאנטע שילדערונגען פונעם נײַעם סאָוועטישן שטייגער אין פּראָצעס פון ווערן — באם סאמע אָנהייב פון דער רעוואָליוציע („ראכמיִעל נאכט־שוימער", „פריידיקע שטעט", „דער כאווער זאלמען", „א ליטעראַרישער אָוונט"). זי האָט ארײַנגעטראָגן ניט ווייניק שארפזיניקע, בײַסיקע איראָניע איבער די זיך ראנגלענדיקע רעשטלעך פונעם אלטן לעבן („אָפּפאל"). דאניִעלס נאָוועלע פאַרמאָגט אַן אינטריגירנדיקן, שפאנענדיקן, אָפּט אויסטערלישן, פילפלאניקן סוזשעט, שטימונגספולע סיטואציעס. זײַן סטיל — א ראָמאנטיש־דערהויבענער, מאָלערישער.

ש. גאָדינער איז געקומען צו זײַן נאָוועלע מיט א גאנץ שווערן וועג פון זוכענישן און בלאָנדזשענישן, אָבער ענדלעך האָט זי זיך אויסגעקריסטאליזירט אין א קלאָרער, רעאליסטישער פאָרם. גאָדינערס פּערסאָנאַזשן זײַנען שטענדיק דורכגעדרונגען מיט גרויסע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אינטערעסן, מיט מאָראַלישע און עטישע פאָדערונגען צום לעבן. דערפאר איז אין זײַנע נאָוועלן שטענדיק פאראן א פּובליציסטישע ווענדונג, וואָס שטרעבט אוועקצושטעלן אפן ערשטן אָרט דעם קאמף פאר דער נײַער קאָמוניסטישער מאָראַל. מערסטנטייל זײַנען גאָדינערס טעמעס אקטועלע און הײַנטצײַטיקע, אָבער שטענדיק זײַנען זיי פארבונדן מיט דערמאָנונגען פון דער ניט־ווײַטער פארגאנגענהײַט: פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און פונעם בירגערקריג, אין וועלכע דער אווטאָר האָט אקטיוו אָנטיילגענומען.

אין זײַנע „לינישטשער יאטן", ווי אויך אין „יודקע קאָמונארייטשיקל" און אנדערע נאָוועלן האָט גאָדינער ארײַנגעבראכט אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע דאָס געשטאלט פון „יאטן", פּונקט אזוי ווי איציק פעפער האָט עס געטאָן אין דער דיכטונג.

אין דער יערושע, וועלכע עס האָבן אונדז איבערגעלאָזן די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע נאָוועליסטן, טיילט זיך אויס נויעך לוריעס נאָוועלע מיט איר קלאָרן סוזשעט און קאָמפּאָזיציאָנעלער פארגאנצטקײַט.

די טעמע, וועלכע איז אמערסטן נאָענט דעם דאָזיקן שרײַבער, — דאָס איז דער וועג פון פארשיידענע מענטשן און שיכטן צו דער רעוואָליוציע, צו דער סאָוועטישער וועלט־אויפפאסונג, די שטערונגען, וועלכע ליגן אַף זייער וועג. און נאָך א זאך דארף מען אונטערשטרײַכן: דעם אווטאָר אינטערעסירט גראָד דער „געוויינלעכער מענטש", דער „מענטש פון דער שערענגע". נויעך לוריע שטרעבט ניט צו איבעראשן דעם לייענער מיט עפּעס אויסערגעוויינלעכס. אפילע דאן, ווען ער שרײַבט וועגן דראמאטישע און טראגישע זאכן, וואָס קומען פאָר מיטן מענטשן (די מילכאָמע־דערציילונגען), היט ער אָפּ זײַן אויסערלעכרויִקע, אָבער טיף־עמאָציאָנעלע מאניר פון שילדערן.

דאָס וויכטיקסטע, וואָס כאראקטעריזירט דעם צוגאנג צו דעם נאָוועלע־זשאנער בא אונדזער ערשטן דאָר נאָוועליסטן, באשטייט דערין, וואָס קיינער פון זיי האלט ניט די נאָוועלע פאר א פאָרם פון דער „קליינקונסט" מיט איר נייגונג צו שטעלן פאר זיך קליינע אויפגאבן. פארקערט, די אויפגאבן, וואָס די דערמאָנטע ייִדישע סאָוועטישע נאָוועליסטן האָבן זיך געשטעלט, זײַנען גראָד געווען גרויסע, די טעמעס, וואָס זיי האָבן באריִרט, זײַנען געווען באדײַטנדיקע, די געשטאלטן, וועלכע זיי האָבן געשילדערט, זײַנען טיילמאָל אפילע געווען מאָנומענטאלע, באזונדערס אין ד. בערגעלסאָנס בירגערקריגנאָוועלן. און דאָך האָבן די שרײַבער ניט געפילט זיך באענגט אין דער נאָוועלע־פאָרם. פון יאָר צו יאָר האָט זיך געלאָזט זען, ווי זיי פירן ארויס די ייִדישע סאָוועטישע נאָוועלע אַף א נײַעם, ברייטערן וועג.

מיט דעם וועג גייען אויך די נאָוועליסטן, וועלכע זײַנען טעטיק אין אונדזערע איצטיקע טעג. אויך איצט בלײַבט די נאָוועלע איינע פון די סאמע אייגנארטיקסטע דערשײַנונגען פון אונדזער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע. אייניקע שטריכן פון דער דאָזיקער נאָוועלע, ווי זי אנטוויקלט זיך אין אונדזער איצטיקער צײַט, וועלן מיר דאָ פארצייכענען.

## II

יעכיִעל שרײַבמאן איז געקומען אין דער סאָוועטישער ליטעראטור מיט זײַן ציקל נאָוועלן „דרײַ זומערס" (מאָסקווע, 1946).

געוויס פילט זיך אין אָט דעם בוך די שווערע מילכאָמע־צײַט. ס'איז אָבער קלאָר, אז פאר שרײַבמאנען איז עס ניט קיין צײַט פון פארלאָרנקײַט. דער אווטאָר פון „דרײַ זומערס" שטייט אַף א פעסטן באָדן, ער פילט אָט דעם באָדן אונטער די פיס שטענדיק, אפילע אין דער שווערסטער סיטואציע. דערפאר ציט שרײַבמאנען אזוי שטארק צו שילדערן די נאטור, וואָס איז פאר אים די פארקערפּערונג פון אָט דעם פעסטן באָדן. מיט גרויס ליבע מאָלט ער דעם אוזבעקישן פּייזאזש, די סטעפּעס און בערג, די סעדער און ווײַנגערטנער.

אַף אָט דעם ליכטיקן פאָן ווײַזט אונדז שרײַבמאן א גאנצע גאלעריי עוואקויִרטע ייִדן — באלטער, כערסאָנער, קיִעווער און קעשענעווער. ער שילדערט דעם שרעקלעכן מילכאָמע־וועג און אויך דעם צוריק־קער פון די עוואקויִרטע אין דער כאָרעווער היים: „טרויער און פרייד, גליק און אומגליק, מיִעסקײַט און שיינקײַט, געזאנג און געוויין"...

„דרײַ זומערס“ געהערט צו די בעסערע ביכער וועגן דער עוואַקואַציע בעשאס דער מילכאָמע — א טעמע, וואָס איז נאָך בא אונדז ביכלאַל ווייניק באַריִרט געוואָרן.

מיט דערפאָלג טרעט אַרויס יעכיִעל שרײַבמאַן אויך מיט נאָוועלן־מיניִאַטורן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. זײַנע פּערסאָנאַזשן געהערן צו פאַרשיידענע דורות, מערסטנטייל — קינדער. זײַנע באַאָבאַכטונגען איבערן נײַעם שטייגער אַסאָציִירן זיך אָפט מיטן אַמאָליקן לעבן („פּליגל“), און דאָס שטרײַכט נאָך מער אונטער דאָס געזונטע, נאַטירלעכע און דערהויבענע פונעם נײַעם לעבן.

פונדעסטוועגן קאָן מען די דאָזיקע מיניִאַטורן דערווײַל באַטראַכטן בלויז ווי געלונגענע פּרוּוון. אין זיי פעלט נאָך דרייסטקײַט און א מער פּאַרטייִשער צוגאַנג צו דער ווירקלעכקײַט. אייניקע שרײַבמאַנס מיניִאַטורן באַקומען זיך צופיל „פּעדאַגאָגיש“, אפילו דידאַקטיש. עס דוכט זיך אַמאָל, אַז דער אַווטאָר קוקט אויך אויפן דערוואַקסענעם ווי אויף א קינד. אפּאָנעם, אַז דער אַווטאָר אַליין איז ניט גאָר באַפרידיקט מיט זײַן אַרבעט (זע די נאָוועלע „מײַן מאַמע — מײַן לייענערין“) און ער זוכט אויך אַנדערע וועגן. דאָס איז קענטיק פון זײַן מיניִאַטור „שוועסטער“, ווו ער באַמערקט „פאַרשיידענע שטימונגען“ אפילו בא יענע פּערסאָנאַזשן, וועלכע „האָבן צווישן זיך א סאַך ענלעכעס“.

פון מיניִאַטורן פּרוּווט שרײַבמאַן לעצטנס איבערגיין צו גרעסערע נאָוועלן („שטאָט־באַלעבאַטים“, „העכער פון מוזיק“). מע דאַרף אָבער זאָגן, אַז דאָס איז נאָך אַלץ דערווײַל דער שטייגערישער „שטיל־לעבן“. די האַנדלונג איז דאָ צו „לײַכט“, אַמאָל אפילו קינסטלעך פאַרגלעט. עס זעט זיך, אַז דער אַווטאָר ווײַכט פון דראַמאַטישע קאָנפליקטן, פון לײַדנשאַפטלעכער שילדערונג. און דאָס איז געוויס א שאָד. שרײַבמאַנס נאָוועלע לײַדט דערפון, וואָס זי איז „צופיל גלאַט“. פון גלאַטקײַט איז ניט ווײַט צו אידילישקײַט, וואָס איז פרעמד דער סאָוועטישער נאָוועלע.

עס זײַנען פאַראַן טרעפלעכע באַאָבאַכטונגען אויך אין מאַרק ראַזומניס קורצע נאָוועלן. נאָר אויב שרײַבמאַן ווענדט די הויפּט־אויפמערקזאַמקײַט אויף דער קאָנקרעטער לעבנס־שילדערונג, זײַנען ראַזומניס מיניִאַטורן דעריקער געבויט אויף דעם אַווטאָרס ראַיוינעס. דער רעאַלער פאַקט דינט אים בלויז ווי אַן אָפּשטויס־פּונקט פאַר באַטראַכטונגען איבער לעבנס־פראַגן. דערבײַ זײַנען די באַטראַכטונגען גופא דערווײַל ניט טיף און אָפטמאָל קלינגען זיי רעזאָניִאָריש. מאַרק ראַזומני קען אויסבויען א נאָוועלע, ער האָט לעבנס־קענטעניש, ער האָט אויך שפּראַך. נאָר דאָס אַליין איז, אפּאָנעם, נאָך ווייניק.

א קלאָר־אויסגעשפּראָכענע נייגונג צו דער קורצער נאָוועלע האָט אויך שירע גאָרשמאַן. וועגן וואָס זי זאָל ניט שרײַבן — וועגן דער געזעלשאַפטלעכער סוויווע צי וועגן דער נאַטור — פילן מיר די דערפאַרונג פון א מענטשן, וואָס האָט דורכגעמאַכט א שווערן לעבנס־וועג.

אין גאָרשמאַנס נאָוועלן הערן מיר אָפט פּערעצעס „דער קאַס פון א ייִדענע“ און גלײַכצײַטיק פילט זיך אין זיי דער גוואַלדיקער „קויעך פון לעבן“ (ווי די שרײַבערין האָט אָנגערופן איר ערשטן בוך). אין איר שאַפן זײַנען פאַרקערפּערט אָט דיביידע „סטיכיעס“. קאָן זײַן, דערפאַר זײַנען אייניקע אירע נאָוועלן לויטן געבוי נאָענט צו פּערעצעס דערציילונגען (פאַרגלײַך גאָרשמאַנס „א ווײַבערישער שמועס“ און פּערעצעס „מוסער“).

שירע גאָרשמאַנס שפּראַך איז אָנגעזאַפּט מיט לײַדנשאַפט, פאָלקסטימלעכער צוגעבונדנקײַט צום מענטשן און צו דעם, וואָס רינגלט אים אַרום. אָבער דער קרײַז פון אירע באַאָבאַכטונגען, דער מאַסשטאַב פון דער האַנדלונג איז דערווײַל נאָך צו קליין. וואָס מער שירע גאָרשמאַן וועט זיך „אַרײַנמישן“ אין אונדזער הײַנטצײַטיקן לעבן, אַלץ מער אידייִש־צילגעווענדט וועט ווערן איר שאַפן, אַלץ מער וועט זיך איר אײַנגעבן צו באַהערשן דעם „קאַס פון א ייִדענע“, וואָס קאָן אַמאָל זיך פאַרוואַנדלען אין „נײַן מאָס רייד“.

א מײַסטער פון דער קורצער נאָוועלע איז אָן שום ספק איציק קיפּניס. זײַנע מיניִאַטורן זײַנען גאַנץ אָפט געווידמעט די נײַע, שפּאָגל־נײַע לעבנס־דערשײַנונגען. קיפּניס ווייסט און פילט, אַז „די צײַט גייט“ (א נאָמען פון זײַנעם א בוך), און ער מערקט אָפּ אין זײַן נאָוועלע אַלערליי ענדערונגען אינעם נײַעם שטייגער, אינעם לעבן פונעם נײַעם מענטשן. און ניט נאָר ער מערקט אָפּ, — ער באַוווּנדערט זיי און באַזינגט מיט עפּעס א מין קינדערשער פרייד, מיט דער פרייד פון מאָטל פּייסי... אין זײַן דערציילונג „אויפן וועג צום שטעטל“ לייענען מיר: „דער א י צ ט ע ר האָט מיטאַמאָל אַזויפיל אַלץ געענדערט, אַז איך האָב בוכשטעבלעך ניט געגלייבט מײַנע אייגענע אויגן און האָב ניט דערקענט די שטאָט...“

אין זײַנע דערציילונגען פון דער מילכאָמע־צײַט („שכיינים“, „ברידער“) האָט אונדז קיפּניס באַוויזן דעם סאָוועטישן פּאַטריִאָטיזם און די ווידערשטאַנדפייִקײַט פונעם סאָוועטישן מענטשן, פונעם ייִדישן האָרעפּאַשניק.

זייער אייגנאַרטיק און פאָלקסטימלעך־רעאַל גיט ער איבער די באַציִונג פונעם שטעטלדיקן און דאָרפישן פאָלקסמענטש צו דער „נײַער, פריילעכער און פאַרשײַטער וואָלאַסט“ — צו דער סאָוועטנמאַכט, וואָס האָט „זיך גענומען אַלץ איבערקערן האָרע־קאָרע, צו דער וואָלאַסט, מיט וועלכער מע קאָן זיך אַמאָל אי אַמפּערן, זיך דינגען, אי זיך ניט וועלן גלײַכן אין א סאַך זאַכן, נאָר קוים האָט זי געוויזן א שלעכטע מינע, אַז ס׳איז איר עפּעס ניט גוט, אָדער אַז זי גייט גאָר אַוועק פונדאַנען, איז אויף איטלעכן אָנגעפאַלן א שרעקלעכע מאָרעשכוירע“ („אונטערוועגנס“).

איינס פון זײַנע ביכער האָט אי. קיפּניס אָנגערופן: „צום נײַעם לעבן“. דער דראַנג צום נײַעם לעבן קלינגט בא קיפּניסן אַלס לייטמאָטיוו אויך אין אַנדערע ביכער. אָט דעם דראַנג זעט ער אײַן אויך דעמלט, ווען ער שילדערט די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן, די אויפוואַכונג פונעם קליינשטעטלדיקן מאַסן־מענטש, זײַנע ערשטע באַגערן און פאַרלאַנגען. אין גאַנג פון די ווײַטערדיקע יאָרן האָבן די דאָזיקע באַגערן אַלץ מער זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן. די סלאָוועשנער ייִדן האָבן זיך באַפרײַט פון א סאַך אייגנשאַפטן, וועלכע זיי האָבן איבערגענומען פון דער פאַרצײַטיקער קאַסרילעווקע, זיי הערן אויף צו זײַן „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס“. איציק קיפּניס גייט נאָך שריט בא שריט זײַנע העלדן, ער פאַרצייכנט די פּראָגרעסיווע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין שטעטל, — און דאָס איז געוויס די גרעסטע מײַלע פון איציק קיפּניסעס נאָוועלן. עס טרעפט אָבער גאַנץ אָפט, אַז אין זײַנע ווערק אַנטפּלעקן זיך אויך גאָר גרויסע כעסרוינעס. דאָס איז באַזונדערס קענטיק אין זײַן אַווטאָביִאָגראַפיש ווערק „מײַן שטעטעלע סלאָוועשנע“. ווי באַוווּסט, פאַרנעמט סלאָוועשנע ביכלאַל א גרויס אָרט אין קיפּניסעס שאַפן. אָבער אַזאַ מין פּאַטריִאַר־

כאַלישקייט, אזא מין ראַמאַנטיק און אידילישקייט, ווי מיר טרעפן עס אין „מײַן שטעטעלע סלאָוועשנע", האָבן מיר נאָך ניט געזען. עס איז פּאַשעט צו שטוינען. די יידישע ליטעראַטור האָט פון אזוינס ניט געוווּסט. אפילו אונדזערע קלאַסיקער, וועלכע האָבן דאָך אַלע געלעבט אין דער אַלטער וועלט, אפילו זיי האָבן אין אַמאָליקן שטעטל ניט געפונען אזויפיל „כיינען", ווי דער סאָוועטישער שרײַבער איציק קיפּניס אין זײַן נײַ ווערק „מײַן שטעטעלע סלאָוועשנע".

עס האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט פּאַסירן אזוי, אז אזא מין שרײַבער מיט אַזעלכע „סענטימענטן", ווי קיפּניס, זאָל אָפּ די עלטערע יאָרן אַרײַנפּאַלן אין ראַמאַנטיק בענקשאַפט דעם לעבן, מיט וועלכן עס איז געווען פאַרבונדן זײַן יוגנט און קינדהייט. אָבער ווי קאָן מען פאַרבלײַבן טויב און בלינד צו די רעאַלע פאַרהעלטענישן פון יענע יאָרן, — צו די סאָציאַלע געראַנגלען, וועלכע זײַנען שטענדיק געווען דער גרונט-מאָטיוו פון די בעסטע ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער?

אזא מין פאַרשפּעטיקטער פלירט מיט אַלדאָס פאַרגאַנגענע בלויז דערפאַר, ווײַל דאָס איז פאַרגאַנגענהייט, ווערט שוין א ביסל פאַרדראָסיק. ביפראַט נאָך ווען דו ווייסט, אז בא קיפּניסן איז דאָס ניט, ראַכמאָנע-ליצלאָן, א וועלט-אָנשויונג, ווי אייניקע ווילן עס מיינען...

מיר האָבן געזען ווי איציק קיפּניס באַזינגט מיט גרויס באַגײַסטערונג אונדזער הײַנטצײַטיקייט. באַזונדערס איז עס קענטיק אין זײַנע דערציילונגען און ביכער פאַר קינדער. מיט וואָס זשע קאָן מען דערקלערן די דאָזיקע „רעטענישׂ", דעם דאָזיקן דיסאָנאַנס אין קיפּניסעס שאַפן? דוכט זיך, בלויז מיט דער „סטיכיישקייט", ריכטיקער — אידייישער זאָרגלאָזיקייט פונעם שרײַבער. אזא זאָרגלאָזיקייט פּאַסט ניט פאַר אזא וואָרט-מײַסטער, ווי איציק קיפּניס.

## III

טעוויע גענס ערשטע זאַמלונג נאָוועלן איז דערשינען אין 1932 אין כאַרקאָוו און איז נאָך געווען רוי אין אַלע הינזיכטן. דערנאָך איז דורך א צענדליק יאָר ביז עס איז דערשינען די צווייטע זאַמלונג (1941). אין דעם צענדליק יאָר, וואָס ליגט צווישן ביידע זאַמלונגען, האָט זיך אין א היפּשער מאָס אויסגעקלאָרט גענס זשאַנער — די הומאָריסטישע נאָוועלע. אין יעדער נאָוועלע זײַנער איז באַרירט א באַשטימטער לעבנס-פאַקט, א פּאַסירונג, וואָס גיט אים דעם געהעריקן שטאָף פאַרן סוזשעט און סטיל. ער כאַפּט אויף דאָס טאָגטעגלעכע סאָוועטישע לעבן אין גאַנג, אין פּראָצעס פון ווערן. גענס טעמע: דאָס לעבן פונעם סאָוועטישן סטודענט, ביראָבידזשאַן, בויונג, זאַוואָד, אַרבעטער, האַרעפּאַשניקעס, אינטעליגענטן — יידן און ניט-יידן.

גענס יעדע נאָוועלע פאַרמאָגט א באַשטימטע פּסיכאָלאָגישע קאָליזיע. זײַן הומאָר — א גוטמוטיקער, א ליריש באַפאַרבטער און אַמאָל, זעלטענער, אויך א סאַטיריש-בײַסיקער.

גענס זאַמלונג נאָוועלן פון 1941 הייסט: „אין גוטן מוט". דער דאָזיקער נאָמען איז עפּשער ניט גאָר צוגעפּאַסט פאַר אַלע נאָוועלן. ער גיט אָבער א טרעפלעכן אָנדײַט אָף דעם אויטאָרס שעפערישן גאַנג, אָף זײַנע אייגנאַרטיקע קינסטלערישע אינטערפּרעטאַציעס פון די באַרירטע לעבנס-דערשײַנונגען. אין זיי איז דאָ פון דעם ריינעם גוטמוטיקן הומאָר איבער פאַרשיידענע „אומשול-דיקע" קוריאָזן ביזן בײַסיקן געלעכטער און סאַטירע, דערבײַ דאַרף מען באַמערקן, אז דער אויסטערלישער לעבנס-קוריאָז איז איינע פון גענס באַליבטע טעמעס.

„עס טרעפן אָפּט אזוינע קוריאָזן — שרײַבט גען. — א מענטש מיט דער פאַמיליע „בעזדיעטני" איז א מעטופּל מיט קינדער; א פאַרשוין מיט א פאַמיליע „אַרנטלעכער" פאַרשווענדט מעלוכישע אָדער פּראָפאַ-ריינישע געלט-מיטלען; א ייד, וואָס טראָגט די פאַמיליע „כאָסיד", איז א קריגערישער אפּיקורעס".

„קוריאָזן" טרעפן אָבער אויך פּאָזיטיווע, וואָס שפּיגלען אָפּ געזונטע לעבנס-דערשײַנונגען און לעבנס-ענדערונגען. דאָן בײַט זיך אויך דער כאַראַקטער פון גענס הומאָר.

א סעריע דערציילונגען האָט גען געווידמעט ביראָ-בידזשאַן. די דאָזיקע נאָוועלן זײַנען אָנגעזאַפּט מיט עכטן סאָוועטישן פּאַטאָס און ליבע צו אַלדאָס נײַע און אופקומענדיקע. דער אויטאָר ווײַזט דאָ די איבערגעבורט און ווידערגעבורט פונעם יידישן מאַסן-מענטש און די נײַע, געזונטע לעבנס-באַדינגונגען.

אָף דער מילכאָמע-טעמע האָט גען אַרויסגעלאָזט א זאַמלונג „דאָס פאַרבליבענע העפטל". ווידער טרעט דאָ אַרויס דער סאָוועטישער מענטש אין די פאַרשיידנסטע לעבנס-סיטואַציעס. דער האַס צום סוינע איז געגעבן אין אַן אייגנאַרטיקער שײַן — אין פאַראַכטונג און שפּאָט, אין פּאַלקסטימלעך הומאָריסטישן אָנטפּלעקן דעם סוינעס קליינלעכקייט, זײַן פּאַראַזיטיזם און ווילדקייט.

דעם געוויינלעכן סאָוועטישן מענטשן שילדערט גען אַלס גײַסטיק רײַכן, אַלס פיזיש און מאָראַליש זויבערן ריטער, וואָס קעמפט פאַר זײַן גערעכטער זאַך אָן שרעק און אָן דער מינדסטער פּאַוזע.

טעוויע גען זעצט הײַנט פאָר זײַן אַרבעט אין זשאַנער פון דער נאָוועלע. עס איז קיין צווייפל ניט, אז די הײַנטצײַטיקע טעמע וועט אים געבן גענוג לעבנס-מאַטעריאַל אָף צו פאַרטיפערן זײַנע קומענדיקע ווערק.

## IV

אָן אייגנאַרטיקע איז ה. דאָבינס שעפערישע מאַניר — א מאַניר פון פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפערונג. וועגן דאָבינען קאָן מען זאָגן, אז דער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג איז בא אים אונטערגעוואָרפן אַלץ: אי דער סוזשעט, אי דאָס נאַטור-געמעל, אי דער דיאַלאָג פון די העלדן, אי דעם אויטאָרס אייגענע רעפלעקסעס.

און טאַקע מער ווי אומעטום האָט זיך עס אָנטפּלעקט אין זײַנע פּאַרטיזאַנישע דערציילונגען, גראָד דאָ, ווו מע קאָן אזוי לײַכט אָפּקומען מיט דער אויסערגעוויינ-לעכער, אומדערוואַרטער געשעעניש און פּאַסירונג. דער שרײַבער האָט געקאָנט לײַכט אויסמאָלן פאַרשיידענע באַטאַליעס, אויסטערלישע סיטואַציעס, וועלכע זײַנען בעעמעס געווען אין דער ווירקלעכקייט און ער האָט זיי אַליין איבערגעלעבט. האָט ער זיך אָבער אַרײַנגע-לאָזט מיט גרויס האַסמאָדע און פלײַס צו שילדערן דעריקער די איבערלעבענישן פון זײַנע פּערסאָנאַזשן, זייער טאָגטעגלעכן כעזשבן-האַנפּעש. און דאָס גיט באַשטימט צו א גרויסן ווערט זײַנע נאָוועלן. די סקרופּו-ליעזע פּסיכאָלאָגישע שילדערונג פאַרמאָגט אָפּט א גרויסע און אומיטלבאַרע איבערצײַגונגס-קראַפט. דער לייענער ווערט טראַנט נאָך טראָט אַרײַנגעצויגן אין דעם פאַרב-סענעם געראַנגל פון די פּאַרטיזאַנער מיט די פאַשיסטישע מערדער, אין לעבנסשטייגער פון געטאָ.

די מײַלעס פון דאָבינס שילדערונגען באַשטייען נאָך אין דעם, וואָס ער גיט צו פילן דעם לייענער, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער דערציילט, איז בלויז אַ טראָפּן אין יאַם, בלויז עפּיזאָדן, אַז אויסדערציילן אַלץ איז פּאַשעט אומעגלעך, ווײַל דאָס באַשריבענע — איז דאָס אומגליק, וואָס איז געוואָרן שטייגער, דער העראָיִזם, וואָס איז געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך.

אָבער די מײַלעס גייען אריבער אין אַ כיסאָרן, ווען דער שרײַבער פאַרלירט די מאָס, קריכט צופיל אַרײַן אין „גאַרגערעס" פון זײַן פּערסאָנאַזש, גייט אים נאָך פּוסטריט און לאָזט אים ניט בלײַבן מיט זיך אַליין אָדער נאָך מיט עמעצן. אייניקע דערציילונגען דאָבינס פאַרמאָגן קימאַט ניט קיין סוזשעט („בענקשאַפט", „באַם טויטן קינד", „צוקער") און זעען אויס, ווי פּסיכאָלאָגישע עטיודן. ווי באַוווּסט, קאָנען געמאָלט זײַן גוטע נאָוועלן אויך אָן אַ סוזשעט אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. אָבער דאָבין ווערט אַמאָל מאָנאָטאָן אין זײַן גריבלעניש, אין זײַן אייגנאַרטיקן פּסיכאָלאָגישן, קוסטאַרישן „וואַרשטאַט", באַזונדערס, ווען ער הייבט זיך אָן „פּאָרען" און אַרומצופּן אַן איינציקן, איזאָלירטן מענטשן („גאָלד", „די מוטער", „אין שטאָט־גאָרטן").

V

צווישן אונדזערע פּראָדוקטיווסטע שרײַבער־נאָוועליסטן און דערציילער פאַרנעמט איינס פון די וויכטיקסטע ערטער יוסעף ראַבין. ער ווײַזט אַלעמאָל אַרויס אַ סאַך פרישע ענערגיע און אין זײַן שאַפן באַווײַזן זיך אַלץ נײַע און נײַע מאָטיוון.

צו יעדער טעמע האָט ראַבין אַ באַזונדער צוגאַנג, כאָטש אין אַלע זײַנע ווערק — אַפילו אין די גאָר ערשטע — איז קענטיק דער האַסטיקער, דינאַמישער סטיל (אין רוסיש רופט מען אָן אַזאַ מין שרײַבערישן סטיל «бойкий»), דער אומגעדולדיקער ריטם. ער פּרוּווט זיך אויך אַרײַנדרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון זײַן פּערסאָנאַזש, אָבער שטענדיק שטייט ער א י ב ע ר אים און ווײַזט אים, „ווער עלטער איז".

דאָ איז קעדײַ צו דערמאָנען איינע אַ ליטעראַרישע זאַמלונג, וועלכע איז בײַ אונדז אַרויסגעגאַנגען אין 1931 אונטער אַ זייער הויכן נאָמען „דער אַרבעטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור". גערעכט איז אַפּאָנעם מוישע קאַץ, ווען ער שרײַבט אין זײַן פאָרוואָרט צו אָט דער זאַמלונג, אַז „דעם אַרבעטער־טיפּאַזש האָט ניט זייער שטאַרק אָפּגעגליקט אויך אין דעם ערשטן צענדליק יאָר נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. עמעס, דאָ קאָן שוין ניט זײַן קיין רייד וועגן אַ סוביעקטיוון ניט־דערשאַצן די ראָליע פון דעם אַרבעטער מיצאַד די ייִדישע שרײַבער... אָבער פון אָנערקענען און לויבן אים מיט אַלע קויכעס ביז מאָלן אים און מאַכן אים פאַר דעם אָנפירנדיקן געשטאַלט אין זייערע ווערק איז אַ גאַנץ היפּשער מעהאַלעך..."

איך האָב דאָ ספּעציִעל געבראַכט דעם דאָזיקן אויסצוג אין צוזאַמענהאַנג מיט ראַבינס נייגונג צו שילדערן דעם אַרבעטער־טיפּאַזש. ווען ראַבין שרײַבט וועגן אַרבעטער־לעבן, וועגן „אייגענע און נאָענטע", גיט אָף אײַך אַ שטראָם אַ כוואַליע פון האַרציקן ליריזם, פון לירישן הומאָר, פון פאָלקסטימלעכער איראָניע. אין זײַנע לעצטע שטייגערישע דערציילונגען דערלויבט זיך ראַבין אַ ביסל צו שאַרזשירן זײַנע פּערסאָנאַזשן, שטעלן זיי אין געוויסע קאָמישע סיטואַציעס. דערבײַ וואַרפט ער זיך מיט ווערטלעך, מיט אַפאָריזמען, — אַמאָל געלונגען און אַמאָל אַפילו ניט גאָר געלונגען, נאָר שטענדיק האָפּערדיק, לעבעדיק און מונטער. ראַבין פּרוּווט אויך געבן פאַרבײַגייענדיק, ווען ער דאַרף עס צום רומל, אַ שטיקעלע פּייזאַזש, נאָר איר זעט גלײַך, אַז דאָ וועט ער זיך לאַנג ניט פאַרזאַמען, ווײַל ער אײַלט זיך גלײַך צו זײַנע פּאַרשוינען, צו זייערע לעבנס־פּאַסירונגען, צו דעם שפּיץ פון דער געשיכטע, צוליב וועלכן ער האָט פאַרפירט דעם גאַנצן שמועס.

איך האָב פריִער שוין אָנגעוויזן, אַז ראַבין איז איינער פון די פּראָדוקטיווסטע צווישן אונדזערע נאָוועליסטן. ער גייט גרינג און גיך איבער פון טעמע צו טעמע, פון סוויזשע צו סוויזשע. דאָס איז פאַר אַ נאָוועליסט, פאַרשטייט זיך, אַ מײַלע. אָבער עס טרעפט זיך אָפטמאָל, אַז די דינאַמישקײַט פון דער נאָוועלע ווערט פאַר י. ראַבינען אַ זעלבסטציל. די אינטענסיווע אַנטוויקלונג פונעם סוזשעט איז ניט באַגלייט מיט פונקט אַזאַ אינטענסיווער געשטאַלטן־שילדערונג. טיילמאָל באַנוגנט זיך ראַבין בלויז מיט אַ לויפיקער כאַראַקטעריסטיק. לאָמיר האָפן, אַז אין דער ווײַטערדיקער אַרבעט איבער דער טעמע וועגן אַרבעטער־לעבן וועט יוסעף ראַבין נאָך טיפער און פאַרביקער שילדערן זײַנע געשטאַלטן.

---

מיר האָבן אַ סאַך נאָוועלן און ניט ווייניק נאָוועליסטן. ניט וועגן אַלע ווערט דאָ, אין אונדזער אַרטיקל, גערעדט. עס דוכט זיך אָבער, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט אין די נאָוועלן פון די דערמאָנטע שרײַבער, האָט עפּעס־וואָס צו זאָגן אויך באַם אָפּשאַצן דעם אַלגעמיינעם וועג, מיט וועלכן עס גייען איצט אונדזערע נאָוועליסטן.

# כראָניק

## ערשטער באַנד פון דער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע

ס׳איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון דער קורצער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע.

אין דעם דאָזיקן באַנד (וואָס כאַפּט אַרום די אויסיעס A, Б, B) זײַנען זיבעצן אַרטיקלען געווידמעט ייִדישע שרײַבער. אין גענויע אָפּהאַנדלונגען ווערט דערציילט וועגן לעבן און שאַפן פון ייִסראָעל אַקסענפֿעלד, מאָריס ווינטשעווסקי, יויסעף באָווישאָווער...

אַ גרעסער אַרטיקל איז געווידמעט כאַיִם־נאַכמען ביאַליקן. אין אים ווערט אָנגעוויזן, אַז כאָטש אַ באַשטימטער טייל פון ביאַליקס פּאָעטישע ווערק איז פאַרבונדן מיט דער ציִעניסטישער באַוועגונג און דורכגעדרונגען מיט נאַציִאָנאַליסטישן ראָמאַנטישן פּאַטאָס, זײַנען דאָך די געשטאַלטן און סימבאָלן פון זײַן דיכטונג ברייטער פון זײַנע באַגרענעצטע אידעאָלאָגישע פאָרשטעלונגען. אין זײַנע בעסטע ווערק דערהייבט ער זיך ביז צום ניוואָ פון אַ נאַציִאָנאַלן פאָלקס־דיכטער. זײַנע פלאַמיקע לידער און פּאָעמעס וועגן די ייִדישע פּאָגראָמען, וועלכע עס האָט אָרגאַניזירט די צאַרישע רעגירונג, זײַנע לײַדנשאַפטלעכע רופן צום קאַמף קעגן דער נאַציִאָנאַלער אונטערדריקונג, קעגן פּאַסיווער האַכנאָעדיקײַט און קעגן בייגן דעם קאָפּ פאַר סאָציִאַלער און נאַציִאָנאַלער אומגערעכטיקײַט, זײַנע גלענצנדיקע טיף־עמאָציִאָנעלע אייגנאַרטיקע לירישע ציקלען, פּייזאַזש־ און ליבע־לידער האָבן דערוואָרבן די סימפּאַטיעס פונעם לייענער. מאַקסים גאָרקי האָט כאַראַקטעריזירט ביאַליקן אַלס „אַ גרויסן דיכטער, אַ זעלטענע און פולקומע פאַרקערפּערונג פונעם גײַסט פון זײַן פאָלק".

אינעם אַרטיקל וועגן שאָלעם אַשן ווערט אָנגעוויזן, אַז דער שרײַבער האָט געשילדערט דעם יאָך און די אויסגאַנגלאָזע לאַגע פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע אין אַמעריקע, ער האָט אָבער גלײַכצײַטיק געפּריידיקט די מאָראַל פון האַכנאָע און געהאָרכזאַמקײַט.

צווישן די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער פאַרנעמט אינעם ערשטן באַנד אַ בעקאָוועדיק אָרט דאָוויד בערגעלסאָן. עס זײַנען פאַרגעשטעלט די שרײַבער, דיכטער און קריטיקער מייער אַלבערטאָן, מוישע אַלטמאַן, זעליק אַקסעלראָד, ריווע באַליאַסנע, ראָכל בוימוואָל, כאָנע ווײַנערמאַן, ז. ווענדראָף, אַרן ווערגעליס, מייער ווינער.

## מירזאַ פאַטאַלי אַכונדאָוו

לויטן באַשלוס פונעם פּרעזידיִום פון אַלוועלטלעכן שאָלעם־ראַט ווערט אין אַקטיאַבער אָפּגעמערקט דער 150־טער געבורטסטאָג פונעם אָנגעזעענעם אַזערבײַדזשאַנער שרײַבער און פילאָסאָף־מאַטעריאַליסט מירזאַ פאַטאַלי אַכונדאָוו.

אַכונדאָוו איז דער גרונטלייגער פון דער אַזערבײַדזשאַנער רעאַליסטישער ליטעראַטור. זײַן גרעסערע דערציילונג „אַלדאַנמיש קאַוואַקיב" („אָפּגענאַרטע שטערן") איז געווען דער אָנהייב פון דער נײַער אַזערבײַדזשאַנער קינסטלערישער פּראָזע.

די גאַנצע ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט אַכונדאָווס איז געווען געווענדט קעגן דעספּאָטיזם און ווילקיר, רעליגיִעזן פאַנאַטיזם אין דער מוסולמאַנישער וועלט. זײַן שאַפונג איז דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון הומאַניזם און ברידערלעכקײַט צווישן די פעלקער.

## אַ דענקמאָל אויף שמועל האַלקינס קייווער.

אויפן נאָוואָדעוויטשער בעסוילעם איז אַנטהילט געוואָרן אַ דענקמאָל אויפן קייווער פון שמועל האַלקין.

מיט רעדעס זײַנען אַרויסגעטראָטן דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דער מאָסקווער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע ב. גאַלין, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון גאָסליטיזדאַט אַ. פּוזיקאָוו, די שרײַבער י. שטערנבערג, מ. טײַף, ג. סאַניקאָוו, ר. רובין. ש. האַלקינס לידער האָבן פאָרגעלייענט וו. זוויאַגינצעוואַ, י. קערלער, י. גורעוויטש, מ. פּעטראָוויך און יו. ניימאַן.

אויפן דענקמאָל, אויף וועלכן עס שטייט שמועל האַלקינס ביוסט, זײַנען אויסגעקריצט דער נאָמען פון פּאָעט און זײַן פאַקסימילע.

## צום יובילײ פונעם „איקוף"

עס איז געוואָרן 25 יאָר זינט אין פּאַריזש איז פאָרגעקומען דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס. די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע „איקוף", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף דעם קאָנגרעס, האָט אָפּגעשפּיגלט אַ באַדײַטנדיקע ראָליע אין קאַמף קעגן פאַשיזם און רעאַקציע, אין קאָנסאָלידירן די פּראָגרעסיווע ייִדישע שעפערישע קויכעס.

באַגריסנדיק דעם „איקוף" הײַנט, ווען דער פאַשיזם הייבט ווידער אויף דעם קאָפּ, ווינטשן מיר, אַז אָט די וויכטיקע קולטור־אָרגאַניזאַציע זאָל אויך אויף ווײַטער בלײַבן טרײַ די איקער־פּרינציפּן, וועלכע האָבן זי מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק אַרויסגערופן צום לעבן.

די קעמפערישע פּראָגרעסיווע פּלאַטפאָרם פונעם „איקוף" שליסט הײַנט אײַן אויך דעם קאַמף קעגן קאַלטן קריג, קעגן דעם אַנטיסאָוועטישן שיגאָען, פאַר פרײַנטשאַפט און שאָלעם צווישן פעלקער.

## דאָס רומפולע רוסישע שלאַכטפעלד

אַלע פעלקער פון אונדזער לאַנד האָבן פײַערלעך אָפּגעמערקט דעם 150־טן יאָרטאָג, זינט ס׳איז פאָרגעקומען די באַרימטע שלאַכט באַם דאָרף באָראָדינאָ, ניט ווײַט פון מאָסקווע.

צו דער רומפולער דאַטע האָבן ביז גאָר אַ שיינע מאָטאָנע געבראַכט אונדזערע סאָוועטישע קינסטלער. אין מאָסקווע, אויפן קוטוזאָוו־פּראָספּעקט, האָט זיך געעפנט אַ גראַנדיִעזע פּאַנאָראַם, וואָס שילדערט איינעם פון די צענטראַלע מאָמענטן פון דער באָראָדינער שלאַכט.

די דאָזיקע פּאַנאָראַם האָט געשאַפן דער אָנגעזעענער רוסישער קינסטלער פ. אַ. רובאָ צום הונדערטסטן יאָרטאָג פון באָראָדינאָ. בייס אַ סרייפע איז זי שטאַרק צעשעדיקט געוואָרן און פון דעמלט אָן האָט מען זי ניט געזען.

אַ גרופּע סאָוועטישע קינסטלער אונטער דער אָנפירונג פונעם באַוווסטן באַטאַליסט אַ. וו. יעוווסטיגנעיעוו האָט זיך אײַנגעגעבן פולשטענדיק רעסטאַווריִרן דאָס בילד.

## די פרײַנטשאַפט צווישן ליטעראַטורן

אין רעדאַקציע האָט אָנגעקלונגען פון קיִעוו דער רוסישער דיכטער לעאָניד ווישעסלאַווסקי, הויפּט־רע־דאַקטאָר פונעם ליטעראַריש־קינסט־לערישן זשורנאַל „סאָוועטסקאַיאַ אוקראַיִנאַ“.

— איז עס עמעס, — האָט ער געפרעגט, — אַז מײַנע „שטערן־סאָנעטן“ זײַנען אָפּגעדרוקט אין יִדיש?

— יאָ, עמעס. עס האָט זיי איבער־געזעצט דער פּראָגרעסיווער דיכטער פון יִיסראָעל פ. בינעצקי און זיי זײַ־נען פאַרעפנטלעכט אין דער צײַטונג „פרײַ יִיסראָעל“.

— איך בעט אײַך, גיט איבער מײַן דאַנק דעם פרײַנט בינעצקי און דער רעדאַקציע פון „פרײַ יִיסראָעל“.

בײַם דעם שמועס האָט אונדזער קאָרעספּאָנדענט געבעטן דעם כ׳ ווי־שעסלאַווסקי, ער זאָל ארויסזאָגן זײַן מיינונג וועגן יעכיִעל פאַליקמאַנס ראָמאַן „פאַרורטיילטע נעמען גע־ווער“, וואָס איז ניט לאַנג צוריק דערשינען אין קיִעוו אין דער או־קראַיִנישער איבערזעצונג.

— אויף אוקראַיִנע לייענט מען פאַליקמאַנס ראָמאַן מיט גרויס שפּאַנונג. אין אים זײַנען געשיל־דערט קאָלאָריטפולע געשטאַלטן פון מעסירעסנעפּעשדיקע קעמפער, אָנ־טיילנעמער פונעם ווידערשטאַנד קעגן די היטלעריסטן און פון די שלאַכטן אין געטאָ.

איך האַלט, אַז אַזאַ בוך האָט אַ ווערט אויך אַלס לײַדנשאַפטלעכער רוף צו זײַן וואַכזאַם, ניט דערלאָזן די ווידעראויפלעבונג פונעם פאַשיזם.

## אונדזערע יובילאַרן

◆ די פילצאָליקע צושויער פון טשערנאָוויצער יִדישן עסטראַדע־אַנ־סאַמבל באַגריסן וואַרעם זײַן קינסט־לערישן אָנפירער סידי טאַל צו איר פופציקסטן געבורטסטאָג.

סידי טאַל איז געקומען אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד אין 1940. שוין דעמאָלט איז זי געווען באַקאַנט אַלס באַגאַבטע שוישפילערין. באַם יִדישן פאָלקס־מענטשן פון רומעניע האָבן אויסגענומען אירע לעבנספרײדיקע, אָפּטימיסטישע פאָרשטעלונגען, גע־שאַפענע אונטער דער אָנפירונג פו־נעם רעזשיסער און דיכטער יאַנקעוו שטערנבערג.

בײַ אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז סידי טאַל זייער גיך פּאָפּולער געוואָרן מיט אירע עסטראַדע־קאָנ־צערטן. אירע פאָרשטעלונגען קומען פאָר בײַ פולגעפּאַקטע זאַלן.

די פּראָגראַם, מיט וועלכער סידי טאַל טרעט איצט אַרויס, הייסט „מאַזלטאָוו“. מאַזלטאָוו זאָגן מיר הײַנט דעם ליבן יובילאַר. מיר ווינטשן דער טאַלאַנטפולער יִדישער אַקטריסע, זי זאָל נאָך אַ סך יאָרן פאַרשאַפן פרייד און פאַרגעניגן דעם דאַנקבאַרן צושויער.

• • •

◆ אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 50־יאָריקן יובילײ פון אַלעקסאַנדער גובניצקי איז אין דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאָרגעקומען אַ וואַרעמע באַגעגעניש. דעם יובי־לאַר איז צוגעטראָגן געוואָרן אַ באַ־גריסונגס־אַדרעס, אין וועלכן צווישן אַנדערס ווערט געזאָגט:

„די אַרבעטער־סוויווע, מיט וועל־כער איר זײַט אַ גאַנץ לעבן ענג פאַרבונדן, נערט אײַער שאַפונג, און דערפאַר טאַקע זײַנען אײַערע ווערק אַזוי נאָענט דעם סאָוועטישן לייע־נער“.

• • •

◆ עס איז אויך געוואָרן 50 יאָר דעם דיכטער מייער כאַראַץ. די רעדאַק־ציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ און די מאָסקווער יִדישע שרײַבער האָבן אָפּגעשיקט קיין טשערנאָוויץ אַ באַ־גריסונגס־טעלעגראַמע דעם יובילאַר.

אונטערשטרײַכנדיק די שעפערישע אייגנאַרטיקײַט און קינסטלערישע רײַפקײַט פונעם דיכטער, ווינטשן אים די מאָסקווער שרײַבער צו שאַפן נײַע באַדײַטנדיקע ווערק.

• • •

◆ מייער אַקסעלראָד, איינער פון די אָנגעזעענסטע יִדישע סאָוועטישע קינסטלער, איז אַלט געוואָרן 60 יאָר. זײַנע בילדער, פּאָרטרעטן און פּיי־זאַזשן, וואָס ווערן זייער אָפט עקס־פּאָנירט אויף פאַרשיידענע אויסשטע־לונגען, צייכענען זיך אויס מיט אָרי־גינעלקײַט און פרישקײַט. מ. אַקסעל־ראָדס ווערק געפינען זיך אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, אין פּושקין־מוזיי (מאָסקווע), אין רו־סישן מוזיי (לענינגראַד) אאַ. דעם סאָוועטישן צושויער און לייענער איז אויך באַוווּסט אַקסעלראָדס פּרוכט־באַרע אַרבעט אין בוך־וועזן און אין טעאַטער.

## שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אויף כינעזיש

די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט דערהאַלטן פונעם כינעזישן שרײַבער־פאַרבאַנד אַ בריוו, אין וועלכן ס׳ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט:

„עס איז פאַר אונדז זייער געוווּנטשן צו קריגן די ווערק פון די יִדישע סאָוועטישע שרײַבער. דאָס וועט אין אַ גרויסער מאָס פאַרלײַכטערן די אויפגאַבע צו באַ־קענען דעם כינעזישן לייענער מיט דער יִדישער לי־טעראַטור.

ברייט איז הײַנט צו טאָג פאַרגעשטעלט אין כינע שאָלעם־אַלייכעם, ער איז שוין בײַ אונדז פון לאַנג אַן „אייגענער מענטש“, אַ גוט באַקאַנטער און באַליבטער נאָמען. דער פאָרזיצער פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון דער פאָלקס־כינע מאַאָ דון האָט אַזוי זיך אָפּגערופן וועגן דעם גענ̇יאַלן יִדישן הומאָריסט: מיט זײַנע ווערק דערלאַנגט שאָלעם־אַלייכעם אַ האַרבן קלאַפּ איבער דער אַכזאָריעס־דיקער אָרדענונג, וואָס באַזירט זיך אויף עקספּלואַטאַציע. זײַנע ווערק זײַנען פול מיט גלייבן אין דער ליכטיקער צוקונפט פון דער מענטשהײַט. יעדעס זײַטל פון זײַנע ביכער שפּרודלט מיט ביטערן הומאָר, וואָס נעמט פאַר דער נעשאָמע, יעדעס בלעטל צווינגט דעם לייענער צו פאַרקלערן זיך איבערן געזאָגטן, צווינגט לאַכן, צווינגט וויינען. שאָלעם־אַלייכעמס ירושע איז אַ קאָלאָסאַלע. ער איז אַ דיכטער, אַ בעלעטריסט, אַ דראַמאַטורג, אַ לי־טעראַטור־קריטיקער. שאָלעם־אַלייכעמס פּראָזע איז אַ ווערטפולער אוצר פון דער וועלט־ליטעראַטור. זײַן שע־פערישע מי, זײַן ריזיקער ליטעראַרישער אופטו האָבן אויסערגעוויינלעך באַרײַכערט דעם גאָלדענעם פאָנד פון דער וועלט־קולטור. שאָלעם־אַלייכעמס ווערק געהערן צו די גײַסטיקע רײַכטימער פון די פעלקער“.

א בריוו אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט

אויך צוגעשיקט דער כאַווער טשען אוזשען־גואַן, אַן אָנגעזעענער שרײַבער און איבערזעצער, פּראָפֿעסאָר אין אוניווערסיטעט אפֿן נאָמען פֿון סון יאַט־סען אין דער שטאָט גואַנטשזשאָו.

„דאָס כינעזישע פֿאָלק, — שרײַבט טשען אוזשען־גואַן, — האָט אַליין אַ סאַך איבערגעלעבט אין די פֿינצטערע יאָרן, איידער עס איז געוואָרן באַפֿרײַט. דערפֿאַר, נאַטירלעך, איז בײַ אים באַליבט שאָלעם־אַליכעם. מיר זעען אין אים אַן אומדערמידלעכן קעמפֿער פֿאַרן גליק פֿון זײַן פֿאָלק, אַ גרויסן הומאָריסט, וואָס האָט שאַרף און אומבאַראַכמאָנעסדיק דעמאַסקירט און אַנטבלויזט די דורכגעפֿוילטקייט פֿונעם קאַפּיטאַליזם. קעדיי צו באַקענען אונדזער פֿאָלק מיטן גרויסן ייִדישן שרײַבער, האָט דער כאַווער מאַאָ דון נאָך אינעם 1925 יאָר איבערגעזעצט שאָלעם־אַליכעמס „אַ מענטש פֿון בוענאָס־אײַרעס". דאָס איז געווען די ערשטע איבערזעצונג שאָלעם־אַליכעמס אַף כינעזיש. נאָך דעם האָט מען אין כינע אָפּגעדרוקט אַרום 30 ווערק פֿונעם באַליבטן מעכאַבער. איך פּערזענלעך האָב איבערגעזעצט „פֿונעם יאַריד", „שיר־השירים" און אייניקע אַנדערע זאַכן — זיי זײַנען דערשינען אין דער פֿאָלקס־אויסגאַבע אין פּעקין. איך ווייס ניט, צי ס'איז באַקוועם צו שרײַבן וועגן דעם, נאָר כ'וויל זיך ווענדן צו אײַך מיט אַזאַ ביטע. איך וואָלט וועלן קויפֿן שאָלעם־אַליכעמס רוסישע אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען בײַ אײַך. די צאָל עקזעמפּליאַרן, וואָס מיר האָבן באַקומען, האָט מען אויספֿאַרקויפֿט".

צום בריוו איז בײַגעלייגט אַ מאַטאָנע — שאָלעם־אַליכעמס „פֿונעם יאַריד", וואָס טשען אוזשען־גואַן האָט איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן אַף כינעזיש.

דער שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿאָלקס־כינע האָט צוגעשיקט אַ רעשימע פֿון שאָלעם־אַליכעמס ווערק אין דער כינעזישער איבערזעצונג און אויך אַ ריי קריטישע אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען וועגן דעם ייִדישן פֿאָלקס־שרײַבער. צווישן אַנדערע ווערק זײַנען אין כינע דערשינען:

א מענטש פֿון בוענאָס־אײַרעס, איבערזעצט פֿון שען יאַן־בין (מאַאָ דון). שאַנכײַ, פֿאַרלאַג „שאַן או". דאָס זעלבע ווערק איז אָפּגעדרוקט אויך אין דער זאַמלונג „שניי־מענטש". שאַנכײַ, פֿאַרלאַג „קײַמין".

פֿינף שאָלעם־אַליכעמס דערציילונגען. זאַמלונג. איבערזעצונג פֿון לו יאַן. שאַנכײַ, פֿאַרלאַג „קײַמין".

דער גליקלעכסטער אין קאָדנע, איבערזעצט פֿון ליו אָר־כאָו. שאַנכײַ, פֿאַרלאַג „גע יו".

מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, איבערזעצט פֿון יאָאַ אײַ־ען. שאַנכײַ, פֿאַרלאַג פֿאַר קינדער־ליטעראַטור.

פֿונעם יאַריד, איבערזעצט פֿון טשען אוזשען־גואַן. פּעקין, פֿאַרלאַג „פֿאָלקס־ליטעראַטור".

געלעכטער דורך טרערן. זאַמלונג. פּעקין, פֿאַרלאַג „פֿאָלקס־ליטעראַטור".

אויסגעוויילטע ווערק אין צוויי בענדער. שאַנכײַ, פֿאַרלאַג „ליטעראַטור און קונסט".

פֿון די אָפּרופֿן און אַרטיקלען וועגן שאָלעם־אַליכעמען וועלן מיר אָנרופֿן די פֿאָלגנדיקע: שען יאַן־בין (מאַאָ דון). „פּערעץ און ראַבינאָוויטש". געדרוקט אינעם בוך „נײַע ייִדישע ליטעראַטור". שאַנכײַ, פֿאַרלאַג „שאַן או". שען יאַן־בין (מאַאָ דון). „ראַבינאָוויטש". געדרוקט אינעם בוך „שניי־מענטש". פֿאַרלאַג „קײַמין". וואַן לו־יאַו. „שאָלעם־אַליכעם". געדרוקט אין דער „זאַמלונג פֿון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער". שאַנכײַ, פֿאַרלאַג „קײַמין". טאַן טשזשען. „שאָלעם־אַליכעם". זשורנאַל „וועלט־ליטעראַטור". צאַאָ צזין־כואַ. „די זון גייט אויף אַף מיזרעך". צײַטונג „זשעמין זשיבאַאָ".

אין בוך „דער גליקלעכסטער אין קאָדנע" איז אַלס פֿאָרוואָרט געגעבן א. גורשטיינס מאָנאָגראַפֿיע „שאָלעם־אַליכעם".

## פֿון דער אויסלענדישער ייִדישער פּרעסע

# „1962, מאָסקווע. איוורית־רוסיש ווערטערבוך"

אונטער אַזאַ קעפּל איז אין דער טעל־אַוויווער העברעישער צײַטונג „הארץ" פֿאַרן 13 יולי 1962 אָפּגעדרוקט געוואָרן אַן אַרטיקל פֿונעם פֿאַרוואַלטער פֿון דער צענטראַלער טעאָלאָגישער ביבליאָטעק פֿון ייִסראָעל „היכל שלמה" ד"ר. צווי האַרקאַווי, וואָס האָט האָיאָר באַזוכט דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

מיר ברענגען דאָ אין אַ ייִדישער איבערזעצונג דעם טעקסט פֿון דעם דאָזיקן אַרטיקל.

„אומגעפֿער מיט אַ יאָר צוויי צוריק האָט דער מעלוכע־פֿאַרלאַג פֿון ווערטערביכער אַף אויסלענדישע און נאַציאָנאַלע שפּראַכן (פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער) מיטגעטיילט, אַז אין 1961 וועט דערשײַנען אַן איוורית־רוסיש ווערטערבוך, וואָס וועט אַנטהאַלטן בעערעך 30 טויזנט ווערטער. דער טיראַזש — 100 טויזנט עקזעמפּליאַרן. דאָס ווערטערבוך איז צונויפֿגעשטעלט דורך פֿײַוול (לייבאָוויטש) שאַפּיראָ — אַ לעקטאָר פֿונעם קורס פֿון פּראַקטישן איוורית, וואָס ווערט געלייענט אינעם מאָסקווער אוניווערסיטעט. אין זײַנע בריוו צו אַ ריי פֿילאָלאָגן אין ייִסראָעל, געשריבן אין אַ שפּראַך פֿון אַ געלערנטן איוורית־קענער, האָט ער צו וויסן געגעבן, אַז די אַבאַנירונג אַפֿן ווערטערבוך איז אינגאַנצן פֿאַרענדיקט און עס וועט דערשײַנען אין 1961. איצט אַרבעט ער שוין אַף דער צווייטער אויפֿלאַגע און בעט צושיקן אים הײַנטצײַטיקן לעקסיגראַפֿישן מאַטעריאַל.

שאַפּיראָ איז געווען אַ מענטש מיט טעאָלאָגישער בילדונג, מע זאָגט אַפֿילע, אַז ער האָט געהאַט סמיכע אַף ראַבאָנעס (ער האָט געאַרבעט אַלס היימישער לערער בײַ דער אַקטריסע פֿון „האַבימאַ" כ. ראָווין), נאָר קיין קאָמפּעטענטער וויסנשאַפֿט־מאַן איז ער ניט געווען. דעריבער האָט מען די רעדאַקציע פֿון זײַן ווערטערבוך אָנגעטרויט דעם פּראָפֿעסאָר בענציאָן גראַנדע, וואָס אַרבעט אַף דער קאַטעדרע פֿון סעמיטישע שפּראַכן באַם מאָסקווער אוניווערסיטעט. גראַנדע איז אַ זון פֿון אַ ליטווישן ראָוו (שפּעטער געוואָרן מאָסקווער ראָוו, געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק). ער האָט צוערשט שטודירט מעדיצין (צוזאַמען מיטן דאָקטער יעשיִע יעווין, לאַוראַט פֿון דער ביבל־פּרעמיע), דערנאָך סעמיטישע שפּראַכן, דעריקער אַראַביש. מיט פֿופֿציק יאָר צוריק האָט ער באַזוכט פּאַלעסטינע, איז דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט און האָט דערלערנט די איוורית־ספֿאַרדישע שפּראַך.

גראַנדע האָט צוגעגרייט צום דרוק צוויי ביכער, וועלכע וועלן דערשײַנען אין אַ סאָוועטישער מעלוכישער אויסגאַבע: 1) קורס פֿון אַראַבישער גראַמאַטיק (פֿון היסטאָ־

רישן שטאנדפונקט; 1962), 2) אריַינפיר צום פארגלייַך־שטודיום פון סעמיטישע שפראכן (1963).

בייס דער ארבעט איבער דער קאָרעקטור פונעם ווערטערבוך (אין סענטיאבער 1961) איז געשטאָרבן שאפיראָ, אין עלטער פון 83 יאָר. די דערשיַינונג פונעם ווערטערבוך האָט זיך פארהאלטן. אין די סאָוועטישע ביולעטענען האָט זיך אָבער באוויזן א מיטיילונג, אז דאָס ווערטערבוך וועט ארויסגיין פון דרוק אומגעפער אין 1962, האגאם עס איז געווען פארשפרייט די מיינונג, אז אין צוזאמענהאנג מיטן טויט פונעם אווטאָר וועט דאָס ווערטערבוך שוין ניט דערשיַינען.

פאר מיַין אָפפאָר קיין סאָוועטנפארבאנד צוליב וויסנשאפטלעכע צוועקן האָבן פאָרשטייער פון דער שפראך־אקאדעמיע און איינער א כאָשעווער וויסנשאפט־פאָרשער געבעטן מיך, איך זאָל זיך דערוויסן וועגן דעם גוירל פונעם ווערטערבוך. עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז אפילע אין לענינגראד האָבן דער פראָפעסאָר יִצכאָק וויניקאָוו און אנדערע איוורית־פאָרשער ניט געוווּסט, וואָס איז געשען מיטן ווערטערבוך.

ערשט דעמלט, ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע און האָב זיך באגעגנט מיטן פראָפעסאָר גראנדע, איז מיר געוואָרן באוווּסט, אז ער גרייט א נייַע רעדאקציע פונעם ווערטערבוך און וועט עס אָפגעבן אין פארלאג אין מעשעך פון היַינטיקס יאָר. ער האָט שוין געהאט די קאָרעקטור און האָט מיר געגעבן די ערשטע 12 קאָרעקטור־זיַיטן. זאָגן א מיינונג וועגן דעם ווערט פונעם ווערטערבוך און זיַין לעקסיגראפיע וועלן מיר קאָנען דאן, ווען עס וועט זיַין אינגאנצן אָפגעדרוקט. ס׳איז, פארשטייט זיך, זייער וויכטיק, אז דאָס מאָסקווער ווערטערבוך זאָל דערשיַינען היַינטיקס יאָר.

א פאָרשטעלונג וועגן דעם אינהאלט פונעם ווערטערבוך קאָן מען באקומען, ווען מע באקענט זיך מיט דער רעשימע פון די וואָרט־קירצונגען אין די פארשיידענע אָפטיילן. אזעלכע אָפטיילן זיַינען פאראן ארום הונדערט. אינטערעסאנט איז די שטעלונג פונעם סאָוועטישן געלערנטן וועגן דער אמאָליקער העברעיִשער שפראך און דעם היַינטציַיטיקן איוורית, וואָס איז די לעבעדיקע שפראך פון דער מעלוכע יִסראָעל. די דאָזיקע שטעלונג איז בוילעט ארויסגעדריקט שוין אינעם שארבלאט, אינעם קעפל „איוורית“. אָט דער שטאנדפונקט ווערט טאקע קאָמענטירט און אנטוויקלט אין גראנדעס פאָרוואָרט“.

וויַיטער ברענגט דר. צווי הארקאווי דעם פולן טעקסט פון בענציִען גראנדעס פאָרוואָרט צום ווערטערבוך. צום באדויערן, מוזן מיר עס דורכלאָזן צוליב מאנגל אין אָרט.

° ° °

די רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד“ האָט זיך געווענדט צום מעלוכע־פארלאג פון ווערטערביכער אף אויסלענדישע און נאציִאָנאלע שפראכן מיט אן אָנפראגע וועגן דער פאקטישער זאכלאגע מיטן ווערטערבוך „איוורית־רוסיש“. דער הויפט רעדאקטאָר פונעם פארלאג ק. א. מארצישעווסקאיא האָט אונדז מיטגעטיילט פאָלגנדיקס.

העכער א העלפט פונעם ווערטערבוך איז שוין פולקום גרייט — די בויגנס געפינען זיך אין פראָצעס פון דרוקן. אף דער צווייטער העלפט ארבעט מען איצט און זי וועט האיאָר אונטערגעשריבן ווערן צום דרוק.

דאָס ווערטערבוך, וואָס אנטהאלט 50 אווטאָר־בויגן, וועט דערשיַינען אינעם ערשטן קווארטאל פון 1963.


**СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)**

**Орган Союза писателей СССР**

**ИЗДАТЕЛЬСТВО «СОВЕТСКИЙ ПИСАТЕЛЬ»**

*(на еврейском языке)*

Главный редактор **А. Вергелис**

Редколлегия: **А. Гонтарь, Г. Добин, Б. Миллер, Н. Ойслендер, Р. Рубина, М. Тейф, И. Фаликман, С. Фрай**

Ответственный секретарь *М. Лев*

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отдел прозы — Б 3-96-07; отделы поэзии и критики — Б 8-49-42

Художественный и технический редактор *И. Шустер*

Подписано к печати 15/IX 1962 г. Тираж 25 000 экз. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 8(10,96). Уч.-изд. лист. 12,79. Бум. л. 4+вкладка 1/8 л. Цена 50 коп. Зак. 740

Московская типография № 3 «Искра революции» Мосгорсовнархоза

גרענלאנדער.

## ראָקוועל קענט — דער גרויסער מאָלער און פאָלקסקעמפער

ס׳איז א שטאָלץ צו וויסן, אז דער אכציקיאָריקער וועלט־באַרימטער קינסטלער ראָקוועל קענט, איינער פון אמעריקעס בעסטע מאָלער, איז אין די רייען פון דער קעמפנדיקער פראָגרעסיווער אמעריקאנער באוועגונג.

ראָקוועל קענט איז באשאָנקען מיט א סאך טאלאנטן — און זיי אלע האָט ער געשטעלט צו דינסט דעם פאָלק. ער האָט איין קאוואָנע אין זײַן פילפאכיקן שאפן: טיילן זיך מיטן פאָלק אין אנטפלעקן און באנעמען די שיינקײַט פון לעבן, פון דער נאטור, פונעם פאָלק גופע.

קענט, דער שעפער פון ווונדערלעכע מאָלערײַען און צייכענונגען, פארנעמט אן אָנגעזען פלאץ אויך אין דער אמעריקאנער ליטעראטור. ער איז דער מעכאבער פון א צאָל ביכער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אָריגינעלקײַט, פרישקײַט פון סטיל.

די גרויסע ווונדער פון דער נאטור זײַנען אויסגעגאָסן אף זײַנע מאָלערײַען פון בערג, טאָלן, יאמען, טײַכן, שניי און אײַז, זון און פרילינג, און איבער אלץ הייבט זיך ארויס זײַן עפיש געשטאלט פונעם גוורעדיקן, דרייסטן, העלדישן מענטשן, דעם גײַסטיק־קרעפטיקן, שרעקלאָזן בען־אָדעם, וואָס איז זויבער און ציכטיק אין זײַן מאָראל און וועלט־באנעם און וואָס ראנגלט זיך אָן מוירע קעגן קאָלערליי שוועריקײַטן.

צוליב זײַנע געוואגטע ראדיקאלע ארויסטרעטונגען אין קאמף פאר שאָלעם און פראָגרעס, קעגן רעאקציע און אנטיסעמיטיזם, קעגן מאכשייפע־געיעגן און געדאנקען־קאָנטראָל איז דער באליבטער פאָלקס־קינסטלער פיל מאָל פארפאָלגט געוואָרן דורך די מאקארטיס פון פארשיידענע צײַטן. ניט געקוקט אף אלע שוועריקײַטן און רעדיפעס, איז ער ארויסגעקומען דער זיגער. דערפאָלגרײַך איז זײַן קונסט, וואָס איז שטענדיק ענג פארבונדן מיטן פאָלק.

בער גרין

(„מאָרגן־פרײַהײַט“, ניו־יאָרק)




וואכזאמקייט איז א גאראנטיע
פאר פרייהייט.

„און אין זעלנערישע העלמען וועלן פייגל פלעכטן זייערע נעסטן“.

# כאַנוקאַס-האַבאַיִס

ווערטער פון כ. ביידער. — מוזיק פון ל. יאמפאלסקי.




פארשפּעטיקט האָט איר צו דער סימכע?
איר ווייסט ניט, וואָס קומט בא אונדז פאָר?
איר ווייסט ניט, וואָס איז די געדולע? —
ניט וויכטיק, באלד ווערן וועט קלאָר.
איר גיט נאָר א קוק אין די אויגן —
די גאנצע מישפּאָכע ווי שײַנט:
בא אונדז איז כאנוקאס־האבאיִס!
כאנוקאס־האבאיִס איז הײַנט!..

די פּענצטער צעעפנט די ברייטע,
מיט פאָרהענגלעך זיי ניט פארשטעלט.
ווער דורכגיין פארבײַ — זאָל ער וויסן:
מיט גליק יעדער ווינקל דאָ קוועלט.
די טיר ניט פארשלאָסן פאר קיינעם,
ווער ס'קומט — איז דער טײַערסטער פרײַנט.
בא אונדז איז כאנוקאס־האבאיִס!
כאנוקאס־האבאיִס איז הײַנט!..

געבויט האָבן אלע דעם ביניען,
באם טיש זעצט זיך אלע אוועק —
א רוס, א ווײַסרוס, אן אוקראינער,
א ייִד, א טורקמען און אוזבעק.
א לויב אונדזער פרײַנטשאפט — און זאָלן
צעפּיקעניש האָבן די פײַנט:
בא אונדז איז כאנוקאס־האבאיִס!
כאנוקאס־האבאיִס איז הײַנט!..

א דאנק אונדזער טײַערן היימלאנד,
א דאנק יענע ערלעכע הענט,
וואָס האָבן מיט הארציקער ליבע
די פעסטקײַט געגעבן די ווענט.
די קויסעס פילט אָן ביז די ברעגן —
לעכאיִם! טרינקט אלע דעם ווײַן!
בא אונדז איז כאנוקאס־האבאיִס —
און מאָרגן בא אײַך וועט עס זײַן.

Цена 50 коп.

# Советиш Геймланд

**·СОВЕТСКАЯ РОДИНА·**

**В НОМЕРЕ**

Н. Остроумов. На космодроме (репортаж).
А. Вергелис. Слушай, Америка (поэма).
Э. Ривош. Записки узника рижского гетто.
Э. Шехтман. Накануне. Роман (Окончание).

**Рассказы** Р. Баумволь, Я. Брыля, Т. Гена.

**Стихи** И. Боруховича, Х. Вайнермана, А. Веледницкого, В. Данько.

**Трибуна жизни**

Ш. Горшман. Приезжайте, когда зацветут тюльпаны.
Я. Штернберг. В Народной Румынии.

**Литературно-критические статьи**

М. Шац-Анин. Литература и гуманизм.
Х. Лойцкер. О творчестве Р. Балясной.
И. Серебряный. Новеллы и новеллисты.

This material was made publicly available by the

**Heritage Projects Foundation**

info@yiddish-culture.com

**https://yiddish-culture.com**

© The Heritage Projects Foundation